STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08270

OYF VAKATSYE

Sem Liptsin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



פאַרלאַג „אמכא“ • ניו יאָרק, 1957

אויף וואַקאַציע

Oif Vakatzie

(On Vacation)

•

Copyright, 1957, by
SAM LIPTZIN
New York, N. Y.

•

PRINTED IN U.S.A.

פּראָמפּט פּרעס

113 — 4טע עוועניו, ניו יאָרק 3, נ. י.

209

פונ׳ם זעלבן מחבר:

גוט מאָרגן
אַ פריילעכס
קריג און זיג
קאַמפסלוסטיג
לאָמיר זינגען
ניט געדאַיגעט
אַ גוט־יאָנטעוו
הערט אַ מעשה
רויטע פעפערלעך
פאַר רויטע אָוונטן
שפּיל — צום ציל
אַמאָל איז געווען...
לעבעדיג און לוסטיג
פאַר פרייד און פרידן
מיט געזאַנג אין קאַמף
געקעמפט און געלאַכט
אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט
צע־לאַכ־עס די טרערן
אויף לייטיש געלעכטער
איך לאַך פון דער וועלט
פּראָוואָקאַטאָרן, אַ שאַנד פאַרן
אידישן פאָלק! (פאַמפלעט)
קוועקזילבער׳ס פענשטיפערייען
„אין ספאַיט אָוו טיערס״ (ענגליש)
פאַר קליין און גרויס

גרייט צום דרוק:

1) „נעכטיגע טעג״ (מעשהלעך פון די קינדער־יאָרן)
2) „פון שטאָט צו שטאָט״ (רייזע עפּיזאָדן)
3) „הומאָריסטישע לידער, אַפאָריזמען און עפּיגראַמען״

SAM LIPTZIN • 2815 Barker Avenue, Bronx 67, New York

אינהאַלט

אַ אינדיק אין בויך (מאָנאָלאָג) 7
איר כאַפּט פיש? (מאָנאָלאָג) 11
וואָס ווייסט איר פון „אַלסערס״? (מאָנאָלאָג) 15
רעד צו דער וואַנט... (הומאָרעסקע) 19
פאַרלאָרן וואָג... (מאָנאָלאָג) 23
פון יענע האָטעלן... (מאָנאָלאָג) 28
„מיסטער לאָטמיך״ (אַ טיפּ אַזאַ) 31
אַ זומער־היים (מאָנאָלאָג) 35
בראַיטאָן ביטש (מאָנאָלאָג) 38
אין „האָטעל קאָכאַליין״ (מאָנאָלאָג) 42
דאַטשע און וואַקאַציע (מאָנאָלאָג) 46
כ׳פיל זיך ווי אין דער היים (מאָנאָלאָג) 49
חי — געלעבט (הומאָרעסקע) 52
אַ קרענק ווייסט איר... (מאָנאָלאָג) 59
אַ באַלעבאָס מיט צרות... (מאָנאָלאָג) 59
ווער פאַר רו — ווער פאַר אַרבעט (בילד) 62
זי קרענקט אויף מיין חשבון... (מאָנאָלאָג) 67
אַ באַרעדעוודיקער פּאַסאַזשיר... (מאָנאָלאָג) 71
פאַרשפּילט אַ וואַקאַציע... (רעציטאַציע) 77
פאַרסט אויף רו — לאָז אַלץ צורו... (רעציטאַציע) 80
„פּלעזשור״... (רעציטאַציע) 82
דער קאַסטומער איז גערעכט... (גראַמירטער שפּאַס) 85
ס׳טאָ קיין צייט!... (מאָנאָלאָג) 87
אַ מלחמה איבער אַ פּילקע (מאָנאָלאָג) 90
עלטער־פּענסיע (מאָנאָלאָג) 94
ער לעבט מיט רעכענונג... (פּען־שטיפעריי) 98
אוי, די „אַלט־ראַיטעס״... (מאָנאָלאָג) 101
אַ טעלעוויזיע אויף מיין קאָפּ... (מאָנאָלאָג) 104
„קולינג־סיסטעם״ (הומאָרעסקע) 107
„אויף אַ רעגנדיגן טאָג״... (פּען־שטיפעריי) 110
„באַרגנס״... (הומאָרעסקע) 114
דאַרף מען גיין אין קאַלעדזש?... (אַ טיפּ אַזאַ) 117
אַ סוכה צו פאַרדינגען... (פּען־שטיפעריי) 120
אַ מציאה פאַר אַ גנב... (מאָנאָלאָג) 123
אַפּאָריזמען — אויף פאַרשידענע זייטן
שער־בלאַט — י. זעלדין

אַ דאַנק אייך!

אין דעם גרויסן געראַנגל פאַר אַ זוניגן מאָרגן, וואָס וועט זיכער קומען, לעבן מיר איבער שווערע טעג.

פיל איך זיך גליקלעך, ווען עס געלינגט מיך אָפּט מיט מיין שרייבן אַרויסצורופן אַ שמייכל ביי אידישע פאָלקס־מענטשן, יונג אָדער אַלט.

עס איז פאַר מיר די בעסטע באַלוינונג, ווען איך קאָן מיט מיין וואָרט זיך באַטייליגן אין קאַמף פאַר פרידן און פרייד.

ביי דער געלעגנהייט דריק איך אויס מיין האַרציגן דאַנק צו די ספּאָנ־סאָרס, צום בוך־קאָמיטעט און צו די לייענער און פריינט, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט די דערשיינונג פון מיין פינף־און־צוואַנציגסטן בוך.

סעם ליפּצין

ניו יאָרק

הערי קעסלער
דר. מאַקס סילווער
(דעם שול־בויער, לזכרון זיין טאָכטער עוועלין)
ראובן האָך
נעטי און נייטאָן גאָלוב
סאָפי באָבריק
אַנאַ ווייסמאַן (די מאַמע)
ראשע און יוסף שאַפּיראָ
א. מאגידסאָן
מרים באומעל
דוד שקלאַר
דזשוליוס באַרנבאום
היימאַן סילווער
שמואל און דבורה בעקער
יעקב און פייגל אדלער
גאָלדע דוביצקי
(לזכרון דעם קולטור־טוער אברהם)
א. פּאָזנאַק
א. ראַמבאַם
יוסף און ביילע טשאַרנאָווער
חיים שלמה נאגאָשינער
שמואל קאופמאַן
סעם הייבער
פיליפּ גאָלדבערג
העלען ראָזענמאַן
אָסקאר לאנדיס
דוד קיש
יוסף ווין
פּאול טשערי
דזש. קאָבלענץ

אברהם קאָלב
מאָריס שניידערמאַן
לייבל האָפמאַן
אַראָן זאַליטשין
טעסי בעלקין
מאַקס מאַנדעל
בעסי סיגל
מיני מאקאָווסקי
סערע קאָהן
וו׳ם קאופמאַן
סאָל פּאַסיקאָוו
אירווינג און פרוי אדעסער
סעם און אסתר סטוירן
עליאַס מאַרקס
שרה שקאָלניק
אסתר און סעם קעלערמאַן

איבער׳ן לאַנד

אסתר און יעקב ר. פעלדמאַן
טשאַרלז און חנה פרידמאַן
וועלוול און איידע קאַפּלאַן
וו׳ם דאַנציג
מר. און מיסעס זעלמאַן
מר. און מיסעס רובין
באָריס און יעטא גורשטיין
יוסף און ראוז גרינשפּאַן
סעם לעווין
(לזכרון זיין פרוי איוואַ)
שאול האָפמאַן
י. און סידי דזשייקאָבסאָן
ג. קאָהן
ט. פייגען
נייטאַן קאַרפּילאָוו

משה און חיה אָקרענט
מענדל און חיה גאָלדע עסטרין
מאָריס סיטרין
חוה און ישראל שורעק
דזש. קאָרט
סאל רעכטמאַן
הערי מאַרגאָליס
העלען ראָזענאָף
דר. לעאָ און טילי מייזאָוו
פרענק און פרוי מעלניק
וו׳ם דזש. קאַלקער
בערטא און חיים עפּשטיין
שמואל און איוואַ שוואַרץ
אַנאַ בונין
סעם בלייוואס
אסתר און איזי בעקער
סילוויע און דזש. קאָהן
סעם און פרידא ברענער
יעקב ראבינאָוו
סעם און בעטי ראבינאָוו
איזידאָר לעווין
יעקב און יהודית מייסטער
משה און פרוי ראַהינסקי
מ. און מאַרטא לענשיטץ
נייטאָן און סילוויע אפּעל
ש. י. רעלין
אייב און מערי ראָזען
ראוז ווייס
דוד און פרוי סיימאָן
מאָריס און חנה בין
סעם מאנעוויטש
סאָפי נוגער
ליבי שאַפּירא

מיט ליבשאַפט מיין פרוי

אַ נ אַ ב ע ל׳ ן

אויף וואַקאַציע

• • •

נוצן דעם מאַטעריאַל פונ׳ם בוך פאַר איבערדרוקן, איבערזעצן, אָדער באַנוצן אויף דער בינע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע — איז פאַרווערט אָן אַ דערלויבעניש פון מחבר.

אַ אינדיק אין בויך...

ווי איך זע, זענט איר אויך איינער פון די, וואָס געדענקען די אַמאָליקע יאָרן.

אַי, די אַמאָליגע יאָרן! ווער האָט דאָס געוואוסט פון אַזעלכע נאַריש־קייטן ווי אַ וואַקאַציע? אויף וואַקאַציע זיינען געפאָרן די רייכע, די הול־טאַיעס, אָדער די, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּאָרט זייער אייגנס אַביסל „קאָנ־סאַמפּשאָן״, ס׳הייסט „טי־בי״, ניט פאַר אייך געדאַכט.

אָבער מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר האָבן געוואוסט, אַז אויב דער שאָפּ אַר־בעט ניט צוליב דער היץ, אָדער „סלעק״, איז מען געלאָפן אין קאַנאַרסי אָדער קוני־איילאַנד.

מ׳האָט גענומען די סטריט קאַר, וואָס האָט געקאָסט אַ ניקל פאָרן, און געפאָרן איז מען אפשר דריי שעה פאָרן געלט... אַ וואורשטל האָט גע־קאָסט אַ ניקל, אַ גלאָז ביר — אויך אַ ניקל. און אַ דריי־טאָן זיך אויף דעם „מערי גאָ ראַונד״ — אויך ניט מער ווי אַ ניקל.

אַזוי האָט מען געהאַט אַ טאָג וואַקאַציע פאַר פופצן־צוואַנציג סענט...

פאַרגעסט אויך ניט, אַז מ׳איז געווען מיט אַ מיטוואָך אינגער. זאָרג־לאָז, אַליין, אָן אַ יאָך, — און טאָמער האָט מען נאָך געוואָלט „אויסנעמען״ אַ מיידל מיט זיך, האָט געקאָסט נאָך אַ פופצן סענט.

איך אַליין בין דאָן געווען, ווי איר קוקט מיך אָן, אַ גאַנצער ספּאָרט, פלעג איך אויך „טריטן״ דאָס מיידל מיט אָן אייז־קרים סאָדע — האָט מיר געקאָסט נאָך אַ ניקל...

אָבער פון די אַמאָליגע יאָרן ביז היינט, מיין פריינט, איז שוין אַ קימאַ־לן פון אַ פערציג־פופציג יאָר. דורך דער צייט האָט מען זיך אויך אַביסל אַרויפגעאַרבעט, עס איז אויך אונטערגעקומען אַ ווייב, קינדער, אייניקלעך און אַ — אַ מאָדע אויף וואַקאַציע.

ווער, מיינט איר אַשטייגער, האָט געשאַפן די מאָדע? די דאָקטוירים! זיי ווילן זיך אָפּרוען פאַרן זומער, הייסן זיי די פּאַציענטן פאָרן אין קאַונטרי...

ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַליין איינער פון יענע יאַלדן, וואָס פאָלגן דעם דאָקטאָר.

אַריין בין איך צו אים מיט אַ קלייניקייט, וועגן אַ הוסטעלע מיט אַ

פייף... פון דערפאַרונג ווייס איך שוין, אַז דעם פייף — פייפן מיר אַן אַלע־מאָל די פּאַפּיראָסן, און אַז דאָס הוסטעלע איז דעם פייפ׳ס באַגלייטער — ווי אַ פּיאַנאָ צום פידל...

הכלל, דער דאָקטאָר האָט מיך אויסגעהערט, אויסגעקלאַפּט מיר די ביי־נער און דערנאָך האַלט ער פאַר מיר די דרשה:

— ערשטנס, דאַרפט איר וויסן, אַז איר זענט שוין ניט קיין יונגערמאַנ־טשיק. און צווייטנס, מוזט איר שטענדיג געדענקען, אַז אַ מענטש האָט צוויי הענט, צוויי פיס, צוויי אויגן, צוויי נאָזלעכער, צוויי עטאַזשן ציין, אָבער בלויז איין האַרץ. און איר ווייסט דאָך, — שפּאַסט ער אונטער, — מער ווי איין האַרץ פאַר אַ קאָסטימער קאָן מען ניט קריגן... ראָט איך אייך, אַז איר זאָלט באַלד פאָרן אויף וואַקאַציע, און טאַקע ניט אויף צוויי וואָכן, נאָר אויף גאַנצע זעקס וואָכן.

אָט אַזוי, זעט איר, פּלאָג איך מיך שוין דאָ באַלד גאַנצע זעקס וואָכן.

נאָר מאָדנע איז, וואָס געהייסן האָט מיר דער דאָקטאָר צופאָרן אין די בערג, נאָר ניט דערוועגן זיך צו גיין אויף די בערג. דערצו האָט ער מיר נאָך אָנגעזאָגט, אַז איך מוז פאַרלירן כאָטש אַ צוואַנציג פונט. וויל, זאָגט ער, „ס׳איז ניט פאַר אייערע כוחות זיך אַרומצושלעפּן אַ גאַנצן טאָג מיט אַ צוואַנציג־פונטיגן אינדיק אין בויך, און ביינאַכט נאָך אים מיטנעמען אין בעט אַריין... אויב אָבער איר וועט מיך ניט פאָלגן, לאָכט ער זיך אונטער, וועט איר מיטן אינדיק גיין אַ גאַנג און די קרעטנבעריס וועלן בלייבן״...

— איז וואָס זאָל איך טאָן? — פרעג איך אים, דעם דאָקטאָר.

זאָגט ער מיר:

— איר דאַרפט גאָרניט טאָן, איר דאַרפט בלויז האָבן אינזינען, ווען ס׳קומט צום עסן דאַרפט איר אָדער אָוועקשטופּן דעם טיש פון זיך, אָדער — זיך פונם טיש...

איז, וואָס זאָגט איר ניט צו מיין דאָקטאָר? שטופּן ביי אים אַ טיש, אָדער זיך אָוועקשטופּן, הייסט גאָרניט טאָן...

און וואָס הייסט איך זאָל שטופּן אַ טיש פון זיך? מ׳וועט דאָך מיך אָנ־קוקן ווי משוגע! עס זיצן דאָך ביים טיש חוץ מיר נאָך אַ זיבן, אָדער ניין מענטשן, וועלכע האָבן באַצאָלט בלוטיגע געלטער, און ווילן טאַקע עסן...

נו, און פאַרקערט ווידער, זיך אָוועקשטופּן פון טיש, זאָג איך אייך פראָסט און פשוט, ניט איך האָב קיין האַרץ, און ניט איך האָב קיין כוח...

נאָר פונדעסטוועגן, פאַר אייך דערציילנדיג, האָט ער, דער דאָקטאָר, מיך אַזוי אָנגעשראָקן, אַז עס גייט מיר שוין ניט איין דער ביסן.

קומט צו פרישטיק, איך שטיי אויף אַ הונגעריגער, אַ גאַנצע נאַכט ניט געגעסן, מוז איך גלייך נעמען ציילן זיך די „קאַלעריס״. אַזוי ווי קיין גרויסער בעל־חשבון בין איך ניט, פּרוביר איך שניידן, רייסן שטיקער פון זיך:

עס איך מיר בלויז אַ שטיקעלע לאַקס, אַ ברעקעלע הערינג, אַ געבאַקטע בולבעלע, אַ בולקעלע מיט פּוטער, אַ שיסעלע סיריעל, אַ צוויי איי־עלעך, אַ טעפּעלע קאַווע און אַ קיכעלע אָנגעשמירט מיט איינגעמאַכטס...

מעגט איר מיר גלויבן, אַז אַלץ צוזאַמען איז דאָס ביי מיר אויף איין צאָן. נאָר — אַז איך וויל זיך אַ ריר טאָן, זיך אָפּרוקן פון טיש, איז ווי איך וואָלט געדאַרפט אָפּרוקן אַ באַרג פון זיך...

און וואָס, מיינט איר, איז מיט מיטאָג? ווידער שטייט מיר דער צוואַנציג־פונטיגער אינדיק פאַר די אויגן און „האַלדערט״: „די קרענבעריס וועלן שוין עסן אַנדערע״...

נעם איך מיר עפּעס אַ קלייניקייט פאַר אַפּעטיט, דערנאָך אַ טעלערל זופּ, אַ שטיקעלע פיש, אַ דריי־פיר בלינצעס מיט סמעטענע, אַ רייז־פּודינקל מיט אַ טעפּעלע קאַווע, אָדער מילך, און מער גאָרנישט. אָבער דאָס איז שוין גענוג, אַז איך זאָל אַריינוואַקסן אין שטול. איך קאָן זיך שוין ניט אַ ריר טאָן פון אָרט.

און אַז איך פרעג דעם האָטעל־קיפּער, פאַרוואָס פאַלט דאָס זיין עסן אַזוי שווער? — שפּאַסט ער, אַז ער קאָכט אומיסטן שטיינער, כדי זיינע געסט זאָלן צוקריגן וואָג...

און וועטשערע? מילא, נו. וועגן דעם באַנקעט ביינאַכט וועל איך שוין בעסער אינגאַנצן ניט רעדן, וויל פון דעם שנייד איך קיינמאָל ניט אָפּ טרוקן. אדרבא, זעט אַליין!

מ׳גיט אייך אַ פאַלומעסיק געהאַקטע לעבער, האָט איר אייך אַ פאַרשפּייז נומער איינס. דערנאָך קומט אַ טעלערל מיט געפּילטע קרויט און אַ שטיקעלע צונג אין זיס־אונזויער, אָדער עפּעס אַנדערש. האָט איר שוין פאַרשפּייז נומער צוויי. דערנאָך, פאַרשטייט זיך, קומט אַ טעלערל יויך מיט אַ צוויי אָדער דריי קניידלעך, וואָס ליגן אַרומגעבעט מיט לאָקשן, פאַרפל אָדער קאַשע.

ערשט איצט דערלאַנגט מען אַ פערטל עוף, קאַטשקע, אָדער פליש, פאַרפּוצט פון איין זייט מיט מערן־צימעס און פון דער צווייטער זייט אַ שטיקעלע פּודינג אָדער קישקע. איך זאָג אייך, אַז אפילו ניט עסנדיג דאָס מוז מען זיך באַלעקן. איבערהויפּט, אַז מ׳עסט דאָס נאָך מיט אַ שטיקעלע

זויערע אוגערקע, אַביסעלע קרויט — דאַן איז דאָס שוין גאָר מלא־טעם, עס בעט זיך נאָך...

אָבער וואָס טויג מיר דער טעם, אַז גלייך נאָכדעם ווי איך עס אָפּ אַזאַ וועטשערע כאַפּ איך זיך, אַז איך האָב ניט געגעסן קיין טשיקן און קיין קאַטשקע, נאָר איר פּיל, אַז אין בויך איז מיר אָנגעוואָקסן אַ נייער אינדיק פון צוואַנציג פונט, און ווער ווייסט, צי די קרענבעריס וועט ניט עסן עמי־צער אַנדערש?...

וואָס? איר שפּאַסט פון מיר, פאַרוואָס איך גיב זיך ניט אָפּ בעסער מיט אַ גוטן בוך, מיט אַ צייטונג, מיט מוזיק — ווי טאָג און נאַכט מיטן עסן?

פּאָלג מיך אַ גאַנג — זיך זעצן לייענען מיט מיינע מידע אויגן! איך זאָג אייך, ווען איך דאַרף ניט גיין נעמען אַביסל „באַקאַרבאָנעיט סאָדע" וואָלט איך שוין אַזוי איינגעשלאָפן ביים טיש.

וואָס, איר לאַכט אויך פון די „סאָדע־נעמער"? זענט איר דאָך אַ מחותן מיטן האָטעל־אייגנטימער! ער זאָגט, אַז ניט דאָס עסן וועט אים אַזוי ברעכן, ווי דאָס, וואָס מ'האַלט ביי אים אין איין טרינקען סאָדע...

הערט אַ חוצפּה! עס קאָסט מיר צוויי־און־זיבעציג דאָלאַר אַ וואָך, חוץ טיפּס, וויל ער נאָך מסתמא, איך זאָל ברענגען אייגענע „באַיקאַרבאָנעיט"...

איך האָב דאָס אים אפילו געזאָגט: „מיסטער קוגלער", — אַזוי הייסט ער, אונדזער האָטעל־אייגנטימער, — „וויפל, דענקט איר, פאַרנוץ איך „באַיקאַרבאָנעיט סאָדע"? דריי־פיר קעסטלעך אַ וואָך? טאָ רעכנט מיר נאָך אַכצן סענט און — לאָזט מיך לעבן...

נאָר מאָדנע איז, הערט איר, וואָס דער האָטעל־אייגנטימער האָט ווי צו־להכעיס היינט דערלאַנגט צום טיש אינדיק... דער געבראָטענער אינדיק האָט געקוקט צו מיר און איך צו אים. איך האָב עס אָבער אין מויל ניט גענומען, ווי מיר וואָלטן געווען דם־שונאים...

איך וועל אָבער גאָרניט זיין איבערראַשט, אַז ווען איך וועל אַהיימ־קומען וועט דער דאָקטאָר מיר ווידער זאָגן, אַז איך האָב אַ אינדיק אין בויך און — ער וואַקסט...

איך כאַפּט פיש?...

ווי איר קוקט מיך אָן בין איך ניט פון די וואָזשנע פיש־כאַפּער. כאָטש מיין ווייב זאָגט מיר אָפּט, אַז לויט די גוזמאַ׳ס, תירוצים און מעשיות וואָס איך דערצייל זיך אָן וועגן פיש — דאַרף איך, זאָגט זי, יאָ זיין איינער פון די אמת׳ע פיש־כאַפּער...

דעם אמת געזאָגט, האָב איך ליב צו כאַפּן פיש פון טעלער, הייסע, געפילטע, באַפּוצט מיט רייפלעך מערן און מיט אַ טעצעלע כריין ביי דער זייט.

צי פיש האָבן ליב כריין ווייס איך ניט, נאָר איך וועל אייך פאַר גוט שטיקעלע פיש מיט כריין אַוועקגעבן דעם שור־הבר מיט יענער וועלט...

אָבער איך האָב ליב צו כאַפּן פיש אויך אין וואַסער, איבערהויפּט ווען איך קום אויף וואַקאַציע.

פיש כאַפּן, פאַרשטייט איר מיך, איז אַ קונסט. עס זיינען פאַראַן כאַ־פּערס און — כאַפּערס... אָט, ווי למשל, אויף וואָל סטריט.

אויף וואָל סטריט זיינען פאַראַן כאַפּערס, וואָס כאַפּן דאָ אַ פּאָר טויזנטער, דאָרט אַ פּאָר טויזנטער. און סוף־כל־סוף כאַפּן זיי אָן אַפּשניט און פאַר־לירן די „לאַין”, די וועגטקע, הייסט עס. אָבער עס זיינען אויך פאַראַן די גרויסע כאַפּערס, די וואָס כאַפּן ניט קיין „פליאַטקעס”, נאָר האָבן דעם אמתן „לאַקי קעטש”, דעם מזל׳דיגן כאַפּ... די, פאַרשטייט איר מיך, ווערן באַ־טראַכט פאַר קינסטלער און זייער כאַפּן מיינט ווי זיי וואָלטן אַריינגעכאַפּט אַ קדושה... זיי, אַז זיי גיבן אַ דריי די ווענטקע שלעפּט זיך אַלע מאָל נאָך דער ריכטיגער פיש...

ווי איר זעט, גיב איך זיך ניט אָן פאַר קיין פיש־כאַפּער, אָבער די שטומע פיש־שפּראַך פאַרשטיי איך צוביסלעך, און אַז איך גיב אַ וואָרף אַריין די ווענטקע, מעג זיך דער פיש האַלטן ביי דער מעלה און זיין שטום — ווי אַ פיש... נאָר פריער־שפּעטער קריג איך אַ קול־מבשר... די בלעזלעך זאָגן מיר שוין אָן, אַז איך האָב אַן אורח אויף שבת...

פונדעסטוועגן זאָג איך אייך, אַז אָפּט איז מיר פריקרע דאָס פיש כאַפּן, איך האָב פיינט ווען מ׳קוקט אויף איינעם אַ בעל־גוזמאַ׳ניק, אַ ליגנער, אַ מעשה־דערציילער פון אויפן דעק־ים אַ יאַריד. און מ׳גיט אים אַ מעסט אָפּ מיט די אויגן, וואָס זאָגן פראָסט־פּשוט: דער חברה־מאַן מוז זיין אַ פישער־

יונג, ווייל אויף דער יבשה האָבן מיר נאָך אַזאַ ליגנער און מעשה־פלעכטער ניט געטראָפן...

איר פאַרשטייט, אַט אַזאַ זאַך האַלט אַפּ אַ מענטשן, וואָס איז אין דער „לאַין”, צו דערציילן זאַכן, וואָס זיינען שוין אפילו אמת. אַט ווען מיין ווייב גיט מיר אַ זאָג, אַז לויט די ליגנס וואָס איך דערצייל איר, דאַרף איך זיין אַ גוטער „פיש־כאַפּער” קען איך איר שוין ניט דערציילן אַט אַזעלכע זאַכן, וואָס איך בין זיכער, אַז ווען איר האָט ניט אַט־די ליסענע אויפן קאָפּ, וואָלטן זיך אייך די האָר געשטעלט קאַפּויר.

דער אמת איז, אַז אַנדערע באַרימטע פיש־כאַפּער וואָלטן זיך מיט דעם באַרימט און איבערדערציילט צו הונדערטער מענטשן, אָבער איך האָב פיינט צו דערציילן זאַכן, וואָס קלינגען ווי נסים, אָדער באַרימעריי, אפילו ווען דאָס אַלץ איז זיבן־און־זיבעציק קערעט גאָלד...

נאָר אויב איר האָט אינזינען צו נעמען אַמאָל אַ ווענטקע אין האַנט און פּרובירן אייער מזל אויפן וואַסער, מעגט איר דאָס הערן:

איין מאָל, אַ פרימאָרגן, האָב איך שטאַרק געוואָלט כאַפּן עפּעס רעכטס, פּשוט צו־להכעיס מיין מיטפאָרער, אַ וויסטן קאַליקע, וואָס קאָן אפילו ניט אַרויפטאָן דעם ביסן פאַר׳ן פיש. יענער האָט שוין גראָד געהאַט ביי זיך אין קעסטעלע גאַנצע זעקס פיש, און איך — איך האָב געקוקט ווי אַ הון וואָס שטייט ביים ברעג און קוקט ווי קאַטשקעס שווימען...

בין איך מיר אַזוי אָפּגעשטאַנען אַריבער צוויי שעה. מיטאַמאָל דערפיל איך אַ משא פון דעם ריכטיגן העכט, איך הויב אָן זייער פאָרזיכטיג צו ציען די ווענטקע, פּרוביר נאָכגעבן אַביסל צום פיש, און נעם זיך ווייטער צום ציען.

מיין מיטפאָרער איז געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט. ער האָט פּשוט מיין פיש ניט פאַרגונען דעם ביסן... און איך וואַרף אַ קוק אויף מיין שכן און אויף מיין קרבן. מיין האַרץ צאַפּלט זיך ווי עס וואָלט אַליין געווען אויף אַ ווענטקע... אָבער ווי נאָר איך ברענג די „לאַין” צום ברעג כאַפּ איך זיך, אַז איך האָב געכאַפּט ניט קיין פיש, נאָר — אַ שוך.

ווער איך שטאַרק אין כעס, כאַפּ דעם שוך און גיב אים אַ וואַרף אַריין צוריק אין וואַסער. נאָר דאָ האָב איך באַמערקט ווי פון דעם פליענדיגן שוך איז אַרויסגעפאַלן עפּעס אַ זייגערל. דריי איך אינסטינקטיוו אויס מיין קאָפּ אַ קוק טאָן צו מיינע שיך און דעם זייגערל אין זיי און כאַפּ זיך, אַז איך האָב שוין בלויז איין שוך... דעם צווייטן האָב איך פריער אַריינגעשליידערט ווען איך האָב געוואָרפן די „לאַין” און ניט באַמערקט וואָס איך שלעפּ אין וואַסער. דערנאָך האָב איך מיין אייגענעם שוך מיטן זייגער אין

אים אַליין אַרויסגעשלעפּט. און צום סוף — אַליין ווידער אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַריין. איצט הערט דעם סוף: מיט דריי וואָכן שפּעטער גיי איך ווידער כאַפּן פיש און כאַפּ מיר אַ בר־מצוה בחור, אַ העכט פון דרייצן פונט... איך ברענג דעם פיש אין הויז צו מיין ווייב, נעמט זי זיך אים צורעכט מאַכן, נאָר ווי זי עפנט אים אויף, שרייט זי אויס: „טשאַרלי, אָט איז דיין זייגער!“

איך גיב מיר אַ נעם דעם זייגער אין האַנט אַריין, און וואָס זאָל איך אייך זאָגן: ער גייט, ווי איך וואָלט אים איצט אָנגעצויגן...

און אַז ס'איז שוין געקומען צורייד, מוז איך אייך דערציילן וועגן נאָך אַ פּאַסירונג. איך האָב עס אַליין געהערט פון דעם קאַפּיטאַן אויף דער פישער־שיף, און צווישן די פופציק־זעכציק פּאַסאַזשירן האָט זיך ניט גע־פונען איינער וואָס זאָל דאָס אָפּלייקענען...

אין איין פאַרטאָג, דערציילט דער קאַפּיטאַן, ווען ער איז נאָך געווען אַ פּשוט'ער פיש־פאַנגער, איז ער געשטאַנען אַ פאַרזאָרגטער ביים ברעג טייך מיט דער ווענטקע אין האַנט און געקוקט אויף דער בלויער ווייט־קייט, טרוימענדיג פון אַ העכטל אויף שבת. מיטאַמאָל האָט זיך פאַר זיינע אויגן גענומען שפּאַלטן דאָס וואַסער, די כוואַליעס האָבן געשלאָגן אַזוי הויך, אַז דער גאַנצער אַרום איז שיעור פאַרטרונקען געוואָרן. און פּלוצלינג איז אַרויסגעשפּרונגען אַ פיש. ער איז ניט געווען זיכער צי איז דאָס אַ וואַל־וויש, צי אַ לוויתן, אָבער גרויס — ווי אַ שיף.

הונגעריג איז ער, ווייזט אויס, געווען שרעקלעך, דער פיש, הייסט עס, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די „לאַין“ מיטן ווערימל אויפן האַטשעק און גענומען שלעפּן און שלינגען און אָט — פאַרברעכט דער קאַפּיטאַן מיט די הענט — אָט בין איך שוין אין זיין פּיסק...

„איך וויל ניט נאָכלאָזן אַזאַ „לאַקי קעטש“ און ער, דער פיש, וויל ניט נאָכלאָזן אַזאַ טייערן ביסן“, — דערציילט דער קאַפּיטאַן ווייטער, — „נאָר איידער וואָס ווען, פיל איך, אַז איך גליטש זיך שוין ביים פיש אין בויך... מיין גליק איז געווען וואָס דער פיש איז, ווייסט אויס, שוין געווען אויף דער עלטער, זיינע ציין האָבן שוין ניט געאַרבעט, בין איך געבליבן מיט גאַנצע ביינער... חוץ וואָס איך האָב פאַרלאָרן דעם קאָנטראָל אויף מיין „לאַין“...

„ווען איך בין געקומען אַביסל צו זיך, — דערציילט ווייטער דער קאַפּיטאַן, — האָב איך זיך געמאַכט באַקוועם, ווי אַ פיש אין וואַסער, און גענומען טראַכטן, וואָס מאַכט מען עפּעס פאַר וועטשערע. פאַרשמעקט האָט מיר אַ גוט שטיקל קאַוויאַר, האָב איך אַרויסגענומען פון קעשענע מיין מע־

סערל און אָפּגעשניטן אַ פריש שטיקל קאַוויאַר טאַקע פריש פון בויך אַרויס... איך זאָג אייך, ס'איז געווען מלא־טעם, הלוואי קריגט מען אַזוינס אין אַ רעסטאָראַן...

„נאָכן עסן, — דערציילט ער ווייטער, — נעם איך מיר אַרויס מיין ליולקע, פאַררויכער זי און — ווי איך גיב נאָר דעם ערשטן ציִ, ערשט מיין פיש פאַרהוסט זיך און הויבט אָן ניסן... איידער וואָס ווען האָב איך דערלאַנגט אַ „דאַיוו״, ס'הייסט, אַ שפרינג אַראָפּ ביים פיש פון דער גאָמבע גלייך צום אָפּגרונד, אַז מיין ליולקע מיטן טאַבאַק איז מיר אַרויסגעפאַלן פון צווישן די ציינער און גלייך ווי אין וואַסער אַריין...

„אַזוי בין איך מיר אַוועק אַהיים אָן פיש אויף שבת, אָן אַ „לאַיך״, אָן אַ ליולקע און טאַבאַק.

„אויפן וועג פאַלט מיר איין אַריינצוגיין אין אַ פיש־קראָם און כאַטש קויפן אַ פּאָר פונט פיש — זאָל מיין ווייב ניט לאַכן פון מיר, אַז מעשיות וועגן פיש דערצייל איך ווי אַ פיש־כאַפּער, נאָר אַז עס קומט צו כאַפּן פיש, כאַפּן אַנדערע און איך בין נאָר גרייט צו עסן.

„נעם איך מיר אין פיש־קראָם אַ וואַזשנעם פיש פון אַ זעקס פונט, ברענגט אין הויז אַריין און טראַכט מיר: וואָס פאַר אַ מעשה דערציילט מען איצט? דערציילן עפּעס אַ מעשה מיין ווייב, ווי אַזוי איך האָב דעם העכטל אַריינגעקראָגן אין מיינע לאַפּעס?

„נאָר איידער וואָס־ווען — ווי מיין ווייב גיט אַ נעם דעם פיש אין האַנט אַריין, אַ לייג־צו צו דער נאָז, אַ פאַרקאַשער די זשעברעס, און גיט אַ זאָג מיט חוזק: „אַלץ הייסט אַ פיש־כאַפּער! אָדער דו כאַפּסט געפּרעגלטע פיש פון טעלער, אָדער טויטע פיש וואָס פוילן שוין עטלעכע וואָכן אויפן ברעג און קענען צו קיין קבורה ניט קומען׳.״

„און איך, — האָט דער קאַפּיטאַן פאַרענדיגט, — האָב נעבעך געשוויגן, געשטומט ווי אַ פיש אין וואַסער״...

איצט, זאָג איך אייך — און איר מעגט מיר גלויבן, — אַז ווען איך דערצייל דאָס מיין ווייב, וואָלט איך געהערט דעם שטענדיגן ענטפער: שוין, דער פיש־כאַפּער האָט זיך צערעדט, און אויפן וואַסער אַ יאַריד...

וואָס ווייסט איר פון „אַלסערס״?

איך, מיין פריינט, איז גרינג צו זאָגן, זיצנדיק דאָ אויפן „פאָרטש״ און שאָקלענדיק זיך אין וויג־שטול, איך זאָל אויפהערן רעדן וועגן עסן. ווען איך האָב אייער מאָגן און אייער אַפּעטיט, קיין עין־הרע ניט, וואָלט איך אויך ווייניגער גערעדט און מער געגעסן...

אָט האָב איך אַ לאַנדסמאַן, מעגט איר רעדן מיט אים וועגן לעבן און טויט, וועגן מוזיק און גאָט, קומט ער אַרויף אויף דער טעמע עסן.

רעדט מען מיט אים אַ שטייגער וועגן מוזיק, ווי שיין און ווי פיין דער און דער האָט געשפּילט, גיט ער, דער לאַנדסמאַן, גלייך אַ פרעג: מאַכט ער כאָטש אַ לעבן? האָט ער וואָס צו פּיקן? פּיאַנאָ־ביינדלעך האָבן ניט קיין פליייש אויף זיך... און נאָטן קען מען ניט צעקייען...

און ווען מיין לאַנדסמאַן הערט אַ דרשה וועגן גאָט, וועגן פרומקייט, וועגן שול, זאָגט ער אייך, אַז ער האַלט נאָר פון די יום־טובים, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן עסן. זאָל מיר גאָט, זאָגט ער, גאָר לאַנג לעבן פאַר די חתונות, ברית׳ן, בר־מצווה׳ס און אפילו, גיט ער צו, אַ תענית קאָן איך אויך אַמאָל אַראָפּשלינגען... ווייל פאַר דעם תענית און נאָך דעם תענית איז אַלעמאָל פאַראַן וואָס אַ קיי צו טאָן...

אָבער, ווייסט איר, פאַרוואָס ער רעדט נאָר וועגן עסן? ווייל אַזוי זיינען שוין מענטשן. זיי רעדן וועגן דעם, וואָס זיי האָבן ניט. זיי ווילן דאָס, וואָס עס פעלט זיי... און מיין לאַנדסמאַן לעבט נעבעך אַ לעבן־לאַנג פון האַנט אין מויל...

אַי, איר וועט זאָגן, פאַרוואָס רעדן ניט קיין נאַראָנים וועגן חכמה? איז די מעשה, וואָס דער מאָגן איז קליגער פאַרן קאָפּ... דעם מאָגן, אַז עס פעלט עפּעס, בורטשעט ער... גיט איר אים שלעכטע שפּייז, רייסט ער אייך די זייטן... דרייט אייך אין בויך... אָבער דער קאָפּ? — ער קאָן זיין פוסט אַ לעבן לאַנג, וועט ער ניט רעדן און ניט מאַנען...

איצט, פאַרשטייט איר שוין, אַז איך רעד ניט פון היץ און פלוידער ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין?

און אַז איך וויל קאָן איך גאָר זאָגן: איך רעד? עס רעדן מיינע „אַלסערס״...

און וועגן „אַלסערס“, מיין פריינט, מעגט איר וויסן, סוף־כל־סוף קאָן עס אייך אויך אַמאָל צוניץ קומען...

דער דאָקטאָר, ווי איר פאַרשטייט, האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז פאַר „אַל־סערס“ איז בעסער צו עסן וואָס ווייניגער און אין דער זעלביגער צייט וואָס מערער... איז ווי אַזוי קען דאָס זיין? — ליגט דאָך געוויס אַ פראַגע ביי אייך אויפן צונג. איז דער ענטפער אַזוי: אַנשטאָט זיך אָנעסן אויף איין מאָל אַ סך, זאָל מען עסן ווייניגער, נאָר דערפאַר, אַנשטאָט דריי מאָל אַ טאָג — זאָל מען עסן וואָס אָפטער, לאָמיר זאָגן, זעקס מאָל אַ טאָג...

נו, דאַרף איך אייך דאָך שוין ניט צעקייען, אַז זעקס מאָל זיך וואַשן צום עסן, זעקס מאָל גיין צום טיש, זעקס מאָל בענטשן, איז ניט פון די גרינגע זאַכן... און ווייטער: דאָס איז גוט צום עסן, און עפּעס אַנדערש איז ניט גוט. און ווי געוויינלעך, קומט אַלע מאָל אויס, אַז דאָס וואָס איז גוט און געשמאַק — טאָר מען ניט עסן. און דאָס וואָס עס האָט ניט קיין טעם און קיין ריח, מוזטו עסן — אַזוי האָט אָנגעזאָגט דער דאָקטאָר.

זאָג איך אייך, אַז אַלע וואָס ווילן אונדז בייז טאָן זאָלן האָבן „אַלסערס“ און עסן זעקס מאָל אַ טאָג...

איצט פאַרשטייט איר שוין, וואָס עס מיינט פאַר אַזאַ חלוש ווי איך, צו פייניגן זיך אַכט חדשים מיט אַ „דאַיעט“. און אויב איר מיינט, אַז נאָר זיך אַליין פייניג איך, ווייסט איר נאָך ניט וואָס „אַלסערס“ זיינען... גיי איך צו די קינדער, טראָג איך מיט מיין „דאַיעט“. גיי איך באַזוכן לאַנדסלייט, נעם איך מיט מיין „דאַיעט“. קום איך אַריין אין אַ רעסטאָראַן, איז דאָס שוין מער ניט פאַר מיר קיין עסט אַריין... נאָר — איך מוז די ערשטע זאַך איבערלייענען מיין „דאַיעט“... מיט איין וואָרט — איך דאַרף וועגן און מעסטן, ווי איך וואָלט געשלונגען גאָלד־שטיקלעך, דימענטן, בריליאַנטן...

איצט שטעלט אייך פאָר, וואָס עס מיינט פאַר מיר ווען איך קום צו אַ חתונה, איך וועל דאָך די פריינט ניט שטעלן אין פאַרלעגנהייט, מ'זאָל עפּעס אַרויסשיילן פון מיין ניט עסן. איינער קען מיינען, אַז איך בין אַ גאַנצער צדיק, און ס'איז פאַר מיר ניט גענוג כשר. אַ צווייטער קען טייטשן, אַז איך בין אַ קיך־קריכער און איך ווייס, אַז עס איז ניט צו ריין געקאָכט. ווידער די וועלכע ווייסן פון מיינע „אַלסערס“, וועלן גלאָט רחמנות האָבן אויף מיר. און צוליב מיר, קענען זיי נאָך אויך, חלילה, ניט עסן... גיב איך מיר אַ פאַרשטופּ מיינע „אַלסערס“ אָן אַ זייט, ווי איינער זאָגט, מאַכט זיך אַז איר קענט מיר ניט... און — אַבי געזונט, איך באַליידיג ניט קיין טעלער, נאָר — ליידיג זיי אויס...

איצט מאָלט איך, אַז מיין קאָמפּאָט נאָך אַזאַ מאָלצייט איז מיר שוין ניט צו מקנא זיין... איך גרץ שוין אויס אַלץ וואָס איך האָב פון פריער זיך פאַרגרייט אין די קעשענעס, אַלע סאָרטן „פּעטענט־מעדיצינען", פּאַודערס, „באַיאַקאַרבאָנעיטס", פּילן, — מיט איין וואָרט, די מחותנים דרייען זיך אַ האָפּקע און מיר — דרייט אין בויך...

עס איז גרינג צו זאָגן אייך, איך זאָל זיך אָפּהיטן מיט דער דיעטע. באַהיט אָבער זאָל מען ווערן ווען מען מוז עס שוין טאָן.

פאַרשטייט, אַז ניט אַלע מאָל עס איך, ווייל וואָ׳זשע — איך בין עפּעס אַ פּרעסער, אַ זויפער, אַ זולל־וסובא׳ניק? עס קען אַמאָל אַוועק שעה׳ן, אַז איך זאָל גאָר פאַרגעסן אָן עסן.

איר מעגט זיין זיכער, אַז איך בין ניט פון יענע, וואָס ביי זיי איז דער פרעס און טרונק די עולם הזה און עולם הבא אינאיינעם. אָבער אַז עס גיט אַ קוועטש אונטערן לעפעלע, מוז מען טראַכטן פון לעפל...

מיינט ניט פאַר אַ מינוט, אַז איך בין דאָס געקומען דאָ אין די „בערג" זיך פּאַשען, און קיין אַנדער זאַך ליגט מיר גאָרניט אינזינען ווי נאָר די קיך. פאַרקערט, דעם אמת געזאָגט, בין איך גאָר געקומען דאָ אין קאָונטרי אויף וואַקאַציע, זיך אָפּרוען, פאַרגעסן פון מיין מאָגן, פון די „אָלסערס" און פון „דאַיעט".

אָבער ווי איר זעט, איז אויף מיין אומגליק גיט מען גראַדע אין דעם האָטעל עסן און גוט עסן, אַלץ שמעקט ווי מ׳וואָלט געקאָכט מיט פאַרפיום... די פאַרע רייסט זיך פון קיך, אָט גלייך צו אונדז אויף דער וועראַנדע... איר שמעקט? מיר דאַכט זיך, אַז מיר האָבן היינט זיס־און־זויער פאַר פאָר־שפּייז. און צו די געבראָטנס פיל איך וועט זיין קישקע און קאַשע קנישעס, און די שטרודל שמעקט גאָר אַ מחיה. קיין וואונדער ניט, פאַרוואָס אַזוי פיל פליגן לויפן אין קיך אַריין...

און וואָס מיינט איר זיך טאַקע? די באַלעבאַטים קויפן דאָס עסן, די קעכין קאָכט, און די הויפּט־זאַך, די סאַרווערס אַרבעטן דאָס אַזוי שווער אַרויס־צוטראָגן, צעשטעלן און דערלאַנגען אַלעמען דאָס עסן אונטער דער נאָז, — זאָל איך זיי אַלעמען געבן אַ פּאַטש אין פּנים און ניט עסן?

ווייסט איר וואָס דאָס וואָלט געמיינט? דאָס וואָלט געמיינט פאַרשווענדן געלט, דאָס וואָלט געמיינט פאַר די סאַרווערס טראָגן צוריק דאָס עסן אין קיך אַריין. און ווייסט איר וואָס דאָס וואָלט געמיינט פאַר די געסט? פאַר די געסט וואָלט דאָס געמיינט, עסן וואָס איז געבליבן פון היינט — אויף מאָרגן...

אַט אַזוי, פאַרשטייט איר מיך, עסט מען ניט ווען מ׳וויל, נאָר — מ׳עסט ווייל מ׳מוז...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס, ער קלינגט שוין ווידער דער גלאָק? נו, טאַקע וואָס אַרט אים, ער האָט דען די „אַלסערס״? איך האָב זיי דאָך...
נו, מילא, קומט שוין עסן. איר וועט דעם גלאָק ניט אַריבערשרייען...

פון אַקערן מיט דער נאָז די ערד
וועט ניט וואַקסן קיין ברויט,
מיט געוויין און געבעטן
קאָן מען ניט באַזיגן די נויט . . .

אַ מענטש קאָן האָבן אַ סך וואָג — און דאָך זיין אַ פּוסטער מענטש...

געשטראָפט איז דער מענטש, וועמען עס פעלט גרויפּן אין טעפּל, אין העמד אַ קנעפּל און שכל אין קעפּל...

זיי ניט מקנא דעם וואָס איז יונג; ער וועט אויך אַלט ווערן...

עס איז נאַטירלעך פאַר אַ מענטשן צו האַנדלען ווי אַ מענטש. באַווייזן אָבער אַ סך צו האַנדלען פאַרקערט...

דער מענטש, ביי וועלכן מען קאָן געפינען חסרונות, איז נאָך אַלץ אַ בעסערער, ווי דער, ביי וועמען מ׳קאָן געפינען מעלות...

אויף אַ באַרג מיט מיסט פילט זיך דער האָן ווי אויף אַ טראָן...

דער רויך קאָן קיינמאָל ניט פאַרלויפן דעם וועג פון דער באַן...

ווען איר ווילט פון אייער קינד באַציאונג, גיט אים פריער דערציאונג...

רעד צו דער וואַנט...

ווי איך זע פון אייערע פעקלעך און טשעמאָדאַנעס, פאָרט איר אויך געוויס אויף וואַקאַציע. איז מעג איך וויסן — וואוהין פאָרט אַ איד, אין וועלכן האָטעל?

אַזוי? אין „פּרעזידענט האָטעל”? יאָ, כ׳וויס, זעכציג דאָלאַר אַ וואָך, צוויי אין אַ צימער, דאָס באָדן זיך איז באַרג אַראָפּ, אַ מייל פון האָטעל, וואו עס איז מער שטיינער ווי וואַסער. יאָ, יאָ, יאָ, דאָס איז דער האָטעל וואו איך פאָרפאָר אויך. אויב אַזוי, וועט טאַקע אויך זיין אַביסל פריילעכער דאָס פאָרן, און ביי דער באַס־סטאַנציע, וועט שוין אַוודאי עמיצער זיין מיט׳ן וואָגן, וואָס וועט אונז נעמען גלייך אין האָטעל אַריין.

איר מעגט וויסן, אַז איך בין שוין אינם האָטעל ניט קיין גרינער, איך פאָר שוין אַהין אַזוי פאַר די לעצטע צוועלף יאָר. דעם אמת געזאָגט, בין איך ניט אַזוי פאַרליבט אין דעם האָטעל, ווי אין דער קעכין, ס׳הייסט, ניט אַזוי אין דער קעכין, ווי אין איר קאָכן. זי איז מיין ווייב׳ס אַ שטיקל אייגענע, ווייסט זי שוין וואָס איך דאַרף עסן און וואָס איך דאַרף ניט. די הויפּט־זאַך איז, דאָס וואָס איך דאַרף.

ווי לאַנג, דענקט איר, זיך אַזוי צו פייניגן דאָרטן? אַ צוויי־דריי וואָכן? ניט שלעכט, נאָר אפשר טאַקע גוט. איך וועל האָבן מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן.

איר פאַרשטייט, די מערסטע געסט וואָס קומען אַהין זיינען ניט פון די וואַזשנע „דזשענטלליט”. זיי ווייסן פון דריי זאַכן — עסן, שפּילן קאָרטן און דערציילן זיך געזאַלצענע וויצן.

ווי איך זע, זייט איר באַלאָדן מיט צייטונגען, ביכער און זשורנאַלן, בין איך טאַקע זייער צופרידן, וואָס איך האָב אייך געטראָפן און מיט אייך זיך באַקאַנט. איך האָף, אַז אין די פאָר וואָכן וואָס מיר וועלן זיך זען, וועל איך אייך קאָנען דערציילן אַ סך זאַכן, וואָס וועלן אייך אינטערעסירן. איך זאָג אייך, ווען איך דערצייל דאָס פאַר אַ שרייבער, וואָלט ער געהאַט אַ בוך צו מאַכן פון דעם...

נו, גוט, גוט, וואָס איך האָב אייך געטראָפן, האָט דער איד פון פרייד מיר אַ פּאַטש געטאָן אין פּלייצע.

אַזוי האָט מיר דער איד אָפּגעגעבן דעם „פאַרשפּייז” פאַר דער רייזע, מיט אַ צוזאָג — „פאַרזעצונג פאָלגט”.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, איינגעאָרדנט זיינע פּעקלעך זיי זאָלן ליגן רואיג, און פון אַ קלענערן פּעקל אַרויסגענומען אַ קשאַרמיץ מיט שפּייז, צידה־לדרך, טאָמער ווילט זיך עסן. אַרויס צוריק פון „באָס", זיך באַזאָרגט מיט אַ פלעשל סאָדע־וואַסער, אַ פּעקל פּאַפּיראָסן. ער בלייבט שטיין ביי דער טיר, אָטעמט־איין אַביסל פרישע לופט איידער דער „באָס" וועט זיך נעמען רירן פון אָרט.

איך זיץ און עס גיסן זיך פון מיר טייכן שווייס. איך ווייס שוין וואָס עס דערוואַרט מיך. ער וויל ניט נאָר דער׳הרג׳ענען צייט, נאָר — טאַקע מיך אויך...

אין דער היים האָב איך אויסגעפּלאַנירט, אַז אויפן וועג זאָל איך אויס־לייענען די אַלע אָנגעקליבענע אַרטיקלען און ווי עס טרעפט זיך אָפּט, בלייבט דער „באָס" שטעקן אין וועג אַ פּאָר שעה לענגער, זאָל איך אויך האָבן אַ בוך צו דער האַנט און דאָ זע איך שוין, לויטן „פּאַרשפּייז", אַז דער איד האָט שוין פאַר מיר די אמת׳ע געדיכטע קאַשע...

איז אָט — מיר פאָרן שוין.

דער איד האָט זיך אָוועקגעזעצט, צעעפנט דעם שקאַרמיץ, דערלאַנגט אַ ביס פון דעם צוויי־עטאַזשיגן סענדוויטש, אַ זופּ פון פלעשל, און — ער הויבט מיר אָן צו דערציילן, ווי אַזוי ער איז געקומען אין אַמעריקע, ער דערלאַנגט ווידער אַ ביס, אַ טרונק און אַ רייד...

ווען ער איז שוין אַזוי פאַרטיג געוואָרן מיט אַ האַלבן סענדוויטש, גיט ער מיר אַ טורקע מיטן עלנבויגן: „איר הערט?"

דאָ איז מיר איינגעפאַלן אַ גאָלדענער געדאַנק, ווי אַזוי איך זאָל זיך ראַטעווען פון דעם אָנשיקעניש און קאָנען זיצן רואיק און מיר לייענען מיינע צייטונגען און זשורנאַלן.

גיב איך דעם אידן אַ זאָג אין אויער אַריין: ניין, איך הער ניט! איך בין, ניט פאַר קיין מענטשן געדאַכט, געשטראָפט אויף די אויערן. פון צען ווערטער, הער איך קוים איינעם, ספּעציעל ווען „באָס" דרייט זיך, ווייס איך גאָרניט צי איך בין טויט אָדער לעבעדיג...

דער איד איז געבליבן זיצן מיט׳ן צווייטן האַלבן סענדוויטש אין מויל און מיט די אויגן האָט ער מיר שיעור אויפגעגעסן.

ווען ער איז צו זיך געקומען האָט ער זיך דערנעענטערט צו מיין אויער און מיר אַריינגעשריען:

— מיר איז אַ וואונדער, איר זעט אויס ווי אַ „דזשענטלמאַן", זאָלט איר ניט וויסן, אַז היינטיגע צייטן איז פאַראַן פאַר אַלץ אַ מיטל. פאַר אַ קליי־

ניקייט, פאַר אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר, טוט מען אייך אַריין אין אויער אַזאַ „שטאָפּער", אָדער ווי זיי רופן דאָס אַ „טרייבל", און מ׳הערט אפילו דאָס, וואָס מ׳וויל ניט הערן...

היינטיגע צייטן, פאַרשטייט איר מיך, איז דאָס ניט קיין שאַנדע. וואָס דאַרפט איר מער, די גרעסטע מיליאָנערן טראָגן אַזעלכע טרייבלעך, פונקט ווי פאַלשע ציין, אויגן־גלעזער און אַנדערע זאַכן וואָס מ׳מוז.

נאָכדעם ווי ער האָט אויסגערעכנט אַלע גליקן פון דעם טרייבל דער־לאַנג איך מיר אַ שאָקל מיט׳ן קאָפּ אויף ניין. ס׳הייסט, איך הער ניט אַ וואָרט וואָס ער זאָגט מיר...

דער איד האָט אַ בורטשע געטאָן צו זיך: „נו, גיי רעד צו דער וואַנט!"

ער האָט זיך גענומען פאַרענדיגן דעם סענדוויטש און צוגעגרייט אַ צווייטן און — איך האָב זיך גענומען צו מיין פעקל צייטונגען און זשורנאַלן. — דער וועג איז געווען אַ פיינער, איך האָב געהערט דורך דעם אָפענעם פענצטער דאָס געזאַנג פון די פייגל, דעם געברום פון די בהמות אין פעלד און טאַקע געשלונגען די מחיה׳דיגע לופט און בלומען־דופט, וואָס האָט זיך געריסן אין דער נאָז אַריין.

סוף־כל־סוף זיינען מיר אָנגעקומען צו דער סטאַנציע.

איידער איך האָב באַוויזן אויסצוגליכן מיינע ביינער, האָט שוין דער איד עפּעס אַריינגעשושקעט דעם בעל־עגלה אין אויער אַריין, און ער, דער בעל־עגלה, האָט שוין מיר אין אויער אַריינגעשריען: נעמט אייערע פּעקלעך און גייט אַריין אין וואָגן.

ווי גיך איך האָב נאָר באַוויזן קומענדיג אין האָטעל, אַראָפּצוקריכן פון וואָגן און אַרונטערשלעפּן מיינע זאַכן, דערלאַנגט אַ יונג בחור׳ל מיר אַ גע־שריי אַריין אין אויער: קומט מיט מיר, וועל איך אייך ווייזן וואו אייער צימער געפינט זיך.

די בוכהאַלטערין, וועלכע האָט געדאַרפט פאַרשרייבן מיין נאָמען, אַד־רעס און נומער פון צימער, האָט געמאַכט אַזעלכענע געוואַלדן, אַז מ׳האָט געקאָנט טויב ווערן...

אין אָוונט פאַר וועטשערע האָט מיר דער „וועיטער" אַריינגעשריען אין אויער: „וואָס וועט איר עסן, אַ שטיקעלע טשיקן, אַ סטעיק אָדער זופּן־פליייש?"

— וואָס שרייט איר אַזוי צו מיר, — קוק איך אים אָן, — וואָס מיינט איר, דאָ זיצן טויבע מענטשן?

— טאַקע, יאָ, שאָקלט צו דער וועיטער מיט׳ן קאָפּ, — היינטיקע צייטן

זיין טויב איז ניט קיין שאַנדע. איר זעט, גיט ער דריי מיט דער האַנט אַרום און אַרום — מערסטע מענטשן, וואָס זיצן דאָ זיינען טויב, און מיט אַזאַ מאַיאָריטעט קאָן מען באַשטימען וואָס מ׳וויל...

— נו, — גיט ער מיר נאָכאַמאָל אַ געשריי אין אויער אַריין, — איז וואָס געבן: סטעיק, גולאַש אָדער געפּילטע קרויט?...

— מיר דאַכט זיך, — פּרוביר איך אים דערמאָנען, — אַז איר האָט מיך אויך געפרעגט וועגן טשיקן און זופּן־פלייש?

דער וועיטער גיט אַ בורטשע צו זיך: „דאַכט זיך אַ טויבער, נאָר אַז עס קומט צום עסן, דערהערט ער שוין”...

אַזוי איז אַוועק פון מויל צו מויל און פון אויער צו אויער, אַז איך בין טויב ווי די וואַנט...

דער איד, מיין מיטפּאַרער אין „באַס”, ווען ער האָט מיר געוואָלט עפּעס זאָגן, פלעגט ער צוזאַמענלייגן ביידע הענט אין קולאַקעס ווי אַ טרובע און מיר אַריינשרייען אין אויער אַריין אויף דער העכסטער אָקטאַווע... און ביים טיש, וואו מ׳האָט מיך צוגערעכנט צווישן די זיבן טויבע, איז געווען ביים עסן אַזאַ גוואַלד — ב־רו־ו־יט — ז־אַ־ל־ץ — פּ־ו־ט־ע־ר — אַז מ׳האָט געקאָנט הערן פאַר מיילן.

ווען איך בין ענדלעך געקומען אַהיים און זיך פּרובירט אָפּרוען פון מיין וואַקאַציע, ניט הערן די שטענדיגע געשרייען, דערהער איך אין אַ זונטאָג גאָר פרי אַ קלינגען אין מיין טיר, ווי מ׳וואָלט מיך געוועקט צו אַנטלויפן פון אַ פייער. איך עפן די טיר און צעשריי זיך אויף דעם מאַן, פאַרוואָס ער קלינגט אַזוי שטאַרק.

אַנטשולדיקט ער זיך און דערקלערט מיר: איך ווייס דאָך, אַז איר זענט טויב, דערפאַר בין איך טאַקע געקומען צו אייך. איך בין, זאָגט ער, אַן אַגענט פון דער קאָמפּאַני, וואָס פאַרקויפט די „טרייבלעך” פאַר טויבע. האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון דעם „פּרעזידענט האָטעל” אייך צו באַ־זוכן און פשוט ראַטעווען, איר זאָלט קאָנען הערן, ניט זיין טויב ווי די וואַנט.

האָב איך זיך גלייך פאַר אים אַנטשולדיגט און אים געזאָגט, אַז עס איז אַן עבירה זיין רעדן צו מיר, עס איז — ווי גערעדט צו דער וואַנט, איך איך בין פון די טויבע, וואָס ווילן ניט הערן, ווען עס איז ניטאָ וואָס צו הערן...

איך האָב אים דערביי אַ פרעג געטאָן: און איר אַליין הערט גוט?

— וואָס הייסט, זאָגט ער, איר זעט דאָך, איך האָב אַ „טרייבל”, הער איך, אַ מחיה, אפילו דאָס וואָס מ׳דאַרף ניט...

— אויב אַזוי, טאָ הערט, דאָס וואָס מ׳דאַרף, גייט אייך געזונטערהייט...

פאַרלאָרן וואָג...

ווי נאָר איך האָב געקראָגן פון דער יוניאָן דעם אָנווייזונג אויף מיין געלט פאַר וואַקאַציע, בין איך אַוועק מיר איינהאַנדלען די נויטיגע זאַכן: עטלעכע העמדלעך, אַ פּאָר זומער־הויזן, אַ באָד־קאָסטיום און אַלץ וואָס אַ מענטש מוז האָבן אין דער פרעמד אויף וואַקאַציע.

געבראַכט די זאַכן אין הויז, כאַפּט אַ קוק מיין ווייב און צעלאַכט זיך. די אַלע זאַכן, זאָגט זי, זיינען אויף דריי מאָל אָנטאָן. און זי נעמט מיר גלייך אויפקלערן. ערשטנס, ווייזט זי מיר אָן, אַז די אַלע ביליגע זאַכן וואָס אַ קבצן קאָן קויפן, האָבן אַ טבע איינצולויפן... „נאָר די הויפּט־זאַך, גיט זי מיר צו פאַרשטיין, — אויב דו וועסט אין צוויי וואָכן ניט זען צו קריגן אויף דער וואַקאַציע אַ צען־צוועלף פונט, דאָס הייסט, פשוט קריגן אַביסל פלייש אין דיין זאַק מיט ביינער, איז אַן עבירה דיין גאַנצער פאָרן".

זי גיט דערביי אַ שלעפּ פאַנאַנדער מיינע העמדער מיט די הויזן און צעלאַכט זיך ווידער: זיי קאָנען דאָך ערשט איצט קוים אַרויפקריכן אויף דיר. נו, שטעל דיך פאָר, אַז דו וועסט אין דער ערשטער וואָך מסתמא צו־קריגן אַ פינף־זעקס פונט, וועסטו דאָס דריי מאָל קאָנען אָנטאָן און דערנאָך וועסטו בלייבן מיט אַ פּליך אויף דער פּלייצע"...

האָב איך גלייך איינגעזען, אַז מיין ווייב איז גערעכט און באַשלאָסן, אַז איך מוז די אַלע זאַכן אויסבייטן. וואָס דען, איך וועל גיין פאַסטן די צוויי וואָכן אויף וואַקאַציע?

סך־הכל האָט דער דאָקטאָר מיר אָנגעזאָגט, אויב איך וויל נאָך ליגן אין שאַפּ אָדער קאָנען אַרומלויפן אין מאַרקעט זוכן אַרבעט, מוז איך זען פאַר־לאָטען דאָס ביסל געזונט.

הכלל, איך בין ווידער אַוועק אין קראָם און אויסגעביטן אַלץ עס זאָל פּאַסן ניט נאָר מיינע ביינער, נאָר אויך מיינע צוקומענדיגע צוועלף פונט...

אַז איך האָב שוין מיינע זאַכן איינגעפּאַקט אין טשעמאָדאַן, איז געוואָרן אַ פראַגע ווי צו פאָרן: מיט דער באַן, מיטן עראָפּלאַן, צי גאָר מיטן באָס?

איז ווידער מיין ווייב געקומען מיט אַ פאָרשלאָג: דו וועסט, — זאָגט זי, — זיך ניט שלעפּן צו און פון דער באַן... ניט אַרויף און אַראָפּ מיט

דעם עראָפּלאַן און מיטן באַס וועסטו זיך געוויס ניט שלעפּן, ווייל ס'איז אַ פאַרשלעפּטע קרענק. די בעסטע זאַך איז פאָרן מיט אַן „העקער", — דאָס הייסט, אַ פּאַסאַזשירן־אויטאָמאָביל, וואָס קומט צו דער טיר נעמען און ברענגט צו דער טיר פון האָטעל. עס איז גיך, גוט, און די הויפּטזאַך, דו פאָרסט ווי אַ מיליאָנער.

אויב ווי אַ מיליאָנער, טראַכט איך, איז דאָך מיין ווייב ווידער גערעכט, און איך האָב גלייך אָפּגערופן אַ „העקער" אויפן טעלעפאָן, און נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעמאַכט דעם פּרייז מיט אים, האָט ער מיך געבעטן צו זיין גרייט פּינקטלעך דריי דעם זייגער בייטאָג, און פּונקט זיבן, פאַרזיכערט ער, וועל איך שוין האָבן אַ גוטן אַפּעטיט פאַר וועטשערע אין האָטעל.

פּונקט דריי אַזייגער בין איך שוין געשטאַנען מיט מיינע וואַליזעס אויפן טראָטואַר און געקוקט אין ביידע ריכטונגען, וואַרטנדיק אויף דעם „העקער", וואָס זאָל מיך קומען אָפּפירן „פון טיר צו טיר".

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך בין געשטאַנען אין געהאַקטע וואונדן. איינציגע שכנים האָבן אונטערגעלאַכט, אַז דער „העקער" האָט געוויס געמיינט, אַז איך פאָר מאָרגן. אַנדערע האָבן גאָר געמיינט, אַז מ'האָט מיך אַרויסגעשטעלט מיט מיינע בעביכעס אין גאַס פאַר ניט צאָלן דירה־געלט. דער סוף איז געווען, ער איז געקומען — פּונקט פינף אין אָוונט.

אויף מיין טענה, פאַרוואָס האָט ער מיר אָנגעזאָגט צו זיין גרייט דריי אַזייגער, גיט ער זיך אַ שפּאַס אַזוי: „איך וויל אַלע מאָל, אַז מיינע פּאַסאַזשירן זאָלן האָבן אַ פּאָר שעה פרישע לופט וואָס פריער"...

אַ סוף, אַן עק, ער האָט מיך אַריינגעשטופּט אין זיין מאַשין, וואו עס זיינען שוין געזעסן אַ פּאָר פּאַסאַזשירן. מיינע זאַכן האָט ער פאַרוואָרפן אויפן דאַך פון קאַר — און מיר פאָרן.

אינמיטן וועג זעען מיר, אַז ער דרייט זיך עפּעס אין אַ זייטיגער ריכטונג. און אויף אונזערע פראַגן: וואָס איז דאָס? דערקלערט אונדז דער „העקער": „וואָס מיינט איר, בלויז איר אַליין דאַרפט לעבן און האָבן פאַרגעניגן? איך האָב נאָך עטלעכע פּאַסאַזשירן, וואָס ווילן אויך לעבן און פאָרן אין אַ קאַר פון זעקס טוזינט דאָלאַר, ווי גראַפן פון טיר צו טיר"...

איז אײן „קעסט־קינד", זאָגט ער, אין מאַנהעטן; צוויי אין איסט־בראָנקס, און אַ פרוי מיט דריי קינדער אין וועסט־בראָנקס.

ווען מיר זיינען ענדלעך געקומען אין איסט־בראָנקס, האָבן מיר געדאַרפט וואַרטן אויפן פּאַסאַזשיר אַ שעה צייט.

נאָכדעם ווי מיר האָבן אויסגעלאָזן אונזער כעס צום נייעם פּאַסאַזשיר,

האָט ער אונז דערקלערט, אַז די שעה איז אים שולדיג געבליבן דער „הע־קער”, ווייל פֿאַראַיאָרן האָט ער, דער „העקער”, אים געלאָזט וואַרטן אַ גאַנצע שעה אויפֿן טראָטואַר, האָט ער דאָס איצט אויפֿגעמאָנט.

סוף־כל־סוף זיינען מיר געקומען אין וועסט־בראָנקס און ווי נאָר דער „העקער” האָט דערזען די פֿרוי מיט די קינדער, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אַ פּרייז האָט ער אָפּגעמאַכט מיט דער פֿרוי פֿאַר דריי קינדער, און דאָ זעט ער גאָר פֿיר.

איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע, ביז די פֿרוי האָט זיך געווענדעט צו אונז: „הערט אַ געשיכטע, איר זעט אָט־די צוויי קינדער, דאָס איז אַ צווילינג. ביין חדשים האָב איך זיי געטראָגן און געמיינט ס'איז איינס, קאָן ער זיי פֿיר שעה ניט פֿירן און אויך מיינען, אַז ס'איז איינס?”...

ווען מ'האָט שוין אַלעמען ענדלעך אַריינגעשטופּט אין קאַר און גענומען פֿאָרן, האָב איך ערשט דערפֿילט דעם טעם פֿון אַ סאַרדין, ניט דעם טעם ווען מ'עסט עס, נאָר דעם טעם פֿון אַ סאַרדין ווען זי ליגט אין שאַכטל...

וועגן די הענט און פֿיס האָב איך זיך גלייך אויפֿגעהערט צו זאָרגן, ווייל נאָך אַ האַלבע שעה פֿאָרן האָב איך זיי מער ניט געפֿילט...

געפֿילט האָב איך נאָר ווי צו חלש'ן, נאָר קיין פּלאַץ איז אפֿילו ניט געווען וואו אַרויסצושטעקן די צונג פֿאַר אַ טרונק וואַסער...

אַזוי באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ זיינען מיר צוועלף ביינאַכט אָנגע־קומען אין דער רעזאָרט געגנט. איצט האָט ער גענומען צושטעלן די פּאַ־סאַזשירן צו דער טיר פֿון האָטעל.

ווען דער „העקער” האָט מיר אָנגעזאָגט די פֿריילעכע בשורה, אַז מיר זיינען ענדלעך אָנגעקומען, האָב איך ערשט איצט ניט געקאָנט זיך רירן פֿון אָרט.

דער „העקער” האָט מיר אָבער גלייך געשטעלט אויף די פֿיס און דעם טשעמאָדאַן ביי דער זייט. און נאָך אַ פֿריילעכן „זייט געזונט” איז ער זיך אַוועקגעפֿאָרן, מיך איבערלאָזנדיק אין די „הענט” פֿון אַ זייער פֿיינעם הונט, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר און געלאָזן צו וויסן דעם באַלעבאָס פֿון האָטעל, אַז ס'איז געקומען אַ גאַסט אויף שבת...

דער באַלעבאָס האָט מיך אויפֿגענומען זייער גאַסטפֿריינטלעך און מיר גלייך געגעבן צו וויסן, אַז עסן פֿאַרן שלאָפֿן־גיין איז ניט געזונט...

דאַרף איך דאָך אייך געוויס ניט דערציילן, אַז איך האָב אַ גאַנצע נאַכט ניט צוגעמאַכט אַן אויג. איך האָב גאָר געפֿילט, אַז עס פֿעלן מיר אין זעקל

עטלעכע ביינער... און פון די צוועלף פונט, וואָס איך האָב גע׳חלומ׳ט צוצוקריגן, האָב איך דערוויל פאַרלאָרן אפשר נייע פופצן...

איר הערט, קיינמאָל אין לעבן האָב איך אַזוי ניט אָפּגעשאַצט מוזיק, ווי דעם קלונג פון גלאָק צו פרישטאָג...

נאָר איצט, הערט דאָס סאַמע געדיכטע: איך וויל זיך נעמען אָנטאָן אין מיינע זומער־זאַכן, זיך אָפּראַזירן און אַרונטער צו פרישטאָג — כאַפּ איך זיך, אַז אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן. מ׳האָט מיר פאַרביטן מיין טשעמאָדאַן אויף אַן אַנדערן, וואו עס זיינען זיך געלעגן בכבוד גדול קינ־דערישן זאַכן, — פּילקעס, לויף־שיך, מיט עטלעכע פאָר קורצע הויזקעלעך, און אַ פּאָר קינדערישע שניץ־מעסערלעך.

וואָס־זשע זאָל איך אייך זאָגן? פינף טעג האָב איך זיך אַזוי געפּייניגט ביז איין בייטאָג דערזע איך מיין „העקער" מיט אַ נייעם פּאַסאַזשיר. בין, איך, פאַרשטייט זיך, באַלד צוגעפאַלן צום „העקער": „געוואַלד, ראַטעוועט מיך! וואו האָט איר אַהינגעטאָן מיין טשעמאָדאַן מיט מיינע זאַכן?"

צעלאַכט זיך דער „העקער" גאַנץ געשמאַק און דערציילט מיר, אַז ערשט ניט לאַנג צוריק איז די פרוי מיט די פיר קינדער, וואָס איז דאָ ניט וויט פון דעם האָטעל, אים באַפאַלן מיט דער זעלביגער טענה, וואו איז איר טשעמאָ־דאַן מיט די קינדערישע זאַכן?

וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? ער האָט מיך ווידער אַריינגעשטופּט מיט דעם טשעמאָדאַן אין דער קאַר און מיך געבראַכט צו דער פרוי, מיר זאָלן זיך אויסבייטן.

מיט אַ פריילעך פּנים האָט ער איר גלייך אָנגעזאָגט: דער שאָדן האָט זיך אָפּגעזוכט...

דאָ האָט די פרוי געוויזן וואָס זי קאָן. זי האָט זיך צו מיר צוגעכאַפּט ווי אַ וואַקאַצעניק צו אַ קאַטשקע: וואָס הייסט אַ מענטש דערלויבט זיך דאָס צונעמען אַ פרעמדן טשעמאָדאַן מיט זאַכן פון פיר און איבערלאָזן עט־לעכע שמאַטעס פון איינעם?

זאָגן אייך דעם אמת, האָב איך איר אַ וואָרט ניט געענטפערט. איך האָב מורא געהאַט, איך וועל דאַרפן אַ נייע וואַקאַציע... האָב איך איר אָפּגעגעבן איר טשעמאָדאַן און זיך גענומען צו מיינעם, זען צי ס׳איז אַלץ פאַראַן.

איצט, הערט דעם ביטערן סוף. אין מיינע העמדער איז שוין ניט גע־וועזן קיין איינציג קנעפּל, פון מיין ראַזיר־מעסער האָבן די קינדער געמאַכט אַ שניץ־מעסער צו שניידן צווייגן און מאַכן פייפעלעך, און מיינע נייע זומער־

הויזן האָט מען אונטערגעהאַקט זיי זאָלן פּאַסן פאַר איינעם פון דעם צווילינג...

די פרוי האָט נאָך דערביי געשריען: וואָס מיינט איר, איר וועט צו־כאַפּן אַ פרעמדן טשעמאָדאַן, און איך זאָל לאָזן מיינע קינדער גיין נאַקעט? איצט וועט איר שוין ווייטער וויסן, ווי צו היטן אייערע אייגענע זאַכן, ווען איר פאָרט ערגעץ.

הכלל, ס'איז שוין געווען איינמאָל אַ וואַקאַציע... ניט נאָר האָב איך פאַרלאָרן וואָג, נאָר אפילו מיין טשעמאָדאַן האָט אויך פאַרלאָרן וואָג...

דער קאָפּ קאָן זיין אַלט און גרוי
און אין האַרצן זאָל אַ פייער טליען,
ווי דער דאַך קאָן זיין באַדעקט מיט שניי
און פון אויוון זאָלן פונקען פליען . . .

לאַכט ניט פון דער פינפטער ראָד צום וואָגן. קיינע פון די פיר רעדער ווייסט ניט, ווען מען וועט זי קאָן פאַרנעמען...

בעסער אַ פאַלשער אַלאַרם, ווי אַן אמת'ער פייער....

דינג זיך ניט מיט קיין ליגנער, ווייל ער וועט פּרובירן מיט אַ צווייטן ליגן באַווייזן, אַז ס'איז אמת...

אַ מענטש קאָן האָבן אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ און דאָך — זאָל ער זיין פּוסט...

דער מענטש, וואָס לערנט גאָרניט פון דער פאַרגאַנגענהייט, קאָן גאָר־ניט לאָזן פאַר דער צוקונפט...

דער אָך־און־ווי — גייען ווי אַנדערע צוויי...

עס איז גוט צו טראָגן אויגן־גלעזער צו קאָנען בעסער זען, אָבער טו ניט אָן קיין שפּאַקטיוו יענעמס חסרונות צו דערזען...

פון יענע האָטעלן...

איר טראַכט שוין אויך פון פאָרן אויף וואַקאַציע? איך שלאָף שוין ניט קיין נעכט איבער דעם. פאַרשטייט איר מיך: ביי מיר אַ וואַקאַציע איז ניט גלאַט קיין וואַקאַציע, ביי מיר איז דאָס אַ פּראָבלעם — ווייל איך דאַרף, קודם־כל, קומען צו זיך פון פריערדיגע וואַקאַציעס...

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל: איך פאַר זיך אָפּרוען! לאָמיר אויך וויסן דעם טעם פון דעם וואָרט „וואַקאַציע". געטראַכט האָב איך צו זיך: אויב דאָס איז גוט פאַר די רייכע, אויב דאָס איז גוט פאַר די ליידיג־גייער, וועט דאָס זיכער גוט זיין פאַר מיינע אויסגעהאָרעוועטע גלידער, פאַר מיינע נערוון און פאַר מיינע לונגען, וועלכע האָבן גאַנץ אָפט אַ טבע צו „פייפן" אויף מיר...

אָנגעהערט זיך וועגן וואַקאַציע האָב איך זייער אַ סך. געהערט האָב איך גוטס און — אויך אַ היפּש ביסל שלעכטס.

איינציגע האָבן דערציילט ווי זיי קריגן צו פון וואַקאַציע וואָג, און געזונט, און פריינט. אַנדערע, ווידער, האָבן דערציילט ווי אַזוי זיי האָבן אויף זייער וואַקאַציע פאַרלאָרן וואָג, פאַרלאָרן געזונט, פאַרלאָרן געלט אין קאָרטן און — פאַרלאָרן ניט נאָר פריינט, נאָר אפילו דעם אייגענעם מאַן אָדער פרוי.

זאָגן אייך דעם אמת, האָב איך אַלץ ניט געוואוסט, וואָס איז טאַקע וואַקאַציע?

ווייל איך אייך טאַקע איצט דערציילן, אויב איר האָט אַ מינוט צייט, ווי אַזוי איך בין מיט אַ פאָר יאָר צוריק אַרויסגעפאָרן דאָס ערשטע מאָל אויף וואַקאַציע.

איך וויל אייך לאַנג ניט ברייען און דערציילן פון דעם צוגרייטן זיך, פון דעם איינקויפן די אַלע נויטיגע זאַכן, פון מאַכן רעזערוואַציעס. איך וויל אייך בלויז זאָגן, אַז איך בין געקומען אין אַ האָטעל גרויס ווי אַ סוכה מיט אַ לאַנגן נאָמען, וואָס אַ שוואַכער מענטש האָט ניט געקאָנט אַרויסזאָגן מיט איין אָטעם און ער האָט געמוזט בלייבן אַ דריי־פיר וואָכן אין האָטעל דעם נאָמען צו פאַרגעדענקען: „מיסטער און מיסעס ציפּערבלאַט'ס געזונט און ספּאָרט האָטעל אויפן באַרג פון הימלישע פּאַנאָראַמעס"...

ניט מער און ניט ווייניגער!

איז ווי נאָר איך בין אַריין אין האָטעל זיינען מיר אַנטקעגן געקומען אַרום אַ צען מענטשן. דער באַלעבאָס האָט מיך געפרעגט, וואָס פאַר אַ פּרייז צימער איך וויל, און ווי לאַנג דענק איך דאָ איינצושטיין?

די בוכהאַלטערין האָט מיך געפרעגט מיין נאָמען, אַדרעס, און צי איך האָב עפּעס ווערטפולע זאַכן און קעש געלט, וועט זי דאָס האַלטן פאַר מיר.

דער סאַרווער האָט מיך גלייך געפרעגט, וואָס איך מעג עסן און וואָס ניט. צי איך האָב ליב פליישיגס, צי מילכיגס? צי וויל איך זיצן ביי אַ גרויסן טיש מיט צוועלף מענטשן, צי איך האָב ליב עסן מיט זיך אַליין ביי איין טיש?

אַן עלטערער מענטש, וואָס האָט זיך קוים אַליין געשלעפּט אויף די פיס, האָט זיך אַ נעם געטאָן שלעפּן מיין טשעמאָדאַן אויפן צווייטן עטאַזש און האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז מיין צימער־נומער איז 222. דער וואַש־צימער איז אויפן ערשטן עטאַזש, און — אויב איך וויל נעמען אַ שפּריץ, אַ „שאַוער", הייסט עס, איז אין קעלער אויך פאַראַן אַ שפּריץ.

הכלל, צו מאַכן אייך בקיצור: איך האָב זיך פאַרשריבן אין האָטעל, ענדלעך האָב איך „וואַקאַציע"...

אַרונטערקומענדיג צו וועטשערע האָב איך שוין באַגריפן פאַרוואָס דער האָטעל האָט אַזאַ לאַנגן נאָמען, וואָס מ'מוז האָבן דעם גרעסטן קאָנווערט צו קאָנען אָנשרייבן דעם פולן אַדרעס...

איך האָב געטראָפןביים טיש גאָפּל, מעסער, לעפל און לעפעלעך, אַזוי אויך טעלער, טעצעלעך און די אַנדערע מכשירים — פון צענדליגער האָטעלן און רעסטאָראַנען...

וועגן שפּייזן, האָב איך זיך דערוואוסט זיצנדיג ביים טיש, אַז מ'סער־ווירט דאָ ביי „מיסטער און מיסעס ציפּערבלאַט'ס געזונט און ספּאָרט האָטעל אויפן באַרג פון הימלישע פּאַנאָראַמעס" — שפּייזן פון אַלע עקן וועלט, מ'וואָלט געקאָנט זאָגן „אינטערנאַציאָנאַלע מאכלים": באָסטאָנער בעבלעך, פילאַ־דעלפיער קעז, קאַליפאָרניער באָרשט, וואַרשעווער ווורשט, רוסישער פּאַ־פּערניקל, נאָווערגישע סאַרדינען, איטאַליענישער אויל, אונגאַרישער גולאַש, ענגלישער טיי, טערקישער קאַפע און — אייגן־געבאַקטע קיכלעך, פרישע — יעדן סעזאָן...

אַזוי האָב איך אויך אויסגעפונען ביים אַרומוואַשן זיך, אַז די האַנטעכער און סערוועטקעס זיינען פון די פיינסטע רעסטאָראַנען און האָטעלן...

אַ גרויסע שילד האָט אויך געלאָזט צו וויסן אין עס־צימער, אַז אַלע געסט קריגן פריי — און קאָנען דאָס נוצן טאָג און נאַכט — סאַכאַרין, אַס־פּירין, עמפּירין, אַלקאָ־סעלצער און — באַיקאַרבאָנעיט און סאָדע...

ביים שלאָפן גיין, האָב איך זיך אויך דערוואוסט, אַז „וואָס־וואָס או־מעטיג דאָ אין האָטעל קאָן שוין ניט זיין. „לאַנדסלייט" אַן אַ שיעור וואָס לעבן אַ טאָג נאָר ביינאַכט, האַלטן אייך אויף און מאַכן פרייליך...

אַזוי אייך דערציילנדיג בקיצור אויף איין פוס, האָב איך זיך דערוואוסט, וואָס עס מיינט וואַקאַציע...

לעצטן יאָר, זעט איר, בין איך שוין געווען קליגער. פאָרן פאָרן, האָב איך זיך נאָכגעפרעגט, נאָכגעזוכט, אַריינגעקוקט אין די צייטונגען און טאַקע נאָכגעפרעגט רעקאָמענדאַציעס פון פריינט וואו צו פאָרן אויף וואַקאַציע.

דער סוף איז געווען, ס'איז מיר עפּעס געפעלן געוואָרן אַ פּלאַץ, וואָס האָט זיך געלאָזן ברייט אַנאָנסירן, אַז דאָס איז דער אמת'ער האָטעל: „קאָל־טוב האָטעל", אין האַרץ פון די בערג, מיט אַלע איינריכטונגען.

בין איך געקומען אינם האָטעל, אינם האַרץ פון די בערג. און דער האָטעל איז טאַקע געווען אין סאַמע האַרץ. נאָר דאָס האַרץ איז נעבעך גע־ווען אַזוי איינגעפאַלן, ווי דאָס הויז וואָלט זיך אַראָפּגעקייקלט פון אַ באַרג גלייך אין כף־הקלע אַריין...

וואָס זאָל איך אייך לאַנג ציען די אָדערן, — ווען איך האָב גענומען נאָכזוכן די איינריכטונגען האָב איך אויסגעפונען, אַז פון שפּיל־פּלאַץ האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך... פון דעם טייך צו באָדן זיך — אַ בלאָטע... פון די פּראָגראַמען — פּאַגראַמען... פון לופט אין די צימערן — זאַמד אין די אויגן.. און פון די שיינע צימערן האָט זיך אויסגעלאָזן אַ בוידים...

און טאַקע, דאָס איז געווען דער איינציגער פּלאַץ, וואו מ'האָט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ווייל — אין אַ שטורעם־טאָג האָט דער ווינט אַראָפּ־געריסן אַ האַלבן דאַך...

הכלל, איר האָט עפּעס אַ רעקאָמענדאַציע פאַר וואַקאַציע? איר ווייסט דאָך ווי מ'זאָגט: אין צווייען איז זיך גרינגער צו דרייען...

ביי מיר בין איך שוין גרייט: דער טשעמאָדאַן שטייט שוין, דער באָד־קאָסטיום ליגט שוין, און איך — איך זיץ און וואַרט אויף די געבאָרגטע עטלעכע דאָלאַר עס זאָל מיר שוין אָנקומען.

אַי, דאָס ביסעלע וואַקאַציע! ווייזט אויס, אַז מ'דאַרף זיך גוט אָנהאָ־רעווען, איידער מ'קאָן פאָרן זיך אַביסל אָפּרוען, אָדער, — ס'איז ריכטיג, ווי איר זאָגט: מ'מוז פריער אויסקרענקען דאָס ביסל געזונט, וואָס מ'קריגט אויף וואַקאַציע...

„מיסטער לאַטמיך״...

צווישן די עטלעכע הונדערט געסט אין דעם „לעיק האָטעל״ איז דער פּאָפּולערסטער גאַסט געווען „מיסטער לאַטמיך״. אין האָטעל זיינען געווען רייכערע פון אים, קליגערע פון אים און שענערע פון אים, אָבער — „מיסטער לאַטמיך״ איז געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן.

זיין אמת׳ן נאָמען האָט קיינער ניט געוואוסט, און אפשר טאַקע ניט געווען פאַראינטערעסירט צו וויסן, אָבער דעם נאָמען „לאַטמיך״ האָט שוין געוואוסט אפילו אַ קינד פון פינף יאָר, ווען די מאַמע האָט געוואָלט אָנגיסן פון פלאַש אַ גלאָז מילך. דאָס קינד פלעגט אַ כאַפּ טאָן די גלאָז, מיט׳ן אויסגעשריי פון דעם פּאָפּולערן נאָמען — „לאַטמיך״. און אַז דאָס קינד האָט אַראָפּגעוואָרפן די פלאַש, צעבראָכן די גלאָז און אַריינגעגאָסן די מילך אין דעם טאָפּ מיט פליש, וואָס איז דערביי געשטאַנען דאַן האָט שוין די מאַמע גענומען שרייען: „אָט האָסטו דיר אַ נייעם ,לאַטמיך׳!...

טאַקע דאָ, אין „לעיק האָטעל״, האָט מען דעם „מיסטער לאַטמיך״ גע־קרוינט מיט דעם נאָמען. און אַזוי יאָר־איין יאָר־אויס, גיבן שוין די געסט איבער די מעשה פון איינעם צום צווייטן.

גייט די מעשה אַזוי, דער „מיסטער לאַטמיך״ איז נאָך באַרימט פון צו „הויזע״, און וואו צוויי איז ער דער — ערשטער...

איז דאָס ערשטע מאָל ווען ער איז געקומען אין דעם „לעיק האָטעל״, האָט ער זיך אַ שבת נאַכט אויסגעפּוצט אין אַ ווייסן גאַרניטער, אָפּגעגאָלנצט דעם קאָפּ אין שוואַרצן און די שיך אין ברוין, און אַוועק פון די ערשטע אין דער קאַסינאָ. ער האָט געוואוסט, אַז שבת קומען אויך די פרויען און מיידלעך אויסגעפּוצטע צום טאַנצן.

ער, „מיסטער לאַטמיך״, האָט גלייך פאַרכאַפּט די פּאָדלאָגע. איז גע־קומען צו טאַנצן אַ שער האָט ער גלייך אויסגעשריען „לאַטמיך, איך וועל פירן״, טאַנצן אַ באַרן־טאַנץ — „לאַטמיך — איך וועל אייך ווייזן״. אַזוי האָט ער צו יעדן טאַנץ צוגעלייגט דעם „לאַטמיך״ (ס׳הייסט: לאָזט מיך, ווייל קיין בעסערער איז ניטאָ״).

ווען ער האָט זיך גוט אָנגעשוויצט, איז ער צוגעלאָפן צום קרעמל און געבראָכט צוויי פלעשלעך סאָדע־וואַסער פאַר זיך און פאַר אַ פריינדינע מיט

וועמען ער האָט זיך ערשט באַקענט, אַזוי האָבן אויך געטאָן אַנדערע.

ווי נאָר מ'האָט אָבער גענומען זוכן אַן „עפּענער" פאַר די פלעשלעך, דערלאַנגט ער אַ געשריי: „לאָטמיך". ער האָט געוואָלט דערביי באַווייזן פאַר דער פריינדינע און אַלע אַרומיגע, וואָס פאַר אַ שטאַרקע ציין ער האָט אין מויל, אַזוי אַז ער קאָן עפענען אַ פלאַש סאָדע־וואַסער מיט די ציין.

ער האָט ווי אַ פאַרשוויצטער „גזלן" געגעבן אַ נעם אַריין דאָס קעפל פון פלאַש אין מויל אַריין, און — איינס, צוויי, דריי, האָט ער צעבראָכן די פלאַש, זיך אָפּגעגאָסן דעם ווייסן אַנצוג פון אויבן ביז אַראָפּ, און — גלייך אויסגע־שפּיגן אַ ווייסן צאָן דעקאָרירט אין רויטן...

האָט ער נעבעך געמוזט זיך אָפּטראָגן פון דער קאַסינאָ. געבליבן איז בלויז דער אָפּקלאַנג פון „לאָטמיך!"...

אויף מאָרגן צו פרישטיק, איז שוין דער „מיסטער לאָטמיך" געווען דער פּאָפּולערסטער „העלד" אין „לעיק האָטעל".

יאָ, ער האָט זיך דאָרט אויך „אָנגעזען" אין אַ פאַרמעסט פון שווימען.

ווען אַטלעטן פון „לעיק האָטעל" און פון די אַרומיגע האָטעלן האָבן פּרובירט איינשטעלן דעם פאַרמעסט, איז ווי פון אונטערן וואַסער אַרויס־געשוואומען „מיסטער לאָטמיך" און איבערגענומען די גרענדע:

— איך, — האָט ער גלייך געגעבן צו וויסן, — בין באַרימט פאַר אַ טשעמפּיאָן שווימער, ווען איך דאַרף מיטנעמען מיינע מעדאַלן, וואָס איך האָב שוין אַלץ געוואונען, וואָלט איך געדאַרפט שלעפּן אַ באַזונדערן טשעמאָ־דאַן".

„לאָטמיך" האָט שוין גלייך געוועלטיגט, עס האָבן ניט געהאָלפן די רייד פון ספּאָרט־דירעקטאָר און פון אַלע אַרום.

אָבער ווי נאָר דער ספּאָרט־דירעקטאָר האָט דערלאַנגט אַ פייף, אַז אַלע זאָלן זיך וואַרפן אין וואַסער אַריין, איז גלייך, פון דעם ערשטן מאָמענט „לאָטמיך" נעלם געוואָרן. געכאַפּט האָט מען זיך אין אַ פּאָר מינוט אַרום, אַז ער קריכט אַרויס פון וואַסער אַ הינקענדיגער מיט אַ גרויסן בייל אויפן שטערן. „לאָטמיך", האָט זיך פּונקט אָנגעטראָפן מיטן שטערן אויף אַ שטיין, און ווען ער האָט געוואָלט זיך אויפשטעלן, האָט ער זיך אויסגעגלונקען אַ קנעכל, אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען עטלעכע טעג דעקאָרירט מיט אַ „לענטע" אויפן פוס און — אַ „מעדאַל" אויפן קאָפּ...

איין אָוונט האָט ער געגעבן צו וויסן, אַז ער קאָן אויך שפּילן טעאַטער. נאָך מער: ער שרייבט אַליין די פּיעסן און ער פירט זיי אויף.

פון די האָטעל־געסט האָט ער אויף גיך צונויפגעקלאַפּט אַ טרופּע. ער

אַליין האָט געדאַרפט שפּילן די ראָל פון אַ פּראָפעסאָר און איינע פון די געסט — זיין כלה, וואָס קומט אים באַזוכן אין זיין קאַבינעט, וואו די גאַנצע סצענע שפּילט זיך אָפּ.

שבת נאַכט, די קאַסינאָ איז געפּאַקט.

דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף. דער פּראָפעסאָר, ס׳הייסט „מיסטער לאָטמיך״, שפּאַצירט אַרום נערוועז פון פענצטער צו פענצטער, ער דערוואַרט, הייסט עס, מיט אומגעדולד זיין כלה. פון אומגעדולד בייסט ער זיך די פינגער, ער רעדט צו זיך אַליין, ער רייסט זיך די קנעפּלעך פון רעקל און — ענדלעך גיט אַ פּראַל אויף די טיר. עס קומט אַריין די כלה. ער כאַפּט זיך אַרום מיט איר, נעמט איר קושן, קושן און קושן.

ווען זי האָט זיך סוף־כל־סוף אַרויסגעריסן פון זיינע הענט, איז די קאַסינאָ מיט מענטשן אַוועק כאַראַדאָם. פּאַסירט האָט איין קלייניקייט — פון דעם קושן זיך, האָט דעם „פּראָפעסאָר׳ס״ בערדל און וואָנצעס זיך צוגעקלעפּט צו דער כלה, און ער — ער איז געבליבן שטיין ווי אַ סטראַשידלע אין גאָרטן...

ווען ער איז שוין געקומען אַביסל צו זיך, און געוואָלט אַראָפּנעמען פון איר פּנים דאָס בערדל און וואָנצעס, האָט דער עולם ערשט זיך צעלאַכט און פאַרענדיגט דעם אָוונט מיט איין געשריי: „לאָטמיך! לאָטמיך!״

„מיסטער לאָטמיך״ האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשראָקן און איז קיינמאָל ניט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. טרייבן אַ שיף — „לאָטמיך״! טרייבן אַן אויטאָמאָביל — „לאָטמיך״! כאָטש אַלע מאָל האָט זיך זיין טרייבן אויסגעלאָזן — מיט טרייבן פליגן...

דאָס יאָר האָט „מיסטער לאָטמיך״ געוואָלט באַווייזן, אַז חוץ אַלע מעלות זיינע, איז ער אויך אַ גוטער רייטער אויף פערד. שייך זאָגן? — ער מיט׳ן פערד — איז איינס...

איז ער נאָכמיטאָג אַוועק מיט עטלעכע יונגע בחורים און מיידלעך, געדונגען זיך אַ פערדל אויף אַ פּאָר שעה און — ווי נאָר ער האָט געוואָלט פאַרוואַרפן זיין פוס אויפן פערדל, האָט דאָס פערדל פאַרוואָרפן אַ פוס אויף אים...

בקיצור, מ׳האָט אים געגומען אַהיים, צעריסן און צעפליקט. מ׳האָט אים גלייך געביטן דאָס העמד, די הויזן און — אַנגעצויגן אַ נייע הויט אויף זיין נאָז...

ווען מיסטער „לאָטמיך״ האָט זיך שוין ווי עס איז געשטעלט אויף די

פּיס, האָבן חברה לצים געמאַכט אין האָטעל אַ „פּאַרטי״ פאַר אים, צו זיין געזונט ווערן.

ביי דער „פּאַרטי״ איז אַרויפגעשוואומען אַ „וויכטיגע״ פראַגע: וויפיל וואורשטלעך קאָן אַ מענטש אויפעסן? האָט איינער געזאָגט צוויי, אַ צווייטער — פינף, אַ דריטער — זעקס. אָבער „מיסטער לאָטמיך״ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „וואָס? עסן וואורשטלעך — לאָטמיך!״

ער האָט זיך אויפן אָרט געוועט מיט איינעם אַז ער וועט אויפעסן גאַנצע צוועלף „האָטדאָגס״.

דעם געוועט האָט ער דאָס מאָל געוואונען. נאָר ווען די געסט פון די אַרומיגע האָטעלן זיינען געקומען אים גראַטולירן און יעדער איינער האָט געשפּאַסט „לאָטמיך״ אים אָנקוקן, האָט מען זיי געגעבן דעם אַדרעס — פון שפּיטאָל, וואו מ׳האָט אים צוגענומען צו פּאָמפּען זיין מאָגן...

און ווער ווייסט, אויב ער האָט ניט געשריען צו די דאָקטוירים: „ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איר ווייסט ווי צו פּאָמפּען אַ מאָגן? קאַליקעס! לאָטמיך!״...

הויך זיין איז שיין,
אָבער גרויס זיין — איז גרעסער,
האָבן קרובים איז פיין —
נאָר האָבן פריינט, איז נאָך בעסער. .

יעדער מענטש מוז אַמאָל אין לעבן אָנקומען צו אַ צווייטן נאָך הילף. טאָ געדענק: זיי אויך אַמאָל דער צווייטער, וואָס זאָל העלפן...

אַ פאָלק דאַרף אַ לאַנד, אַ בוך דאַרף אַ באַנד, און אַ מענטש — פאַרשטאַנד.

דרייען מיט דער נאָז קאָן אויך אַ העלעפאַנט, אָבער זיין מבינות איז ווי פון אַלע בהמות...

די מאַמע ערד גיט דעם מענטשן פון אַלעם־גוטן, און דאָך — וויל קיינער ניט גיין צו מאַמע ערד אויף קעסט...

אַ זומער־היים

איר טראַכט געוויס, ווי איך האָב אַמאָל געטראַכט: אַז גליקלעך איז דער מענטש וואָס האָט אייגענע פיר ווינקעלעך. זאָל זיין אַ כאַלופּע, אַ שענטע, אַ סוכה מיט לעכער, אַבי אייגנס.

און ווען טראַכט מען אָדער מ׳חלומ׳ט פון אַזאַ פאַרגעניגן, אַז ניט זו־מער? טאָקע דאַן, ווען די זון קריכט אַרויס פון איר שיידל און נעמט באַקן און בראָטן מענטשלעכע פּלייצעס ווי שאַשליק, אָדער וואורשטלעך, דאַן טראַכט מען.

יאָ, טאָקע זומער צעשפּילט זיך אייער פאַנטאַזיע און די היץ צעוואַ־רעמט אייער פאַרשטעלונגס־קראַפט און איר מאָלט זיך אויס מיט אַלע קלי־פּערלעך ווי אַזוי איר וואָלט געפּילט אין אַן אייגענער דאַטשע, צי כאַטש אַ באַנגעלאָ אָדער אַ טענט.

זיי, די רייכע, לעבן ניט מיט פאַנטאַזיעס. זיי האָבן דעם ווינטער — פאַר׳ן זומער, דעם זומער — פאַר׳ן ווינטער. און פאַר אַ נויט דרייען זיך אין דער היים אויך אַרום עטלעכע עלעקטרישע פעכערס, וואָס בלאָזן זומער מיט ווינט און ווינטער — מיט וואַרעמקייט... בשעת ביים קבצן בלאָזט שטענדיג אין זאַך — דער דלות...

איך ווייס, אַז מיר לעבן אין אַ וועלט וואו פיר איילן קריגט יעדערער נאָכ׳ן טויט, אָבער ביים לעבן — ליגט מען ניין איילן — אין דר׳ערד...

האָט טאָקע גע׳טענה׳ט צו מיר מיין פרוי:

„פאָלג מיר און טו ווי אַנדערע. נעם זיך אַ שטיקל לאַנד אין אַ קאַ־לאָניע און בוי זיך עפּעס אויס, זאָל זיין אַ קאַטעדזש, אַ קאַיוטע, אַ יאַכט־שיף, אַ טעלערל אויפ׳ן הימל, אפילו אַ קאַזע... אַבי מיר זאָלן האָבן פאַר׳ן זומער — אַ זומער־היים, וואו איך, דו און די קינדער זאָלן קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם... דו ווייסט דאָך", האָט זי פּרובירט מיר איבערצייגן, „אַז ווי מענטשן פאַרמעסטן זיך אַזוי העלפט זיי גאָט"...

נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איך האָב זיך פאַרמאָסטן אויפצובויען אַ „זומער רעזאָרט"... ווי נאָר איך האָב מיר איינגעהאַנדלט דאָס שטיקל ערד, האָב איך גענומען טראָגן שטיינער, ברעטער, טשוועקעס. וואו איך האָב גע־פונען אין גאַס אַ ברעט, אַן אַלטן טשוואָק, אַ קייטל, אַ טירל, האָב איך גע־שלעפּט אין דער קאָלאָניע...

אַזוי זיינען אַוועק דריי זומערן, די פרוי מיט די קינדער זיינען גע־שלאָפן אויף דער „דאַטשע" ווי אַ פּיג אונטער אַ דעכל אין אַ אַלטן טענט, און איך — האָב דערווייל געבויט...

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, האָב איך זיך פאַרמאָסטן לויט מיין ווייב'ס רעכענונג, מיט גאָט'ס הילף, אָבער, ווי עס ווייזט אויס, איז גאָט פאַרנומען מיט בויען אַנדערע זאַכענישן! און די זומערדיגע סוכה, האָב איך געאַדרפּט בויען מיט מיינע ניין פינגער, ווייל איין פינגער האָב איך צעקלאַפּט גלייך דעם ערשטן טאָג...

וואָס־זשע זאָל איך אייך דערציילן? אין די דריי זומערן בין איך גע־וואָרן אַ בילדער, אַ מולער, אַ סטאָליער, אַ גלעזער, אַ פלאָמבער און אפילו אַ גערטנער, ווייל די שכנים מיינע, וועלכע האָבן אַכטונג געגעבן ווי איך גיי אָן מיט דער אַרבעט, האָבן געזאָגט, אַז צום בעסטן טויג איך זיך אויס צו ערד־אַרבעט, ווייל מיין פּראַצע גייט אין דר'ערד אַריין...

ערשט, אַז איך בין פאַרטיג געוואָרן מיט דער אַרבעט און גענומען טראַכטן פון דעם אמת'ן חנוכת־הבית: ברענגען די נויטיגע זאַכן, איינקויפן שפּייז, האָט מיין פרוי זיך אָנגעשטויסן אויפ'ן געדאַנק, אַז מיר מוזן האָבן עפּעס אַ שטיקל אייגענע „קאַטערינקע" (אויטאָמאָבילטשיק, בלע"ז), ווייל, גיט זי מיר צו פאַרשטיין, אָן דעם קען מען ווייט ניט פאַרפאָרן...

נאָר ווען גאָט האָט דאָ מיר שוין געהאָלפן און געשטעלט אויף אייגענע פיר רעדער, איז געוואָרן אַ פראַגע ווי אַזוי דאָס אָפּצוצאָלן?

איז ווידער דאָס אייגענע: גאָט העלפט יענעם, וואָס העלפט זיך אַליין. האָב איך מיט מיין ווייב באַשלאָסן, אַז צו כאַפּן פיש, מוז מען זיין גרייט צו פאַרנעצן די פיס... אויב מיר ווילן פטור ווערן פון חובות, מוזן מיר זיך אַביסעלע אַ דריק טאָן. האָבן מיר פאַרדונגען אַ העלפט פון דער „באָנ־געלאָ" צו אַ פריינט און פאַר אונז איז אַלץ געוואָרן אַ העלפט. מ'האָט זיך געטיילט מיט'ן אויוון, מיט די טעפּ, מיט'ן וואַסער און פייער, מיט איין וואָרט, אין דעם „האָטעל קאָך־אַליין" — קאָכט זיך...

פאַר מיר ווידער איז שוין געווען נאָך אַן אַרבעט: ברענגען מיט דער מאַשין אונזער שכנה'ס מאַן פון שטאָט, פאָרן אין שטעטל איינקויפן די נוי־טיגע שפּייז, פירן צום טייכל זיך באָדן, פאַרשטייט זיך, און וואַרטן ביי דער סטאַנציע אָפּצונעמען די געסט, וואָס זיינען געקומען אויף באַזוך צו אונ־זערע שכנים אין דער „זומער־היים"...

אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען דאָס ערגסטע. ערגער איז געווען, וואָס איך האָב געבויט מיין „קאָיוטע" אויפ'ן שפּיץ פון באַרג. געטראַכט האָב

איך, אויב זיין אין די „בערג״ טאָ זאָל זיין בערג... איז אָבער אַ צרה, וואָס פונקט ווי מיין שכנה׳ס מאָן ליידט פון אַסטמאַ און קען ניט גיין אויף קיין בערג, אַזוי ליידט מיין „קאַטערינקע״ פון „עלטער־שוועכע״ און פאַכעט אויך מיט איר נשמה, ווען עס קומט אַרויפקריכן אַ באַרג...

אַט אַזוי האָב איך געקראָגן אַ נייע אַרבעט. ווי נאָר איך בין דערקראָכן צום באַרג, פלעג איך אַוועקשטעלן מיין שברי־כלי און נעמען זוכן עפּעס אַ לייטישע מאַשין, וואָס זאָל מיר אַרויפפירן מיין שכן... ווי איר זעט, אַנ־שטאָט האָבן היים־רו האָב איך געקראָגן אומרו...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי קום איך איצט, פרעגט איר, אין די גרויסע היצן צו זיין אין שטאָט? אָט וועגן דעם רעד איך דאָך. ווי זאָגט דאָס ווערטל: איבעראַל איז גוט, נאָר אין דער היים איז בעסער...

מיינע שכנים אין „באַנגעלאָ״ זיינען, ווייזט אויס, אויך פון די רייכע מענטשן... האָבן זיי באַשלאָסן, כדי צו דעקן אַביסל זייערע אויסגאַבן, אויך צו פאַרדינגען אַ ווינקל מיט אַ שפּאַניש ווענטל — צו אַ קוזינע זייערער...

אַזוי ווי איך האָב איצט אַ וואָך וואַקאַציע, האָט מיין פרוי באַשלאָסן זיך אויך צו נעמען וואַקאַציע, איז זי געקומען מיט די קינדער אין דער היים. און — לאָמיך אייך זאָגן, מיר פילן זיך טאַקע ווי אין דערהיים...

דער גאַנג פון עוואָלוציע האָט געמאַכט פון דער מאַלפּע אַ מענטש. אָבער ווען דער מענטש ווערט אַן אוממענטש, איז די עוואָלוציע ניט שולדיק...

איז שלעכט דער וועג — זוך אַן אויסוועג...

ער האָט אַזאַ אָנזען ווי אַ געפאַלענער שניי אין קוימען.

ער איז פון די נביאים וואָס טרעפן, אַז נעכטן איז געווען שבת און מאָרגן וועט זיין מאָנטאָג, נאָר היינט, ווייס ער ניט אויף וועלכער וועלט ער איז...

ער איז פון די מענטשן, וואָס קאָנען ניט צוזען קיין צער — גייט ער אַוועק דערפאַר...

בראַיטאָן ביטש

וואָס־זשע הער איך? — איר האָט זיך שוין אַריינגעקליבן אין בראַיטאָן ביטש פאַר אייער וואַקאַציע?

אַ מאָדנע זאַך, ווי אַלע פליגן ציט נאָר צום הייסן לאָמפּ... דאַכט זיך, ס'איז פאַראַן אַזויפיל רעזאָרט־פּלעצער פאַר וואַקאַציע: אין די בערג, אין קאַליפאָרניע, אין אַריזאָנאַ, אין פלאָרידע, אַטלאַנטיק סיטי, און דערצו איז פאַראַן אַזויפיל ביטשעס מיט „בעיס", ימ'ען און טייכן, האָטעלן און מאָטעלן — און דאָך — דאַרף איך איינפאַלן דווקא בראַיטאָן ביטש.

פאַרוואָס זיינען מיר דאָ, פרעגט איר? מסתמא די זעלביגע מעשה. גע־טראַכט האָבן מיר פון פאַרשידענע פּלעצער און אַריינגעפאַלן זיינען מיר אין בראַיטאָנער ים — ווי אַ שטיין אין וואַסער...

דעם חשבון, פאַרשטייט איר מיך, האָב איך געמאַכט מיט מיין ווייב: זאָלן מיר פאָרן אין די „בערג", — דאַרף מען בערג מיט געלט. אין אַ האָטעל „קאָכאַליין" — ווערט מען אָפּגעקאָכט און אָפּגעבראָטן און — ערשט דער־נאָך איז ניטאָ וואָס צו עסן...

פאָרן ווידער אין די אַנדערע פּלעצער, ווייט אויסער דער שטאָט, דאַרף די פרוי מיט די קינדער זיך פילן אַ גאַנצע וואָך עלנט ווי אַ שטיין און סוף־וואָך, ווען איך קליייב זיך צו פאָרן זיי באַזוכן, זאָל זיך אַרויסגיסן אַ רעגן, און — איך קאָן שוין טרוקן ניט אָפּשניידן, כאָטש איך לעב אַ גאַנצע וואָך אויף טרוקנס...

און דערווייל הער איך אַ וואָרט פון דעם, אַ וואָרט פון יענעם: איר וועט זיך פילן אין בראַיטאָן ביטש — ווי ביי זיך אין דער היים... איר וועט פטור ווערן פון טומל אין שטאָט, פון דעם הו־האַ, פון שטופּן זיך אין די באַנען און באָסעס, איר וועט אָפּרוען אייערע נערוון.

און — אָט אַזוי ווי איר זעט, זיינען מיר איצט אין בראַיטאָן ביטש און האָבן קוני איילאַנד פאַר אַ שכן...

איז מילא, אַ היים — ווי אַ היים. מ'קאָן דאָך ניט האָבןביידע זאַכן, סיי וואַקאַציע, און סיי אַ היים. ווי זאָגט מען: אַלץ אינאיינעם איז ניטאָ ביי קיינעם.

דעם אמת געזאָגט, איז צייטנווייז דאָ גאָרניט אַזוי שלעכט. אַ סך זאַכן

זיינען דאָ גאָר פיין, און ווען ניט ווען, איז דאָ אַזוי שטיל און רואיג, אַז איר האָט דאָ אַ גן־עדן התחתון.

זאָגט מיר, איך בעט אייך, האָט איר שוין דאָ אַמאָל פּרובירט אַרויס־גיין, צוויי, דריי אַזייגער פּאַרטאָג, פּאַר אַ שפּאַציר אויפ׳ן באָרדוואָק? איך זאָג אייך, אַז אַזאַ שטילקייט קאָן מען נאָר טרעפן אויף אַ בית־עולם. אַלץ שלאָפט. עס דאַכט זיך, אַז אפילו די פיש אין וואַסער שלאָפן, און אויב אפילו ווען ניט ווען, גיבן זיך די כוואַליעס אַ פּלושקע, איז דאָס אַפּנים ווייל ס׳איז זיי קאַלט און זיי ווילן זיך צודעקן...

וואָס דאַרפט איר מער, איר קאָנט זיך אַוועקזעצן אויף אַ באַנק. פּאַר־טאָג זיינען פאַראַן געננג בענק, און איר קאָנט זיך אויס׳חלומ׳ען די שענסטע זאַכן. איר קאָנט אויסקלייבן דעם ריינסטן פּלאַץ אויפ׳ן זאַמד און כאַפּן אַ דרעמל ווי אין דעם שענסטן האָטעל.

זעט איר, אינ׳ם הויז וואו מיר וואוינען, איז שוין ניט אַזוי אַי־אַי־אַי. דאָרט הערט מען שוין אַ געבראַזגעריי טאָג און נאַכט. מילא, די עלעוועי־טאָר־באַן, וואָס פאַרט פאַרביי, וועקט אויף בלויז אַלע פופצן מינוט. אָבער דער גערויש פון דעם הויז־עלעוועיטאָר — דאָס זעט איר, איז שוין אָן אַן אויפהער. דערצו נאָך איז פאַראַן אַזאַ אָנשיקעניש, ווי דאָס געזעגענען זיך פון די יונגע פּאָרלעך, וואָס ציט זיך עפּעס אָן אייביקייט.

ווייזט אויס, אָבער, אַז די יונגוואַרג קוקט ניט אויף קיין זייגערס. נאָכ־דעם ווי איין פּאָרל האָט זיך שוין אויסגעלאַכט, אָפּגעזונגען און זיך אָפּגע־קושט, גיט אַ פאָר אַרויף דער עלעוועיטאָר און עס הויבט זיך אָן אַ נייער אַקט. דער סוף איז ביז עס ווערט טאָג, קאָן מען קיין אויג ניט צומאַכן.

פונדעסטוועגן זאָגן די בראַיטאָנער לענדלאָרדס, אַז דאָ איז נאָך אַלץ מיט גנאָד, ווייל ביי אונזער שכן אין קוני־איילאַנד איז נאָך ערגער. עס שלאָפן בלויז די, וואָס באַגראָבן זיך לעבעדיגערהייד אין זאַמד אויפן ביטש...

און מאָלט אייך, אַז מיין וואַקאַציע־ווינקעלע אין בראַיטאָן ביטש איז מיר ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען.

איך ווייס ניט, ווי ס׳האַלט מיט אייער צימער, ווי גרויס עס איז, און וואָס איר צאָלט? איך האָב דאָ אָבער געננג געשוויצט אַליין און מיט מיין ווייב, און גראָד אין קאַלטע, רעגנדיגע טעג — איידער מיר האָבן עפּעס געקראָגן, און געגאַנגען זיינען מיר דווקא אין די קלאָגעדיגע וועטערן, מיט אַן אויסרעכענונג: מ׳האָט אונז געזאָגט, אַז ווען ס׳איז קאַלט אין בראַיטאָן־ביטש, האַלטן די לענדלאָרדס אַראָפּגעלאָזן די שנאָבלען, ווי הינער אין אַ קאַלטן טאָג — און לאָזן זיך רעדן — איבערהויפּט אין דער אָרעמער געגנט...

ווייל וויסן דאַרף מען, אַז דאָ אין בראָיטאָן, איז פאַראַן אַן „אַפּטאַון" מיט אַ „דאַון־טאַון", ווי מ׳זאָגט דאָס אין דער בראַיטאָנער שפּראַך, אַ רייכע פאַרק עוועניו, מיט אַן אָרטשאַרד סטריט. איז צו די הויכע פענצטער גאָרניט אַרויפצוקריכן, און אין די אונטערשטע, ס׳הייסט, וואו די קבצנים קאָנען זיך פאַרגינען, איז אין אַ נאַסן טאָג קאָנט איר זיך באָדן אין בלאָטע...

איר מעגט דאָס הערן, — דעקט זיך נאָר איבער אַביסל, איר זאָלט זיך ניט צופיל אָפּברענען מיטן ערשטן שאָס פון דער זון, איר מעגט ברענען זיך — צוביסלעך. שרעקט אייך ניט, איר וועט דאָ פאַר אייערע פאַר דאָ־לער נאָך האָבן גענוג צייט. איר וועט נאָך ווערן דאָ ברוין און בלאָו...

יאָ, איז וויל איך אייך דערציילן, ווי אַזוי מיר זיינען געגאַנגען זוכן צימערן:

אין איין הויז האָט מען אונז אָנגעגעבן אין נדן: איר האָט דאָ די אייגענע לופט ווי די רייכע. איר דאַרפט ניט אַריינוואַרפן קיין קוואָדער אין אַ „מי־טער" אויפ׳ן באָרדוואָק, אַ שמעק צו טאָן די מחיה׳דיגע געזאַלצענע לופט, ווי מ׳פּעלגט אַמאָל דאַרפן אַריינוואַרפן אַ קוואָדער פאַר גאַז.

און די זון, האָט מען אונז פאַרזיכערט, קאָנען נאָך דערווייל די רייכע ניט אַריינלייגן אין אַ „פריזער" און פאַרפרירן. מיר קריגן די זון פריי...

זאָמד אויפ׳ן ביטש, האָט אונז פאַרלויבט אין הימל אַריין אַן אַנדער פרוי, וועלכע האָט געצומען דריי צימערן און דינגט אַרויס פיר... ווייל זי האָט צווי בייטאָגעדיגע שלאָפער, אַ מאַן מיט אַ פרוי, וואָס אַרבעטן אַלס סאַרווערס אַ גאַנצע נאַכט.

יאָ, זאָגט די פרוי, איר מעגט מיר גלויבן, אַז דער ביטש לעבן אונז איז ריין ווי אַ טיש, איר קאָנט קאַשע וואַרפן. אַ גאַנצן טאָג וואַשט דער ים־ברעג יעדעס זעמדעלע. דערצו, זאָגט זי, קריגט איר דעם באָרדוואָק פריי. איר קאָנט זיך אַ גאַנצן טאָג און אַוונט קאַטשען ווי אויף אַ לאָקשן־ברעט פון סי־געיט ביז מאַנהעטן ביטש און האָבן די גרעסטע הנאה...

איר וואונדערט זיך, ווי אַזוי מענטשן פאַרדינגען פון צוויי צימערן אַ צימער? וואָס זאָל מען נעבעך טאָן? מ׳צאָלט הויכע דירה־געלט, מוז מען זיך דרייען, טראַכט מען: וואו צוויי קאָן זיך פּאַמיעשטשען אַ דריטער. און צווישן דריי — פאַר אַ פערטן איז דאָך שוין גאָר גרינג צו מאַכן פּלאַץ...

זעט איר, דעם צימער מיט קיך־פּריווילעגיע, וואָס מיר האָבן איצט, איז שוין גראָד ביים וועג. נאָר אויב איר מיינט, אַז ס׳איז שוין אינגאַנצן גוט, מאַכט איר אַ טעות.

ווען מיר, ס׳הייסט, איך מיט מיין ווייב, זיינען געקומען אָנקוקן דעם

צימער, גיב איך אַ פרעג דער באַלעבאָסטע: „זאָגט מיר נאָר, וואָס קאָסט דאָס אָט־דער קאָטוך?"

צעלאַכט זי זיך, און ענטפערט מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע: „פאַר וויפיל הינער דאַרפט איר פלאַץ?"

נו, האָב איך איר שוין אָנגעוויזן: פאַר מיר מיט מיין פרוי און צוויי קינדער.

— עס וועט אייך קאָסטן פאַר דריי חדשים דריי הונדערט דאָלער — זאָגט זי.

— און וואו, — פרעג איך, — האָט איר אַ שאַפע פאַר זאַכן?

— אַ שאַפע? — ענטפערט זי, — וואו איר וועט אַוועקלייגן די זאַכן — וועט ליגן. וואָס איז, איר ווילט דען דאָ וואוינען שטענדיג?

— און וואָס איז מיטן אייזון? — פרעגט שוין מיין פרוי.

— זומער, — שפּאָסט די באַלעבאָסטע, — איז אַן אייזון קיין פּראָבלעם ניט, אַן אייז־קאַסטן איז גראָד יאָ אַ פּראָבלעם, אָבער אָט־דעם פּראָבלעם האָב איך פּונקט ווי איר. דער לענדלאָרד האָט מיר צוגעזאָגט, — זאָג איך אייך אויך צו, און אַז מ'וועט דאָס נאָר אַריינשטעלן פאַר אייער צייט, וועט איר דאָס אויך קאָנען נוצן...

פונדעסטוועגן, זאָג איך אייך, אַז מ'וועט דאָס איבערקומען, הלוואי ווינטער ניט ערגער.

ווי זאָגט מיין ווייב, יעדער טאָג גיט דאָ מיר פינף יאָר לעבן, האָט איר אַ באַגריף וויפיל יאָר זי האָט זיך דאָ איינגעקויפט.

דאָ, פאַרשטייט איר מיך, איז די הויפּט־זאַך די זון! אַי, די מחיה'דיגע זון!...

אַי, אַ בראָך איז מיר, איך האָב אייך געהייסן זיך איבערדעקן פאַר דער ברענענדיגער זון, נאָר זיך אַליין האָב איך פאַרגעסן. איך האָב זיך אַזוי פאַררעדט מיט אייך, אַז איך האָב זיך אָפּגעבראָטן ווי אַן אינדיק, מיין ווייב שוין איצט ניט קאָנען זאָגן מער אויף מיר, אַז איך בין ניט דערבאַקן...

אין האָטעל „קאָכאַליין״

איך איז גוט צו רעדן וועגן באָקן זיך אויף דער זון. אַז מ׳באָקט זיך ביים אָיוון, קען מען זיך ניט באָקן אויף דער זון, און אַז מ׳באָדט זיך אין שוויס קען מען זיך ניט באָדן אין טייך.

אָט אַזוי ווי איר זעט, איידער איך גיב זיך אַ דריי אויס אין קיך, גיט זיך דער גרויסער וויזער אַ דריי אַרום און — די שעה איז שוין ניטאָ...

שוין באַלד אינדערפרי, ווען דער האָן קרייט נאָך, און ביי „לייטן״ פאַר־ ענדיגט מען ערשט די קאָרטן־שפּילערייען, בין איך שוין אויף די פיס. ביי אונז אין האָטעל „קאָכאַליין״, פאַרשטייט איר מיך, איז ווי ביי געוויסע דיפּלאָמאַטן אין דער „יו־ען״; איינער וויל וויסן וואָס עס קאָכט זיך ביים צווייטן אין טעפּל... און קריגן אַ פּלאַץ אויפן אויוון איז ווי אַ שטול אין מזרח־וואַנט. איז ווער עס קומט פריער, קאָן אָפּדאַוונען פאַר זיך אַליין...

אָבער דאָס איז אַלץ גערעדט פאַר פרישטיק. גאַנץ אַנדערש איז שוין די לאַגע פאַר מיטאָג.

ביי „לייטן״ איז צווישן פרישטיק און מיטאָג אַ האַלבער טאָג. און וואָס מ׳קאָן אויפטאָן אין אַ האַלבן טאָג דאַרף איך דאָך אייך ניט דערציילן.

אין אַ האַלבן טאָג קאָן מען פאַרלירן אין קאָרטן אַ טייסטערל מיט געלט, מ׳קאָן זיך אַזוי אָפּברענען אויף דער זון, אַז מ׳זאָל אויסקוקן ווי אַ געבראָ־ טענע קאַטשקע. מ׳קאָן כאַפּן אַ דרימל און חלומ׳ען פון כל־טוב...

און אַז מ׳וויל, קאָן מען אויך דורכבלייענען אַ בוך, אַ צייטונג און וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

נאָר מאַלע וואָס מ׳קאָן טאָן...

אין האָטעל „קאָכאַליין״, איידער איך האַנדל איין דאָס נויטיגע פאַרן טאָג צום עסן, גייט אַוועק אַ שעה; איידער איך שטעל אַריין אין אַייז־קאַסטן, צערוק אין די ווינקעלעך דאָס ביסל שפּייז — איז שוין ווידער אַוועק אַ שעה.

און וואָס מיינט איר, אַפילו אַ בולבע קאָכט זיך דען אַליין? דאַרף איך שאָבן, וואַשן, צעשניידן, אַנגיסן וואַסער, אַריינשיטן זאַלץ, און — ערשט דעמאָלט קומט די הויפּט־זאַך: געפינען אַ פּלאַץ אויפ׳ן אויוון, וואו דאָס טעפּל זאָל זיין געזיכערט מיט אַ וואַרימער אַטמאָספערע... ווייל, ווי עס טרעפט

אָפּט, קריגט דאָס טעפּל אַ קאַלטע אויפנאַמע, איין „קאָכאַלייניצע" שטופּט דאָס טעפּל צו איין ברעג און אַ צווייטע — צו אַ צווייטן ברעג. דער סוף איז, אַז אויב דאָס טעפּל האָט מזל און פאַלט ניט אַראָפּ בלייבט עס שטיין אין אַ ווינקל אַ פאַרגליווערט, קאַלט ווי אַ פּעטשאַ...

און די קאַלטע מלחמה ווערט אַזוי אָנגעפירט אַלע טאָג...

און אויפן אייז־קאַסטן, מיינט איר, דאַרף מען ניט האָבן קיין צען אויגן? אַנומלטן גיי איך צום אייז־קאַסטן נעמען אַ טעצעלע מיט סטראָבעריס, וואָס איך האָב אַוועקגעשטעלט, כאַפּ איך זיך, אַז עמיצער האָט שוין פון מיינע סטראָבעריס געמאַכט אַ „טשאַפּ־סואי"... אַ פּרוי האָט איבער דעם אַוועקגע־שטעלט אַ קריגעלע מיט גריווען און פעטס, האָט זיך דאָס קריגעלע אי־בערגעקערט און אַז ס'איז געקומען צום עסן האָב איך געהאַט סטראָבעריס מיט גריוון, געפּרעגלט מיט ציבעלעס אין הינער פעטס...

איך געפעלט, זאָגט איר, מיין „קעיק"? מיר אויך. אָבער פון הימל פאַלט עס ניט אַראָפּ. אייך מעג איך זאָגן, אַז דער „קעיק" האָט ניט נאָר אייער מיט פוטער, מיט ראָזשינקעס, נאָר אויך פּראָסט פּשוט — שווייס און בלוט...

די אַנטיסעמיטן מאַכן אַ בלבול, אַז אידן נוצן בלוט אין מצות, אָבער — אַז אין האָטעל „קאָכאַליין" באַקט מען קעיק מיט בלוט — בין איך אַליין אַן עדות...

אַנומלטן שטיי איך מיר אויף פאַרטאָג, כאַפּ זיך אַריין אין קיך און טראַכט מיר, אַז איצט, ווען אַלע שלאָפן, וועל איך קענען עפּעס אַ באַק טאָן און אַ קאָך טאָן.

נעם איך זיך די ערשטע זאַך צו מאַכן אַ קעיק.

וואָס? איר ווילט שוין וויסן מיין „רעסיפּי", ווי אַזוי איך מאַך דאָס?

זעט איר, דאָס איז אויך מיר אַ דאגה. אַזאַ זאָרג זאָלט איר שוין האָבן מיט געזונט, ווי קיין „רעסיפּי" וועט אייך ניט פעלן.

אָט נעמט טאַקע אַ פּאַפּיר מיט אַ בלייפעדער און שרייבט:

איר נעמט אַביסל פון דעם אמת־גוטן זעמלמעל, קלאַפּט אַריין עטלעכע פון די פרישע אייער, טוט אַריין אַ מעסטל פון דעם ראַפינירטן צוקער, וואַרפט אַריין אַ קעסטעלע פון די זיסע ראָזשינקעס, גיט אַ מיש אַריין אַביסל זאַלץ לויט דעם טעם, שיט אַריין מיט אַ מאָס צימרינג, אַביסעלע פון דעם זאַנפּט לויט ווי איר וועט שוין אַליין פאַרשטיין, און פאַרשטייט זיך, די ריכטיגע וואָג הויזון. איר פאַרמישט דאָס ווי איר קענט, און לאָזט דאָס שטיין ביז — ביז איר קענט זיך צוקריגן צום אויוון... דאַן מאַכט איר דעם נויטיגן

פּייער און לאָזט דאָס באַקן אַזוי לאַנג ווי עס לאָזט זיך...

נאָר איין זאַך מעגט איר וויסן, — ניט מאַכן די זעלביגע קונץ, וואָס איך האָב אַנומלטן געהאַט, טאָקע דעמאָלט ווען איך בין אויפגעשטאַנען פאַר־טאָג צו מאַכן אַ קעיק.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך האָב געמאַכט אַ קעיק, האָט דאָס ממש געשיינט. ער איז אַזוי אויפגעגאַנגען, אַז איך בין געשטאַנען איבער אים און געקוואָלן. איך האָב נאָר געוואונטשן, אַז דאָס מזל ביי מיינע אייניקלעך זאָל אַזוי אויפגיין...

איך האָב דאָס אַריינגעשטעלט אין אויוון, אויסגעשפּיגן דריי מאָל געגן אַ בייז אויג — און דאַן האָב איך זיך צוגעשפּאַרט אַ דרימל צו טאָן ביז דער קעיק וועט פאַרטיג זיין.

נו, אַבי איר פאַרשטייט שוין... איידער וואָס ווען דערהער איך ווי אין קיך גייט אָן אַ באַטאַליע. ווי געוויינלעך האָב איך פיינט זיך צו שטופּן וואו ס׳איז ענג, נאָר עפּעס דאָס מאָל, ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר געזאָגט, לויף איך אויך אַריין אין קיך אַ קוק טאָן, וואָס „קאָכט״ זיך דאָרטן...

איך זע, אַז איך דאַרף אייך שוין ניט קאַרמענען מיט אַ לעפּעלע, איר האָט דאָס...

וואָס זאָגט איר? פאַרברענט געוואָרן? ניין, דאָס מאָל האָט איר ניט געטראָפן.

עס איז אַריין אַ צווייטע פרוי, וועמען עס האָט זיך פאַרגלוסט צו באַקן פיש. האָט זי אויסגעלייגט אויף אַ טאָץ אירע עטלעכע פיש, ווי זיי וואָלטן זיך באַדאַרפט נעמען אַ זון־באָד. זי האָט ניט געקוקט, ניט געקלערט, נאָר — אַ שטעל אַרויף געטאָן איר טאָץ פיש אויף מיין בלעך מיטן קעיק...

דאַרף איך דאָך אייך שוין ניט זאָגן, אַז מיין קעיק איז איינגעפאַלן ווי אַ געפּלאַצטער באַלון...

ווען די פרויען האָבן זיך צעשריען אויף איר, האָט זי שוין אויף גיך געוואָלט אַרויסכאַפּן אירע פיש פון אויוון, האָט זי אין דער איילעניש דעם קעיק נאָך אויך אָפּגעבריט מיט דעם פיש־יויך און באַפּוצט מיט די ציבעלעס...

מילא, דער קעיק האָט שוין געהאַט אַ פּנים — אויף אַלע מיינע שונאים... נאָר שיין איז, אַז די אידענע פון די פיש האָט נאָך געהאַט אַ טענה צו מיר!...

— סטייטש, — האָט זי זיך צעלאָזן, — ווי קאָן דאָס אַ פרוי זיך אַזוי לאָזן וואוילגיין, שטעלט אַריין אַ קעיק אויף גאָט׳ס באַראָט און לייגט זיך אַוועק שלאָפן אין אַ מיטן העלן טאָג, ווי אַן אַלראַיטניצע אויף וואַקאַציע...

וואָס פרעגט איר, וואָס עס האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן מיט דעם פיש־קעיק

צוזאַמענשטויס... ס'איז שוין געווען אַ געשיכטע פּאָר טעג...

איין זאַך זאָג איך אייך, אַז ביי אַן אַלראַיטניצע קאָן אַזאַ אומגליק ניט טרעפן. אַ רייכע באַלעבאָסטע וואָלט שוין געוויס ביי אַזאַ „קעיק" אַוועקגע־שטעלט איר דינסט צו היטן דעם אויוון... און ווער ווייסט, אפשר וואָלט מען איר דערלאַנגט אַלץ פיקס־און־פאַרטיק צום טיש? וואָס־זשע, זיי קאָנען זיך ניט פאַרגינען?

פון צוויי נולן — ווערט ניט קיין צוויי.

דער וואָס באַרגט אַ סיגאַרעט, פרשרייבט דעם חוב מיט רויך...

ווען איינער האָט אַ שווערן פעקל גיב אים ניט קיין עצה — נאָר אַ פּלייצע...

מיט שטיינער איז שווער זיך דורכצושלאָגן אַ וועג — ווי מיט אייגענער פראַצע, אַ גרויסן פאַרמעג...

זיך וואַרפן מיט שטיינער איז ניט קיין שפּיל, ווייל אויך דער צווייטער וועט פּרובירן טרעפן אין ציל...

דער וואָס גייט מיט'ן פאָלק, איז קיינמאָל ניט עלנט.

דער וואָס לויבט זיך אַליין, באַווייזט, אַז ער האָט ניט קיין צוטרוי אין זיינע טאַטן...

יעדער קינד ווערט געבוירן אַ מענטש, דערפאַר האָט יעדער מענטש ליב צו האַנדלען אַמאָל קינדיש...

בויער, ווי בוימער, דאַרפן דורכמאַכן קאַלטס און וואַרעמס אויסצו־וואַקסן...

דאַטשע און וואַקאַציע

איר וועט מיר ניט איינרעדן, אַז דאָ וואַקאַציע איז דאָס אייגענע, וואָס אין דער אַלטער היים איז געווען פאָרן אויף דאַטשע. עס איז אַנדערע האָ־טעלן, אַנדערע שפּייזן, אַנדערע לופט, אַנדערע פּראָגראַמען און אפילו אַנ־דערע פּרייזן. איך אַליין, דעם אמת געזאָגט, האָב טאַקע קיין דאַטשע אין דער אַלטער היים ניט אָנגעזען, נאָר עס געדענקט זיך מיר גוט וואָס אַנדערע האָבן דערציילט.

אין דער אַלטער היים, ווען מענטשן זיינען געפאָרן אויף דאַטשע, פלעגט דער פרומער איד מיטנעמען זיין טלית און תפילין, אַ סידור, אַ ספר אויף אַריינצוקוקן. דער וועלטלעכער פלעגט מיטנעמען אַ גוטן בוך, אויסשרייבן אַ ציטונג, אַמאָל פלעגט מען זיך פאַרוויילן ביים שאָך־ברעט אין די אָוונטן. אין די שיינע לבנה־נעכט, פלעגט מען זיך צוזעצן אויף די שטיינער, און וואו ס׳איז נאָר געווען אַ שיינע פאָלקס־ליד, אַ ראָמאַנס, — פלעגט מען דאָס אויסזינגען...

איצט נעמט און פאַרגלייכט דאָס מיט די היינטיגע, ס׳הייסט, מיט די היגע וואַקאַציעס אין האָטעלן פון אַ געוויסער פּאַראַדע.

דאָ, פאַרשטייט איר מיך, וויסט מען ניט פון קיין ספר, ניט פון קיין בוך. דאָ ווייסט מען אין סאָרט זאַך, אַ „תהלים׳ל" — אַ „תהלים׳ל" ניט צום זאָגן, נאָר — צום שפּילן... פּשוט, אַ פּעשל קאָרטן. און מ׳גרייט זיך אָן ניט איינס, נאָר עטלעכע... אַזוי זיצן דאָ יונג און אַלט, מאַן און פרוי, און מ׳מישט, ס׳הייסט, מ׳טאַשט — יומם ולילה. דעם מנין לאָזט מען אי־בער פאַר די קדיש־זאָגער, און „חצות" פּראַוועט מען — מיט די „הענט": פיר הענט, זעקס הענט, אָדער אַכט הענט...

און קאָרטן אַליין איז נאָך גאָרנישט. וואָס הערט זיך עפּעס מיט פערד־לעך און מיט הינטלעך? דאָ, פאַרשטייט איר מיך, „שפּילט" דער פערד און דער הונט אַ גרויסע ראָלע אין דער וואַקאַציע...

וועגן עסן ווידער דאַרף איך אייך דאָך ניט דערציילן. איר האָט דאָך עפּעס אַ ידיעה אין אכילה, ווייסט איר, אַז דער אונטערשייד איז בלויז צי מ׳רופט דעם מאכל מיט אַ פראַנצויזישן נאָמען, צי אַן איטאַליענישן אָדער אַ היגן, ס׳הייסט, אַן אַמעריקאַנעם נאָמען. אָבער — קיין אידישן טעם האָט דאָס ניט...

דערציילט מען אָבער פון די מאכלים אויף די היימישע דאַטשעס, אַז פון דעם דערציילן אַליין ווערט דער אַפּעטיט פרייליכער.

נו, וועגן די פּראָגראַמען דאָ, דאַרף איך אייך געוויס ניט דערציילן. איר זאָגט דאָך אַליין, אַז ווען די שפּייז זאָל זיין אַזוי אַלט און פויל ווי וויצן, וואָלטן שוין אַלע געסט פון האָטעל געגאַנגען אַ גאַנג... פּאַר מענטשן מיט געשמאַק, הרג׳עט דאָך דאָס אַוועק ניט נאָר גוטע צייט, נאָר אויך דאָס ביסל געזונט. און וואָלט מען געקענט פאַרנאַרן די פליגן אין דער קאַסינאַ אַנשטאָט זיי האָבן אין „דאַינינג־רום", וואָלט דער האָטעל־אייגנטימער ניט געדאַרפט קיין „די־די־טי" פאַר זיי — זיי וואָלטן געפאַלן ווי פליגן פון די פּראָגראַמען...

איר געדענקט דאָך, ווי לעצטע וואָך האָט דער אַקטיאָר אויסגעפּאַקע־וועט אַ בינטל וויצן מיט פעפער און קנאָבל... אַזש אַ פרוי איז צוגעלאָפן און געעפנט די פענצטער פאַר אַביסל לופט, ווייל — עס איז געוואָרן צו־טוכלע אין דער קאַסינאַ...

— אַוודאי, אַוודאי, — דער האָטעל־קיפּער האַלט זיך ביי זיינס: מ׳פּאַסט, הייסט עס, צו דאָס היטל צום קאָפּ און דעם קאָפּ צום היטל... ס׳הייסט, אַז מ׳גיט כלהמרשט דעם עולם וואָס ער וויל. נו, ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך שוין דאָ די צווייטע וואָך, און איר, דאַכט זיך אויך אַזוי. ווילט איר זאָגן, אַז מען איז געקומען אייך פרעגן צי איר פאַרדייעט דאָס? האָט מען עס גענומען צום אָפּשטימען צו דערוויסן זיך אויב די געסט זיינען צופרידן?

זעט איר, דער קעלנער גיט מיך יאָ אַמאָל אַ פרעג, וואָס וויל איך פאַר פרישטאָג, הערינג צי לאַקס, לויזע אייער, האַרטע אייער, צי אַ פיינקוכן?

ער פרעגט מיך אויך אַמאָל צי וויל איך פאַר דינער סטעיק, אַ טשיקן, געבראָטענע לעבער אָדער האַק־פלייש?

פאַר וועטשערע פרעגט ער, צי וויל מען שטשאַוו אָדער באָרשטש?

קומט אָבער צו דער פּראָגראַם, ווייסט מען שוין באַשטימט, אַז אַלע, אַלע ווילן, — באָרשטש...

איר מיינט מיר צו זאָגן, אַז דער עולם וואָלט ניט „אַראָפּגעשלונגען" אַ קאַפּיטל פּרק, אַ פּרק מענדעלע, אָדער אַ בלאַט שלום עליכם?

אָדער ווען עס קומט צו טאַנצן, ווילט איר מיר איינרעדן, אַז מ׳מוז נאָר טאַנצן מיט די פיס און בויך נאָר, אַז מ׳וועט געבן אַ טאַנץ מיט קאָפּ, וועט מען דאָס ניט פאַרדייען?...

איך ווייס, אַז אין קיך פון האָטעל קאָן מען מאַכן היינט אַ קנאָבס און אויב עס בלייבט איבער, זאָל מאָרגן פון דעם ווערן פריקאַזי, איבערמאָרגן זאָל מען דאָס רופן פליישיגע קנישעס און, אַז מ׳דאַרף ווערט דאָס האַמבור־

גער, אָבער ווי אַזוי מען קאָן פון גראָבן בורלעסק מאַכן אָנשטענדיגע פאַר־ווײלונג — דאָס זעט איר איז שוין פון יענע קונצן, וואָס מיר ביידע אײנ־איינעם וואָלטן, דאַכט זיך, ניט געקאָנט באַווייזן.

יאָ, וואָס טויג מיר די קונצן? איך זאָג אייך, אַז אַ היימישע דאַטשע איז לחלוטין ניט דאָס וואָס „יענע" האָטעלן.

איר זאָגט, אַז דאָ זיינען אויך פאַראַן גוטע, שיינע, קולטורעלע האָטעלן, רעזאָרטן, אָפּרו פּלעצער. דיגג איך זיך מיט אייך ניט. שלעכט איז נאָר, וואָס אַמאָל זיינען געווען אויך שלעכטע פּלעצער, און היינט — זיינען פאַ־ראַן אויך גוטע פּלעצער...

וואָס זאָגט איר, איר זיינט יאָ געווען אין דער אַלטער היים אויף דאַטשע, און אויך דאָרט איז געווען רייך און אָרעם, גוט און שלעכט, שיין און מיאוס, דיגג איך זיך ווידער ניט מיט אייך, נאָר פון צוויי מאָל פע ווערט ניט איינ־מאָל שיין...

וואָס זאָגט איר — יאָ, צי ניין?

אַ מענטש מיט אַ מענטש דאַרף גיין האַנט אין האַנט, נאָר גאַרניט מענטש־לעך איז צו גיין מיט די פיס אין האַרצן...

דער וואָס באַרימט זיך מיט וויסן, קאָן בלויז אָפּנאַרן דעם אייגענעם געוויסן...

פון אַ שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער, פליט ניט ביי קיינעם אַראָפּ דאָס היטל...

פאַר'ן רייכן גראַמט זיך עשירות — מיט פיינע דירות, און פאַר דעם אָרימאַן — נויט מיט טויט.

ווען איינער שרייבט אַן מיאוס'ע ווערטער אפילו מיט וויסן קרייד, איז דאָס אַלץ מיאוס...

מאָלן בילדער אויף שניי איז — וואָסערדיגע קונסט...

כ׳פיל זיך ווי אין דער היים...

איך בין אַ מענטש, בין איך, וואָס איך האָב פיינט צו צאָלן געלט פאַר גאָרניט. דערצו נאָך ווען איך דאַרף פאַר׳ן געלט קרענקען, ווערן אויסגע־ריסן — און מ׳זאָל נאָך חוזק מאַכן פון מיר!

ווי איר קוקט מיך אָן, האַלט איך ניט פון קיין קאָנטריס, פון קיין וואַ־קאַציעס און פון קויפן זיך רו.

איך ווייס, אַז דער וואָס קאָן ניט רוען ביי זיך אין הויז, אין דער איי־גענער בעט, וועט זיכער ניט קאָנען רוען אין קאָנטרי. און דער, ווידער, וואָס איז ניט פויל זיך אָפּצורוען אין הויז — דאַרף ניט קיין קאָונטריס מיט קיין העמעקס. וואו ער זעצט זיך — רוט ער, וואו ער לייגט זיך — שלאָפט ער.

אַמאָליגע יאָרן, פאַרשטייט איר מיך, איז עסן געווען ביי מיר אַן ענין. דער האָטעל־קיפּער פלעגט מיר וועלן שינדן די הויט און איך — איך האָב אים אויפגעגעסן דאָס פלייש מיט די ביינער...

אַמאָליגע יאָרן האָב איך אויך ליב געהאַט כאַפּן אַ שנעפּסעלע, כאַפּן אַ שפּאַציר, כאַפּן אַ קערטל, כאַפּן אַ שמועס מיט מענטשן.

איצט, ווי איר זעט, איז עסן ניט פאַר מיין מאָגן. מיין מאָגן איז איצט פאַרנומען מיט אָלסערס, מיט קראַמפּן — מיט איין וואָרט: מיין קאָפּ איז גאָר פאַרנומען מיט בויך־ווייטאָג...

נו, וועגן שלאָפן דאַרף איך שוין ניט דערציילן. איר קאָנט דאָס שוין דערקענען פון מיינע אויגן. אָן שלאָף־פּילן מאַך איך ניט צו קיין אויג. ערשט דערנאָך כאַפּ איך זיך אַלע וויילע אויף, ווייל מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב פאַרגעסן נעמען די שלאָף־פּילן!

איצט שטעלט זיך פאַר, אַז איך קאָן ניט שלאָפן מיט פּילן, און טאַקע אין מיין אייגענער ווייכער און וואַרעמער בעט, וועל איך קאָנען שלאָפן אין דער פרעמדער?

איז אויב דאָס ניט עסן און ניט שלאָפן רופט זיך אָפּ אויף מיינע אויגן, טויג שוין אַ בוך — ניט פאַר מיין קאָפּ. אַ שפּאַציר — ניט פאַר מיינע פיס. בלייבט נאָר איין זאַך — פּינאַקל. איז פּינאַקל ניט פאַר מיין קעשענע און — איך האָב פיינט צו פירן חשבונות... איז וואָס, מיינט איר, טו איך? שפּיל איך זיך מיט מיינע אייניקלעך.

איר קומט אויף וואַקאַציע, איז די ערשטע זאַך יאָועץ זיך חברה, ווילן שפּילן טעאַטער. נו, וואָס מיינט איר, איך בין עפּעס אַן אַקטיאָר? אַנדערע נעמען איך גלייך שלעפּן: קומט זינגען. האָט מען מיר געזאָגט, אַז קאַרוזאָ איז געשטאָרבן אינמיטן פון זינגען, — איז מער ווי דאָס פעלט מיר ניט...

ווייטער, האָבן זיי אַ ספּאָרט — שווימען. ווייס איך, אַז מיינער אַ לאַנדס־מאַן איז געגאַנגען שווימען און — אינמיטן שווימען איז ער דערטרונקען געוואָרן.

זאָגט איר שפּילן פּילקע, — באַל, הייסט עס — האָב איך פיינט זיך שפּילן אין כאַפּערלעך און כאַפּן אַ פּילקע אין נאָז...

געוויס, עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס קומען אויף וואַקאַציע און צווישן איין גלאָק און אַ צווייטן, זיצן זיי זיך אָפּ זייער צייט אויפ׳ן פּאָרטש. זיי באַרעדן אַלע געסט, אַלע שכנים, די גאַנצע וועלט, נאָר זיי האָבן פיינט מ׳זאָל וועגן זיי רעדן. זיצן זיי און היטן דעם פּאָרטש, די וועראַנדע איז זייער גאַנצע קאַונטרי. לאָך איך פון זיי, — צאָלן זיבעציג דאָלאַר אַ וואָך פאַר אַ ווע־ראַנדע?...

איך האָב פיינט דאָס זיצן און דאָס רעדן. איך וויל זיך ניט מישן אין יענעמס געשעפטן און וויל ניט, אַז יענער זאָל זיך מישן אין מיינע געשעפטן. וועגן פּאָליטיק, ווידער, האָב איך גלאַט פיינט צו רעדן. איך בין, ווי איר קוקט מיך אָן, אומפּאַרטייאיש, איך גיב ניט פאַר קיין זאַך קיין געלט און מיש מיך ניט. וואָס עס איז גוט פאַר אַלעמען איז גוט פאַר מיר...

גערעכט זיינט איר, איז נאָר געבליבן איין זאַך: זיצן און קוקן אויף טעלעוויזיע. איז ווידער דאָס אייגענע: דאַרף איך צאָלן פאַר קוקן אויף טעלעוויזיע זיבעציג דאָלאַר אַ וואָך און יעדער איינער זאָל זיך דרייען די טעלעוויזיע פאַר זיך? זיץ איך מיר אין הויז און ווען איך האָב אַ טעלע־וויזיע, וואָלט איך זיך שוין אַליין אָנגעדרייט וואָס מיר געפעלט.

ערשט איצט פרעגט איר מיך, אויב אַזוי וואָס טו איך דאָ? אויף דעם קלאָגט דער נביא: איך האָב דאָ אַזוי געדאַרפט זיין, ווי איר דאַרפט איצט טראָגן אַ וואַטאָוון יאַק.

איך בין שוין דאָ, ווי איר קוקט מיך אָן, די צווייטע וואָך, נאָר פאַר אייך הייסט עס קאַונטרי — אָבער ניט פאַר מיר.

ווי איר ווייסט, איז מיין טאָכטער, זאָל געזונט זיין, די איינציגע וואָס ווייסט שוין וואָס מיינע אָלסערס ווילן עסן... איז ווען זי איז אַוועק־געפאָרן אין דעם דאָזיגן „קאָכאַליין האָטעל״ מיט די צוויי אייניקלעך מיינע, בין איך געבליבן אַליין אין הויז. דאַרף איך אייך שוין געוויס ניט דער־

ציילן, אַז אָן מיין טאַטע זיינען מיינע אַלטערס געבליבן ווי יתומים אָן אַ מאַמען.

רופט זי מיך אָפּ, מיין טאַטער, ערשט לעצטע וואָך און זאָגט מיר, אַז די אייניקלעך בענקען שוין אַזוי נאָך מיר, אַז עס גייט זיי אויס דאָס חיות, און די הויפּט־זאַך איז, זאָגט זי מיר, ווערסטו דאָ מיט מיר האָבן היימישע מאַלצייטן.

אָט אַזוי, זעט איר, בין איך געקומען אַהער, נאָר אַז איך זאָג אייך, אַז איך האָב פיינט קאָונטריס מיט וואַקאַציעס, מעגט איר מיר גלויבן.

ווייל זינט איך בין דאָ האָב איך קיין מאַלצייט ניט געהאַט. אין „קאָכ־אַליין", זאָגט מיין טאַכטער, איז דער „קען־אָפּעגער" דער שפּייזער...

און זי, — זי זיצט, שטריקט אַ סוועדער, שפּילט אַ קאַנאַסטאַ און רוי־כערט פּאַפּיראָסן...

און איך, — איך דאַרף איינקויפן די בלעכענע און גלעזערנע קענדלעך צום עסן, און אַכטונג געבן אויף די קינדער, זיין אַ „בעיבי־סיטער".

פונדעסטוועגן, זאָג איך אייך, אַז אַביסל מזל איז מיר נאָך געבליבן — ווייל ווי באַלד אַ „בעיבי־סיטער" פיל איך זיך שוין ווי אין דער היים...

וואָס פאַר אַ קאָלירן טינט איינער זאָל ניט נוצן ביים שרייבן, בלייבט דאָס שוואַרץ אויף ווייס... אויב ס'איז נאָר וויכטיג.

ער איז פון די בעלי־טובה'ניקעס, וואָס מ'קאָן קריגן ביי אים אַ נח'ס תיבה...

פאַראַן אַזעלכע פּירער, אויף וועלכע מ'קאָן זאָגן, אַז זיי זיינען „וועג־וויזער" — וואָס ווייזן די אַרבעטער דעם וועג פון אָפּיס...

ווען דער געדאַנק ליגט אין באַנק, און דער קאָפּ אין טאָפּ, איז דער מענטש אַליין — שוין אָן אַ מיין...

דורך שמוציגע פענצטער זעט אויס שמוציג די גאַס...

חי — געלעבט

שוין אַזוי יאָרן און יאָרן ווי בערל לאַנדי אַרבעט אין שאַפּ, שליגנט „באָנדלעך“ אין סעזאָן און האָט ניט וואָס צו שלינגען אין „סלעק“ צייט...

פֿון אַזאַ זאַך ווי וואַקאַציע, דאַטשע, אָפּרו, קאַנטרי, בערג, זומער־רעזאָרטס, ווינטער־רעזאָרטס, קעמפּס, הייסע בעדער, זאַלץ־בעדער, — האָט ער בלויז געלייענט אין די צייטונגען, אָדער זיך צוגעהערט אין מאַרקעט, ווי אַנדערע רעדן וועגן דעם.

האָט איינער דערציילט פֿון אַ רו־פּלאַץ וואו ס'איז פֿאַראַן אַ שפּיגלדיגער טייך, צום באָדן זיך, מיט שיפֿלעך צו שיפֿן זיך און אַ שיינער פּלאַץ פֿאַר פֿיש־פֿאַנג, פֿלעגט בערל לאַנדי זיך אויפֿכאַפּן ווי פֿון אַ חלום און נעמען דערציילן, ווי אַזוי מיט פֿערציג יאָר צוריק, נאָך אין דער אַלטער היים, פֿלעגט ער זיך באָדן אין דעם וואַסער, וואָס איז געלאָפֿן אינדערמיט פֿון זייער שטאָט, ווי ער פֿלעגט לייגן קלאַפּטער און אַריבערשווימען פֿריער ווי אַלע אַנדערע קינדער. און פֿיש פֿלעגט ער כאַפּן דריי, פֿינף און אַפֿילו צען־פֿונטיגע שטיק און שיפֿלעך פֿלעגט ער פֿירן טאָג און נאַכט אויפֿן וואַסער.

— איצט, — גיט בערל לאַנדי אַ זיפֿץ, — באָד איך זיך אין שוויס. אָבשטאָט כאַפּן פֿיש, פּרובירט מען כאַפּן „באָנדלעך“, און שיפֿלען זיך? חוץ די שיף, וואָס האָט מיר געבראַכט אַהער האָב איך נאָך קיין שיף ניט אָבגעזען — סיידן אויפֿן „קאַלענדאַר“ וואָס הענגט אין אָפֿיס פֿון שאַפּ.

בערל לאַנדי איז געווען ניט בלויז צופֿרידן, נאָר ממש גליקלעך, וואָס דורך די אַלע יאָרן איז אים געלונגען אַרויסצושיקן אין קאַנטרי זיין פֿרוי מיט די קינדערלעך, אויב אַפֿילו אין דעם באַרימטן „האָטעל־קבצן קאָכאַליין“... ער פֿלעגט אָנקוועלן ווען די פֿאַמיליע איז געקומען אַביסל אָפּגעברוינט און אויפֿגעמונטערט.

איצט זיינען די קינדער ביי די לאַנדיס שוין פֿאַרהייראַט און זיי אַליין, לאַנדי מיט זיין פֿרוי, האָבן שוין ניט די „מיידלשע כוחות“.ביידע האָבן אָפּגעשפּאָרט אַביסעלע אסטמאַ, אַ קאַפּעלע רומאַטיזם — און ספּעציעל האָט בערל גענומען פֿילן אַ שוואַכקייט אין זיינע פֿיס פֿון דריקן אַריבער פֿערציג יאָר די „טרעטערס“ פֿון די מאַשינען אין די אַלע שעפּער וואו ער האָט אַלץ געאַרבעט...

דערפאַר האָט בערל זיך כמעט ניט געדונגען מיט זיין פרוי, ווען זי האָט פאָרגעשלאָגן, אַז דאָס יאָר, וואָס עס זאָל ניט זיין, פאָרן זיי ביידע צוזאַמען אויף וואַקאַציע. און טאַקע ניט אין אַ האָטעל „קאָכאַליין", נאָר אויף אַלעם פאַרטיגן.

בערל האָט צוגעשטימט, מאַכנדיג פאַר זיך דעם חשבון, אַז זעכציג דאָלאַר וועט ער קריגן פון דעם וואַקאַציע־פאָנד אין דער יוניאָן, אַ פאָר דאָ־לאַר האָבן זיי אָפּגעשפּאָרטע, און צוזאַמען וועט דאָס זיין שוין איינמאָל אַ וואַקאַציע! עס וועט זיין חי — געלעבט!...

די פרוי לאַנדי האָט גענומען איינקויפן צוביסלעך אַלץ וואָס זי האָט געדענקט, אַז עס איז נויטיג פאַר אַזאַ וואַקאַציע, און בערל האָט גענומען מאַכן פלענער פאַר זיך.

ערשטנס, האָט ער באַשלאָסן אָפּצוזוכן אַ פּאַסיגן פּלאַץ. אויב שוין פאָרן, וויל ער אַ פּלאַץ, וואו ס'איז דאָ אַ טייך. ער וויל ווידער אויספּרו־בירן זיינע מוסקולן ווי ווייט ער קען נאָך שווימען, און טאַקע זיך ווידער פאַר־מעסטן אין שיפן און כאַפּן פיש.

ער האָט גענומען דורכקוקן אין די צייטונגען די אַלע אַנאָנסירטע פּלע־צער, רופן אויף די טעלעפאָנען. וואו אַ צייטונג, האָט ער געלייענט די רעקלאַמעס, געשריבן בריוו און ווידער גערופן. דאָ איז אַ פיינער פּלאַץ, נאָר אַ צו „פיינער" פּרייז.. דאָ איז דער פּרייז ביים וועג, נאָר דער האָטעל איז אויסערן וועג... פאַרוואָרפן ערגעץ אין עק וועלט.

ווען די לאַנדיס האָבן זיך שוין ענדלעך געאייניגט אויף אַ פּלאַץ, האָט בערל זיך גענומען איינקויפן דאָס נויטיגע פאַר זיך.

די פרוי האָט אים אָנגעזאָגט: „איינמאָל לעבט מען, קויפסטו עפּעס, טאָ קויף עפּעס רעכטס, עס זאָל ניט זיין קיין בזיון פאַר מענטשן...

די ערשטע זאַך האָט בערל זיך גענומען באַזאָרגן מיט אַ טשעמאָדאַן. אַ טשעמאָדאַן, ווייס ער, איז ניט קיין קלייניגקייט. ער געדענקט נאָך די גרויסע ראָלע, וואָס דער טשעמאָדאַן האָט געשפּילט ווען ער איז געפאָרן קיין אַמעריקע. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט געהאַלטן אין אַ טשע־מאָדאַן די „וואַרשעווער וואורשט" מיט די סוכאַרקעס און ווי אַזוי דער ביי־ליגער שלאָס פון טשעמאָדאַן האָט זיך פאַרהאַקט אינמיטן וועג און ער האָט געמוזט אַ גאַנצן טאָג הונגערן ביז איינעם אַ שלאָסער איז געלונגען אויפצוברעכן דעם שלאָס.

בערל איז געגאַנגען פון איין געשעפט צו אַ צווייטן, ביז ענדלעך האָט ער איינגעהאַנדלט אַ טשעמאָדאַן, וואָס אַלע שכנים האָבן צוגעגעבן, אַז מיט

אַזאַ טשעמאָדאַן קען מען פֿאָרן אויף וואַקאַציע אפילו קיין איראָפּע.

אַ גאַנצע פּראָבלעם איז פֿאַר אים אויך געוואָרן זיך איינצוקויפֿן אַ באָד־קאָסטיום. ער האָט ניט געוואוסט, ווי שווער ס'איז אָנגעקומען זיין פרוי דאָס צו קויפֿן, אָבער ער האָט זיך פּשוט געשעמט צו זאָגן, אַז ער איז אויסגע־גאַנגען צענדליגע קראָמען און אין אַלע פּלעצער זיינען געווען אָדער גאָר קליינע „סאַיזעס" אָדער גאָר גרויסע. אָבער, ניט דאָס וואָס ער וויל און דאַרף. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט געמוזט נעמען דאָס וואָס ער האָט געקראָגן...

בערל האָט אויך געוואָלט איבערראַשן זיין פרוי ווען ער וועט שוין זיין אין האָטעל און זיך אויספּוצן פֿאַר איר ווי אַ פּראַנט, ווי אין יענער צייט ווען זיי האָבן זיך באַקענט. ער האָט דעמאָלט געטראָגן אַ ווייסן זומער־גאַרניטער, אַ שטרויענע הוט מיט געלע שיך. האָט ער גענומען זוכן און זיך צופּאַסן די אַלע זאַכן.

גאָר שווער איז אים אָנגעקומען אויסצוקלייבן און קויפֿן דעם נויטיגן „געשפּאַן" צו כאַפּן פֿיש, אָבער — אַז מ'זוכט געפֿינט מען.

ווען אַלץ איז שוין געווען כמעט איינגעקויפֿט און די דאַטע האָט זיך דערנענטערט צו פֿאָרן, האָבן זיי אָפּגערופֿן און זיך באַזאָרגט מיט דער נויטיגער מאַשין, וואָס קומט נעמען פֿון הויז און ברענגט צו דער טיר פֿון האָטעל.

און אַז אַלץ איז באַזאָרגט געוואָרן האָט זיך בערל אָנועקגעזעצט מיט זיין פרוי און גענומען רעכענען, וואָס אַלץ עס האָט זיי שוין געקאָסט און וויפֿיל געלט זיי דאַרפֿן נאָך האָבן, פֿאַר טראַנספּאָרטאַציע, האָטעל, „טיפּס" און אַנדערע אויסגאַבן.

ווען די פרוי האָט אויסגערעכנט אירע אויסגאַבן און בערל זיינע, האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז עס האָט שמאָל, ס'איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז ניט נאָר האָבן זיי ניט צו באַצאָלן פֿאַרן האָטעל, נאָר — זיי האָבן שוין אפילו ניט גענוג צו באַצאָלן פֿאַר דער מאַשין זיי צו פֿירן...

ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט און דערביי געוואָרפֿן אַ בליק אויף דעם טשעמאָדאַן מיט די פּעקלעך זאַכן...

די פרוי האָט ווי פֿאַרשעמט גענומען רעדן צו זיך אַליין: נאָך אַלעמען לעבן טויזנטער מענטשן, וואָס פֿאָרן ניט אויף וואַקאַציע און „ברויינען" זיך זיצנדיג אויפֿן דאַך. טויזנטער מענטשן פֿאָרן אַרויס אין די נאָענטע פּלעצער אַרום שטאָט, אין אַ פּאַרק, אין קוני איילאַנד. מיר האָבן געלעבט אַזוי לאַנג אָן קאַנטרי — וועלן מיר לעבן ווייטער...

בערל האָט ניט געוואָלט אַזוי גיך שלום מאַכן מיט'ן געדאַנק ניט צו פאָרן אין קאַנטרי און ער האָט צו זיך געמורמלט: אַ מצוה אויף מיר! גע־מעגט פאַרשטיין, אַז מען דאַרף זיך רעכענען מער מיטן קאָפּ ווי מיט די פיס... אַז מען דאַרף פאָרן, טאָר מען ניט פליען...

ער האָט אָבער ניט געוואָלט ערגערן זיין פרוי, האָט ער זיך צעלאַכט: איבעראַיאָר, אַז מיר'ן לעבן, וועלן מיר קענען פאָרן מיט אונזער פאַרטיגע „גאַרדעראָבע" און איצט גרייט צו עפּעס עסן, וועלן מיר קענען פאָרן אין קוני־איילאַנד און — עס וועט זיין חי — געלעבט...

דער קוימען פאַרנעמט אַ הויכע פּאָזיציע און דאָך וויל קיינער ניט קו־מען אין באַרירונג מיט אים...

ניט אַלע וואַסערן, וואָס מ'קאָן זיך אין זיי שפּיגלען, קאָן מען אויך טרינקען...

מ'מוז אַמאָל דורכמאַכן אַ זיג־זאַג גאַנג צו קאָנען אַרויפקומען אויפ'ן גלייכן וועג...

ס'איז אָפט שווער צו געפינען אַ וועג אָן שטיינער, ווי מ'קאָן ניט גע־פינען אַ זעג אָן ציינער...

מעגסט טראָגן ביי זיך שפּילקעס אין דיין קראַוואַט, אָבער פּרוביר זיי ניט שטעקן אין אַ צווייטנס האַרץ...

מיט אַן אוי און אַ קרעכץ, וועסטו ניט באַזייטיגן קיין שלעכטס...

מ'דאַרף זיך מער היטן פאַר אַ קליינעם שטיין, וואָס מ'קאָן וואַרפן, ווי פאַר אַ באַרג־שטיין וואָס ליגט אין אייביגער רו...

מענטשלעכע ליידן קאָן מען ניט מעסטן מיט קיין אַרשין, און לויפּנ־דיגע פאַנטאַזיעס קאָן מען ניט יאָגן מיט קיין מאַשין...

אַ קרענק ווייסט איר...

איך האָב בטבע פיינט צו רעדן וועגן זאַכן וואָס קאָסטן געזונט, — און קראַנקהייטן, מעדיצינען, אָפּעראַציעס, שפּיטאָלן, קאָסטן נאָך חוץ געזונט, אויך געלט.

אָבער איך זע, אַז איר האַלט אין איין פאַרטשעפּען דעם ענין. איר שלעפּט זיך פאַר דער צונג צו דערציילן וואָס איר האָט אַלץ דורכגעמאַכט ליגנדיג קראַנק. זאָג איך אייך אין פאַראויס, אַז אַלץ וואָס איר האָט צו דערציילן איז, אין פאַרגלייך מיט מיין קראַנק זיין, פּונקט ווי אַ אָרעמאַן זאָל זיך באַרימען מיט זיינע קנעפּלעך געגן דעם גביר׳ס מיליאָנען...

סך־הכל זע איך דאָך פון אייער גיין און רעדן, אַז דאָס העכסטע וואָס איר האָט געקענט דערגרייכן מיט אייער קראַנק זיין איז — אַן אַפּענדיק, אַ ברוך, אַ ווירוס אָדער מערידן. איז זאָלט איר מיר מוחל זיין, מ׳קען דאָס אַזוי אָנרופן אַ קרענק, ווי מ׳זאָל איינעם וואָס פאַרמאָגט אַ שטיקל קרקע אָנ־רופן לענדלאָרד...

אַ קרענק, פאַרשטייט איר מיך, הייסט אַ קרענק — אַשטייגער, ווי דאָבל־ניומאָניע, לונגען־אָנצינדונג, אַ האַרץ־אַטאַקע, אַ ראַק, די „דער" (טשאַ־כאַטקע). מיט איין וואָרט, דאָרט וואו דאָס לעבן צאַפּלט זיך אויפ׳ן וואָג־שאָל, וואו דער יאָ מיט ניין קוקן זיך גלייך אין פּנים.

איז קלאָר, אַז פון אייער גאַנצער צוגערייטער מעשה איז ניטאָ אַ וואָרט צו הערן. עס איז אַן אַן אוי און אַן אַ ווײ...

נאָר אויב איר האָט געדולד און ווילט טאַקע הערן וועט איר שוין אַזוי גוט זיין הערן, וואָס איך האָב צו דערציילן:

דענקט ניט, אויב איר מיינט אַזוי, אַז איך געפין זיך דאָ אויף וואַקאַציע, אָדער אַז איך בין דאָ אויסן די פּרעסאַרניע. עסן פעלט מיר אויך ניט אין דער היים. אַז מיין אַפּעטיט איז נאָר אין אָרדענונג, זע איך שוין, אַז ער זאָל האָבן צו דער האַנט...

אַהער, אין קאַנטרי, בין איך, ווי איר קוקט מיך אָן אויפ׳ן פּנים און קענט באַמערקן פון מיין אַפּעטיט — געקומען נאָך דער אמת׳ער קרענק.

שייך קראַנק זיין! סך־הכל בין איך שוין געווען מיט איין פוס אויף יענער וועלט... און אויב דערציילן פון אייגענער דערפאַרונג, קען איך

איך שוין איצט דערציילן פון יענער וועלט פּונקט אַזוי פיל ווי פון דער וועלט. ס׳הייסט פון האָספּיטאַל, פון דאָקטוירים, נוירסעס, מעדיצין, היץ און קעלט און טאַקע אַביסל פון זיך אַליין אויך...

איך וויים ניט וויפיל פון אייך זיינען שוין געפּרואווט געוואָרן צו ליגן אין אַ שפּיטאַל. אַ שפּיטאַל מעגט איר וויסן, האָט זיך זיינע גוטע זאַכן און אויך זיינע שלעכטע זאַכן.

גוט איז צו ליגן אין שפּיטאַל. ערשטנס, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ס׳איז אייך ניט אומעטיג. איר זיינט ניט עלנט. גיט איר אַ קרעכץ, גיט אַ צווייטער אַ זיפץ. זאָגט איינער אוי, ענטפערט אַ צווייטער — ווי. צרות רבים, זאָגט מען, איז חצי נחמה... אַלץ גייט דאָ אין כאַר. אפילו ווען איי־נער רעדט פון היץ, איז וואָס פאַר אַ גוט־מאָרגן דאָ — אַזאַ גוט־יאַר...

אַזעלכע ווערטער ווי דאָקטאָר און נוירס פאַרגעסט איר ניט אַ מינוט. די הויך־ריידער איבער׳ן קאָרידאָר האַלטן אין איין רופן דעם און יענעם, דאָ דאַרף מען דעם דאָקטאָר און דאָ דאַרף מען יענע נוירס. צי מ׳קריגט זיי, צי זיי קומען, ווייס איך ניט, אָבער זייער נאָמען איז פּאָפּולער, מ׳קוקט אויס אויף זיי ווי אויף משיח׳ן.

דערצו האָט איר אין אַ שפּיטאַל דאָס פאַרגעניגן צו וויסן וויפיל פריינט איר פאַרמאָגט. אין אַ פּריוואַטער הויז וועט ניט וואָגן יעדער איינער צו פאָרן און דרייען דעם קראַנקן אַ קאָפּ, אָבער אין אַ שפּיטאַל, טראַכט מען זיך, אַז אויב דער קראַנקער איז זייער קראַנק און מ׳קען מיט אים ניט רעדן, וועט מען רעדן איינע מיט די אַנדערע.

דערצו, ווי פּאַסט דאָס צו קומען אין אַ שפּיטאַל מיט ליידיגע הענט. ברענגען טאַקע די געסט אַלעמאָל עפּעס מיט זיך. ווער אַ פערטעלע עוף, ווער אַ שטיקעלע פיש, אַ ביסעלע קאָמפּאָט. און פון די קאָנפעקטן און פרוכטן, קען מען פראַווען אַ חתונה מיט אַ ברית.

וואָס דאַרפט איר מער, מ׳האָט איין טאָג מיר געבראַכט אַזויפיל ווייג־טרויבן, אַז דער דאָקטאָר האָט געמיינט, איך עפן דאָ אין שפּיטאַל אַ ווייך־געשעפט... און לאָמיך אייך זאָגן, אַז די שאָכטלעך מיט די קאָנפעקטן האָבן מיר טאַקע אַ סך געהאָלפן, אַז די נוירסעס זאָלן אַלע ווילע אַריינקומען זען ווי איך פיל און פאַר איין וועגס, ווי עס פילן זיך עפּעס די שאָקאָלאַדן...

אָבער חוץ די גוטע זאַכן, זיינען אויך פאַראַן אין אַ שפּיטאַל שלעכטע זאַכן. דער טומל איז גרויס, מ׳וויינט און מ׳לאַכט. מ׳קלאַפּט און מ׳פייפט. מ׳האַקט און מ׳דרילעוועט. יעדנפאַלס, אויב אפילו ס׳איז ניט אַזוי, דאַכט

זיך אייך אַזוי אויס. אַ סימן האָט איר, אַלע ווילן וואָס גיכער אַרויס פון שפּיטאָל...

נאָר פונדעסטוועגן זאָג איך אייך ווי אַן אייגענער: מיינע שונאים זאָלן קרענקען אין דער היים און מיינע גוטע פריינט — זאָלן פון קיין שפּיטאָל אויך ניט וויסן. נאָר אַז ס'איז פאָרט ניטאָ קיין ברירה, איז שוין טאַקע גלייכער אַ שפּיטאָל.

געוויס קאָסט אין אַ שפּיטאָל אַ סך געלט. מ'דאַרף אַ גראָבן באַנקבוך, אַ טיפן טייסטער און שיטערע פינגער. ווייל, ווי זאָגט די וועלט: אַז מ'שמירט, עסט מען ברויט מיט פּוטער...

האָבן טאַקע אַ סך פון מיינע פריינט געהאַט צו מיר טענות: וואָס הייסט מ'בראָקט אַריין אַזויפיל געלט אויף דאָקטוירים, נוירסעס און די מעדיצינען מיט די כפל־שמונה'דיגע נעמען און נאָך גרעסערע פּרייזן ווען מ'ווייסט אַליין ניט צי דער מאָרגן וועט נאָך ווערן אַ היינט...

— און טאַקע, נו, — ווייזט מיר אַ חשבון מיינע אַ באַקאַנטע, — פאַר דעם געלט וואָס עס קאָסט דיר קרענקען אין שפּיטאָל די פיר־פינף וואָכן, וואָלסטו דאָך אין דער היים געקענט קרענקען פאַר דעם אַ יאָר צייט...

ווי איר זעט, האָב איך ליב צו לעבן מיט אַ ברייטער האַנט. איך האָב פיינט צו טרינקען מעדיצין מיט אַ טיי־לעפעלע... און קוקן אויפן זייגער, ציילן די מינוטן... און זיין קאַרג אויפן פּיל...

וואָס ס'איז מיר אַזוינס געווען, פרעגט איר? זיצט איר דאָך דאָ אויף דער וועראַנדע ווי אַ גאַנצער פּראָפעסאָר, טאָ דערלאַנגט טאַקע אַ דיאַגנאָז... איר זיצט דאָך דאָ טאָג און נאַכט און רעדט פון אָפּעראַציעס, פון קראַנקהייטן, פון דאָקטוירים, טאָ ווער קען נאָך אַזוי גוט וויסן ווי איר?

נאָר צו וואָס זאָל איך אייך ציען די עצמות, איבערהויפּט ווען איך זע, אַז יענער דאָרטן רייסט זיך שוין צו דערציילן פון זיין צאָן־ווייטאָג. זאָג איך אייך, אַז איך יועל לאַנג געדענקען די פאַר וואָכן בלוט־פאַרגיסונג. ניט געקאָנט עסן, ניט געקאָנט רעדן, ניט געקאָנט זיצן, און — — — —

וואָס פעלט אייך איין, איך האָב געהאַט „טאָנסלס"? אָט דאָס איז אייער דיאַגנאָז?... טאָ זייט מיר שוין געזונט און פאַרגעסט פון אַ האָספּיטאָל. איר דאַרפט אַ פּסיכיאַטאָר...

אַ באַלעבאָס מיט צרות...

איר וואונדערט זיך, וואָס איך גיי אַרום אַזוי פאַרזאָרגט? ווען איר האָט מיינע צרות און דאגות וואָלט איר מיך מיטגעפילט.

הערט אַ געשיכטע: אַלע מיינע יאָרן האָב איך געאַרבעט אין שאָפּ, ס׳הייסט: ווען ס׳איז געווען וואָס צו אַרבעטן. שטענדיג געלעבט פון האַנט אין מויל, און גאַנץ אָפט — זיך געביסן די פינגער, ווייל ס׳איז ניט געווען וואָס אַנצובייסן...

דאַרף איך מיטאַמאָל טראָגן אויף מיין קאָפּ הייזער מיט מאָרטגעדזשעס, מיט אויטאָמאָבילן, מיט גט־פּראָצעסן, מיט זומער־וואוינונגען, מיט טעקסעס און וואָס ניט?

זאָג איך אייך, אַז ווי שלעכט עס זאָל ניט זיין צו טראָגן אָן אייגן פּעקל, איז נאָך ערגער ווען דאָס פּעקל איז אַ פרעמדס.

שרעקט אייך ניט, איך בין נאָך ניט רייך געוואָרן. די אַלע דאגות וואָס איך האָב אויסגערעכנט זיינען ניט מיינע, זיי געהערן צו מיין באַלעבאָס. נאָר איך מיט די עטלעכע הונדערט אַרבעטער ביי אים אין שאָפּ דאַרפן דאָס אַלץ דערליידיגן, אַלץ אויסטראָגן און באַזאָרגן.

קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, וואָס עס מיינט, ווען מיין באַלעבאָס האָט געקויפט אַ הויז און דערוואַרט, אַז דאָס זאָל אים אַריינברענגען אַ טויזנטער אַ חודש פּראָפיט? נאָר אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז ער האָט געהאַט בלויז עטלעכע הונדערט דאָלאַר. קומט ער אַריין אין שאָפּ מיט אַ קלאָג און אַ געשריי צו די אַרבעטער: איך ווייס ב׳ניט וואו וועל איך דאָס אַלץ נעמען צו דערלייגן? דער סוף איז געווען, אַז ער האָט פאַרלאַנגט אַ שניט אין די שכירות און מיר האָבן דערלייגט...

אַ צווייטן מאָל קומט ער אַריין אין שאָפּ מיט אַ געוואַלד: די „טעקסעס״, דער שטייער־אָפּצאָל, וועט אים רואינירן!

צעלאָכט זיך אָן אַרבעטער און זאָגט אים: „אָט נעמט איר אַראָפּ אַלע וואָך פון מיינע אָרעמע שכירות שטייערן, פונדעסטוועגן מאַך איך נ׳ט קיין געוואַלדן״.

צעלאָכט זיך נאָך שטאַרקער דער באַלעבאָס: „הערט אַ חוצפּה! ער גלייכט זיך צו מיר! ביי אים נעמט מען פעניס, אין ערגסטן פאַל באַטרעפט

דאָס עטלעכע דאָלאַר. אָבער ביי מיר איז דאָך דאָס טויזנטער. שווערע טויזנ־טער דאָלאַר אַ יאָר. גלייכט ער זיך צו מיר?!״...

איין מאָל קומט אַריין דער באַלעבאָס אין שאָפּ אַנגעלאָדן ווי אַ שוואָם מיט וואַסער און הויבט אָן גיסן ציבעלע־טרערן: אָן אומגליק האָט אים געטראָפן. זיין זון האָט זיך פאַרנומען מיט אַ גט־פּראָצעס געגן זיין פרוי, און דאָס וועט אים, דעם טאַטן, קאָסטן עטלעכע טויזנטער אין קעש, און ער וויל ניט אַנדערש, מיר זאָלן אים ראַטעווען, — ס׳הייסט, מאַכן אַ „רעדאַק־שאָן״, אַ נייעם שניט אין די שכירות.

צעקאָכט זיך אָן אַרבעטער און זאָגט אים גאַנץ אָפן: „היינט וויל אייער זון זיך גט׳ן אויף אונזער רעכענונג, מאָרגן וועט ער וועלן ווידער חתונה האָבן אויף אונזער רעכענונג. וואו וועלן מיר דאָס אַלץ נעמען?״

ווערט שוין דער באַלעבאָס אָן אַנגעצונדענער: „וואָס מיינט איר זיך, צוליב אייערע קבצנ׳ישע פּאָר סענטן זאָל מיין זון ליידן פון אַזאַ שלאַק ווי ער האָט. איבער אייך זאָל מען אים אָנקלאָגן אין זיין אַ צוויי־ווייבערניק און ער זאָל נאָך פאַרשיקט ווערן אין פּריזאָן?!״

וואָס־זשע זאָל איך אייך זאָגן? איך ווייס ניט צי דער זון האָט גע־קראָגן דעם גט אָדער ניט, אָבער מיר האָבן געקראָגן — אַ נייעם שניט...

אַנומלטן קומט דער באַלעבאָס מיט אַ פרישער קלאָג: זיין ווייב וויל בייטן די מאַשין, זי וויל האָבן אַ נייעם „קעדילאַק״.

ווייסן מיר שוין מיט וואָס דאָס שמעקט. מאַכט דער שאָפּ־טשערמאַן אַ שפּאַס: „וואָס? זי מוז האָבן אַ „קעדילאַק״. און אַ זינגער־מאַשין איז ניט גענוג פאַר איר?״

ווערט דער באַלעבאָס אַזש רויט ווי אַ בוריק פון כעס: „שוין גענוג אַז איר זייט אַ מאַכער אין שאָפּ ביי מיר, ווילט איר שוין אויך מיין ווייב אויך באַלעבאָטעווען? ווען מיין ווייב זאָגט, אַז זי וועט בייטן די מאַשין, וועט שוין אייך גאַרנישט העלפן״...

וואָס דאַרף איך אייך לאַנג ברייען? די באַלעבאָסטע פאָרט שוין אין אַ נייער מאַשין, און מיר האָבן שוין — אַ נייעם שניט אין די שכירות.

איצט ברעכט מיר דער קאָפּ צי די באַלעבאָסטע האָט שוין אַ נייעם מינק־מאַנטל? אויב חלילה ניט, וועלן מיר דאָס איר אויך דאַרפן צושטעלן...

אָט ברענגט אונז דער באַלעבאָס אַ נייעס, ער קריגט אַריין אַ גרויסן אָרדער, נאָר כדי צו קריגן דעם אָרדער האָט ער געמוזט שניידן פּרייזן. פאַר־שטייט מען שוין וואָס דאָס מיינט. ביי אונז שטייט דאָך שוין לאַנג דאָס קאָנ־

וווערטל מיט די שכירות אויף אַ „דייעט״: עס האַלט אין איין פאַרלירן וואָג...

היינט קומט דער באַלעבאָס און זאָגט אונז אַ בשורה, אַז ער נעמט צוויי חדשים וואַקאַציע. דאָס מיינט, אַז ער קומט ניט אין שאַפּ, און מיר אויך ניט. נאָר וואָ׳דען? — ער וועט זיין אין די בערג און לעבן אַ טאָג און מיר, — מיר וועלן ליגן אין דר׳ערד און פּעכנען פאַר הונגער.

נאָר דאָס איז נאָך אַלץ גאָרנישט. ער לאָזט וויסן, אַז זיין זומער־קאָטעדזש קאָסט אים צוויי מאָל אַזוי פיל ווי פאַראַיאָרן, די באַדינערשאַפט מוז ער פאַרגרעסערן, ווייל ס׳זיינען אים צוגעקומען נאָך צוויי אייניקלעך פון פאַראַיאָרן ביז איצט. צום געבורט פון די אייניקלעך האָט ער אויך צוגעזאָגט צו געבן „טשאַריטי״ פאַר אַ ריי אינסטיטוציעס, ווייל, ווי איר ווייסט, איז מיין באַלעבאָס אַ גרויסער בעל־צדקה — אויף יענעמס טייסטער...

אַזוי אַלץ מיט אַנאַנדער, האָט ער אונז שוין געלאָזט וויסן טאָן דווקא גוטמוטיג:

— קינדערלעך, איצט פאָר איך אַוועק, און אַז איך פאָר אויף וואַקאַציע, פאַרגעס איך אַלץ וואָס טוט זיך אין שטאָט, איך וויל פון גאָרנישט־נישט וויסן. אָבער איר מעגט דאָס וויסן, אַז פאַר קומענדיגן סעזאָן וועט זיין אַ שניט אין די שכירות. איך האָב ניט פון וואָנען צו דערלייגן. אייך איז גוט, וואָס קאָסט אייך אַ זומער? אַ שיבוש. אָבער מיר — אַלץ אויף מיין קאָפּ, אַלץ אויף מיין קעשענע. הייזער, מאָרטגעדזשעס, גט׳ן, מאַשינען, קאָנטריס, אייניקלעך, טעקסעס, און מ׳מוז נאָך אַמאָל אונטערשפּילן אויף פערדלעך צו פאַרטומלען זיך, צו פאַרטרייבן די שטענדיגע זאָרגן״.

נו, פרעג איך אייך: איז עס ניט אַ ביטערער רחמנות אויפ׳ן באַלעבאָס? דער סוף וועט זיין, מיר׳ן שוין ווידער מוזן דערלייגן...

ביים בויען קלייבט מען אויס שטיינער, אָבער ניט ביים וואַרפן זיי...

מ׳קאָן ניט זיפצן און קרעכצן לויט נאָטן...

די שלאַנג גייט שטענדיג קרום, אפילו אויף גלייכע וועגן...

ווער פאַר רו און ווער פאַר אַרבעט

די גרויסע עלעקטרישע שילד איבער דעם „ברידזש האָטעל״ קאָן מען שוין זען אַ מייל פאַר דעם אַריינפאָר.

די הויכע שטאַכעטן מיט די רייען סאָסנע־בוימער שאַפן דעם איינדרוק, אַז דאָ געפינט זיך אַ פאַר׳כישוף׳טער קרייז, אָבער ווי נאָר דער גרויסער טויער פראַלט־אויף פאַר די אַריינפאָרנדיגע אויטאָמאָבילן, דערזעט מען פאַר זיך אַ רחבות׳דיגן גן־עדן.

די טישן און שטולן אין גאָרטן מאַניען מיט די פאַרשיידענע קאָלירן, אַלץ איז רייך און באַקוועם. פון די גרויסע שירעמס, וואָס באַשיצן פון דער זון, שטראַלן־אַראָפּ די שטרייפן פון גאָלד און זילבער, וואָס שפּילן זיך אין דער זונען־ליכט.

אין די אָוונטן, ווען די לאָמפּן צעצינדן זיך, דערזעט איר פאַר זיך אַ בילד, ווי דער הימל, מיט אַלע זיינע שטערן, מיט דער לבנה, וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן ווי אַ דאַך, צו באַשיצן און באַשירעמען דעם „ברידזש האָטעל״.

ווער איז דער באַלעבאָס ? און אפשר איז פאַראַן מער ווי איין באַלעבאָס ? דאָס ווייסט מען ניט צווישן די געסט.

אַלע קענען נאָר דעם פאַרוואַלטער, מיסטער קראַסין. ער שטייט אַלעמאָל פאַרן אויג אין זיין ווייס־זיידענעם העמד, מיטן פיין־אויסגעבונדענעם שניפּס און מיטן ברייטן שמייכל אויף זיין פּנים.

און בשעת זיין פּנים שמייכלט, זעען זיינע אויגן טויזנטער זאַכן און פּראָבלעמען, וואָס מ׳דאַרף דערליידיגן טאָג־איין טאָג־אויס.

מיט איין בליק אויף אַ נייעם גאַסט, ווייסט ער וועלכן צימער צו געבן, ביי וועלכן טיש אַוועקצוזעצן, און וואָס פאַר אַ פּרייז יענער איז גרייט צו צאָלן.

***

אויף וואַקאַציע פאָרן פאַרשידענע מענטשן פאַר אַלערליי צוועקן : פאַר־בראַוועו דאָס געזונט, אויסרוען די נערוון, בייטן די לופט, זיך טרעפן מיט נייע מענטשן, אָדער גאָר אפשר בייטן די „הענט״ אין קאָרטן־שפּיל, דער מזל זאָל בעסער אונטערשפּילן...

פאַראַן אויך אַזוינע, וואָס פאָרן צוליב אַ שידוך, אַ ליבע, צי גאָר פאָרן האָניג־חודש נאָך דער חתונה.

און פאַראַן אויך אַזוינע „וואַקאַציעניקעס״, וואָס האָבן געגוג צייט און געלט, פאָרט מען ווינטער אין געגנטן מיט אַ וואַרעמען קלימאַט און זומער — צו פלעצער מיט אַ קילן קלימאַט.

דאָס זיינען אַלץ מענטשן, וואָס האָבן ליב צו פאַרברענגען, עסן און טרינקען, געניסן פון דער גוטער לופט. זיי קומען זיך אָנלאָדן מיט פריש־קייט פונעם גרינעם גראָז און פון די שמעקנדיגע בלומען. זיי וואַרעמען זיך ווען עס איז זיי ליב די שטראַלן פון דער זון אָדער באַהאַלטן זיך אויס אין די נעסטן פון די שאָטן־בוימער ווען עס ווערט זיי הייס.

זיי גיבן אַכטונג אויף זיך צו זיין אַלע מאָל פריש־אויפגעלעבט פאַר די אָוונטן צו קאָנען פאַרברענגען אין דער קאַסינאָ ביים שפילן און טאַנצן. זיי ווילן ניט וויסן וועמען אַ שוך קוועטשט...

אין „ברידזש האָטעל״ קומען אָבער נאָר די „איבערגעזיפּטע״ געסט. צוליב וואָס פאַר אַ צוועק די געסט זאָלן ניט קומען — דער טייסטער מוז אָבער זיין ביי זיי אָנגעפּילט...

פאַראַן אָבער אויך אַזוינע „געסט״ אין דעם „ברידזש־האָטעל״, וואָס קומען ניט פאַרלאַטען דאָס געזונט, נאָר — פאַרלאַטען זייערע חובות, פאַר־שטאָפּן די לעכער און ריסן אין זייער לעבן...

זיי קומען ניט צו שאַנעווען דאָס לעבן, ניט צו געניסן פון לעבן, נאָר — „מאַכן אַ לעבן״.

פון צייט צו צייט יאָוועט זיך אין די צייטונגען אַן אָנאָנס: „אַרבעטער־פאַרלאַנגט״.

חוץ די פאַכלייט, ווי אַ קוכער און אַרויסהעלפערס אין צוגרייטן דאָס קאָכן, דאַרף מען נאָך אַנדערע צענדליקער אַרבעטער צו באַדינען די רייכע געסט.

דער „ברידזש־האָטעל״ לאָזט צו וויסן, אַז ער האָט „דזשאָבס״ פאַר יונגע, שיינע בחורים און מיידלעך, קאָלעדזש־סטודענטן, די וועלכע נוי־טיגן זיך אין פאַרדינען עפּעס געלט צו האָבן מיט וואָס פאַרצוזעצן זייער לערנען.

קומען אין האָטעל הונדערטער אַרבעטלאָזע פאַכלייט און ניט קיין פאַכ־לייט, אַזוינע וועלכע ווילן זיך דורכשלאָגן אין זומער־צייט מיט עסן, שלאָפן און פאַרדינען אַ פאָר סענט.

עס קומען יונגע סטודענטן, וועלכע ווילן שטודירן. זייערע אָרעמע טאַטע־מאַמע קאָנען ניט באַוויזן צו שיקן זיי אין קאָלעדזש, קומען זיי פאַר־דינען די עטלעכע דאָלאַר צושטייער.

צווישן די יונגע מענטשן געפינען זיך אַ סך לערער, מוזיקער, טענ־צער, אַקטיאָרן. זיי קומען פאַרדינגען זייערע הענט און פיס, און — זייער קאָפּ...

די פאַרדינסטן זיינען מערסטנס געבויט אויף ריינעם צופאַל — אויף „מזל"...

שכירות ווערן זעלטן געצאָלט. דער פאַרוואַלטער דערקלערט די אַר־בעטער, אַז זייערע פאַרדינסטן זיינען אינגאַנצן אָפּהענגיק פון זייער באַ־האַנדלען די געסט. איז די באַהאַנדלונג אַ גוטע, קריגט מען אַ פיינעם „טיפּ" (לעצט־געלט); איז די באַהאַנדלונג ניט קיין גוטע — איז שלעכט און אַמאָל טאַקע גאָר שלעכט...

קוקן די אויגן פון די אַרבעטער שטענדיק צום הימל — נאָך אַ גוטן וועטער, און — צו קריגן גוטע געסט, וועמען צו באַדינען.

אַזוי איז אויך מיטן שלאָפן. די אַרבעטער „דאַרפן זיך פילן גליקלעך", אַז זיי האָבן ניט וואו צו שלאָפן, אַז די צימערן זיינען אָנגעפילט מיט געסט. פאַר די אַרבעטער קומט דאָן אויס צו שלאָפן אויף די בוידעם־שטיבלעך, אָדער — ליגן אין קעלער ביי די אויוונס.

אַרבעט אין „ברידזש האָטעל" איז פאַראַן אַ סך. מוזן די באַדינער שטענדיק זיין אויף די פיס. „דער גאַסט איז אַלע מאָל גערעכט". קיין זאַך טאָר ניט זיין צו־גוט פאַר אים, ספּעציעל — אויב דער באַדינער חלומ'ט פון אַ „טיפּ"...

צווישן די אַרבעטער געפינען זיך די, וואָס גרייטן־צו די שפּייז, קאָכן דאָס עסן, סערווירן, נעמען אַראָפּ די כּלים און זילבערוואַרג פון די טישן; געשיר־וואַשער, וואָס צעוואַשן אַלץ אויף ריין; רייניגן און פּוצן דעם פּלאַץ. אַזוי דאַרף די בוכהאַלטערין זיין שטענדיק אויף דער וואַך; פאַרשרייבן ווער עס קומט, און ווער עס פאָרט אַוועק, און טאַקע זיך אָפּרעכענען, איבערציילן דאָס געלט און פאַרשליסן.

די בוכהאַלטערין מוז אויך אַריינלייגן אין דער פייער־קאַסע די ווערט־פולע זאַכן פון די געסט: גאָלד, דימענטן און אָפט אויך אַ טייל פון דער „מאַטניאַ", וואָס די רייכע „לעדידיס" און „דזשענטלליים" פירן מיט זיך, מ'זאָל דאָס אָפּהיטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ און — זיין גרייט זיי דאָס צוריקגעבן ווען זיי דאַרפן.

דער „בעל־אַפּ" איז דער, וואָס טראָגט די רעקנצלעך אַרויף און אַראָפּ. ער דאַרף שטענדיק זיין גרייט אויף די שפּיץ־פינגער צו באַדינען יעדן איינעם צו יעדער צייט.

איינער וויל באַלד אינדערפרי הייסע וואַסער מיט ציטרין; אַ צווייטער וויל גלייך נאָכ'ן עסן „באַיקאַרבאָניט"; אַ דריטער וויל פלוימען־יויך פאַרן שלאָפן־גיין.

ביי איין טיש וואו מען שפילט קאַנאַסטאַ, וויל מען קאַלטע וואַסער; ביי אַ צווייטן טיש, וואו מען שפילט פינאָקל — וויל מען אַ פרישן דעקל קאָרטן און אַ פּאָר טעפּלעך קאַווע; ביי אַ דריטן טיש, וואו מ'שפּילט שאַך, וויל מען ער זאָל צוברענגען פאַפּיראָסן און פרוכט.

אַזוי מוז אויך זיין די „טשעמבער־מעיד" (די צימער־אויפראַמערין) שטענדיק אויף די פיס: דאָ צו פאַרבעטן דאָס בעט, דאָ אָנוועקלייגן אַ האַנטוך, דאָ אַ שטיקל זייף; דאָ דאַרף מען אַ צימער אויפראַמען, אויס־קערן, אויסוואַשן די שפיגלען, צוגרייטן אַ אַש־טעצל מיט שוועבעלעך. אַלץ דאַרף געטאָן ווערן גיך, גוט, און שטענדיק דאַרף מען טראָגן פאַר די געסט דעם ברייטן שמייכל מיט'ן וואַרעמען „גוט־מאָרגן".

אַזוי איז אויך מיט די אַקטיאָרן, מוזיקער, טענצער און פאַרוויילער.

צווישן די אַרבעטער געהערן אויך די „בוירסעס", „לאַיף־סעיווערס", „קאַונסלערס" און — „בעיבי־סיטערס" צו היטן די קינדער, ווען די מאַמעס לאָזן זיך אַוועק ערגעץ פאַרברענגען.

דאָס זיינען אַלץ אַרבעטער, וועלכע קומען אין די רעזאָרט־פּלעצער — ניט צו רוען, ניט צו עסן אין צייט, ניט צו שלאָפן באַקוועם, נאָר באַדינען. דער קעלנער און קוכער, דער מוזיקער און „באָס־באָי", דער אַקטיאָר און „טשעמבער מעיד", — אַלע, אַלע דאַרפן זיין גרינג אויף די פיס און שטענ־דיק אין דינסט פון די געסט.

אַלע לעבן מיט דער האָפענונג אויף דער גוטהאַרציקקייט און ברייטע קעשענעס פון די געסט, אויף דעם „טיפּ", אויף דאָס לעצט־געלט.

דער פאַרוואַלטער אין עס־זאַל דאַרף איינטיילן די געסט אַזוי, אַז יעדער איינער פון די קעלנער און אַנדערע אַרבעטער זאָל האָבן אַ גלייכע צאָל פון די רייכערע, פון די „אַלראַיטניקעס", פון די „ספּאָרטס", אויף וועמען מ'האָט אַ „פאַרדאַכט", אַז זיינען פון די בעסערע „טיפּערס", פון די וועלכע לאָזן אַ פּאַסיקע סומע לעצט־געלט. אַזוי אַז זיי, די אַרבעטער, זאָלן האָבן מיט וואָס אַהיים צו פאָרן...

גאַנץ אָפט ווערט געשאַפן קנאה און שנאה צווישן די אַרבעטער מיטן צוועק צו שטערן איינגקייט, פאַראייניגונג, יוניאָן. לאָזן די באַלעבאַטים אַרויס אַ קלאַנג, אַז איינער פון די קעלנער האָט געקראָגן אַ „טיפּ" — גאַנצע פינף־און־צוואַנציק דאָלאַר, און אַ צווייטער — אַ גאַנצן פופציקער.

גאָרניט זעלטן אָבער טרעפט, ווען אַן „אַלראַיטניק“ זאָל האַלטן אין איין דערמאָנען זיינע באַדינער אַלע טאָג פון די דריי־פיר־וואָכן, וואָס ער פאַרברענגט, אַז „איך וועל דיר זען“. דאָס מיינט: דו וועסט שוין קריגן דעם ריכטיגן „טיפּ“ ביי מיין אַוועקפאָרן.

און — אויב דעם „אַלראַיטניק“ איז ניט גוט געגאַנגען אין קאָרטן, צי ער האָט זיך צעקריגט מיטן ווייב, אָדער ער האָט פאַרלאָרן דעם חן ביי דער געליבטער, לאָזט זיך אויס צו די אַרבעטער, צו זייער „טיפּ“. אַנשטאָט ער זאָל זיי זען, זעען זיי אים, ווי ער פּאַקט זיך איין די זאַכן, זעצט זיך ביים רעדל פון אויטאָמאָביל, און — לייגט אַריין די האַנט אין קעשענע, ער נעמט־אַרויס דעם שליסל פונ׳ם אויטאָמאָביל, אויף גיך גיט ער מיט איין האַנט אַ דריי־אויס דאָס רעדל, און מיט דער צווייטער האַנט — אַ פּאַכע צו אַלעמען: „איך זע אייך“...

פאַראַן מענטשן מיט גאָלדענע הענט, אַלץ קאָנען זיי מאַכן, נאָר המוציא מאַכן קאָנען זיי ניט, ווייל עס פעלט זיי ברויט...

דעם ניט דערבאַקענעם מענטש וועט שוין די זון אַליין ניט דערבאַקן...

דער וואָס פּרובירט זיך אַליין אויפצובויען הימל־הויך, וועט שוין דעם דאַך קיינמאָל ניט פאַרענדיגן...

ער איז פון די עלעגאַנטע פּראַנטן, וואָס ווען אַן זיינע האַנטשו און שטעקן זיך ניט אַ ריר טאָן, אפילו ווען ער שלאָגט זיך מיט מענטשן...

אַ חזיר איז שטענדיג פעט, ווייל — ער פרעסט ווי אַ חזיר...

ער פאַרגינט זיך ניט אַ טרונק און — באָדט זיך אין חובות.

פון זאַלץ־וואַסער ווערט שטאַרקער דער דאָרשט. וואָס מער איינער וויס, אַלץ מער ער פאָרשט...

זי קרענקט אויף מיין חשבון...

ווער עס פאַרט אין „קאַונטרי" פאַר וואוילטאָג, אָבער איך — איך פאַר פאַר וויטאָג.

מ'האָט מיר געזאָגט, אַז די „מאַונטענס", ס'הייסט, די בערג, זיינען אַ רפואה־שלימה פאַר אַ סך צרות. ווי איר ווייסט שוין, לייד איך פון אַסטמאַ, קאָפּווייטאָגן און שלאָפלאָזע נעכט.

קומט דער סעזאָן, האָב איך אויך אַ צולייג: „ספּרינג־פיבער", „העי־פיבער" און גלאַט פיבער. דאָס אָטעמען ווערט מיר שווער, די פיס ברעכן זיך אַזוי, אַז צייטנווייז דאַכט זיך מיר, אַז ווען איך הוסט ניט אונטער, קאָן מען מיינען, אַז דאָס גייט אַרום אַ מת, וואָס ווייסט ניט וואו זיין געלעגער איז...

ווי איר ווייסט, איז די געגנט, וואו איך וואוין, ניט פון די גוואַלדיג־רייכע. אַ גאַנץ יאָר קאָן מען זיך דאָרט באָדן אין שטויב, און פון דעם רויך זעט מען אויס ווי גייענדיגע קוימענס... קאָנט איר זיך שוין פאָר־שטעלן, אַז מיינע לונגען געהערן ניט צו קיין „אַריסטאָקראַטן" — זיי בלאָזן זיך ניט...

ווען מיין דאָקטאָר האָט מיך אונטערזוכט, האָט ער מיר געראָטן איינס פון די ביידע: ליגן אין שפּיטאָל און בלייבן ליגן... אָדער: אוועקפאָרן אויף וואַקאַציע, אויסרייניגן די „טשימני", איינאָטעמען אַביסל פרישע לופט און פּטור ווערן אויף עטלעכע וואָכן פון'ם שטאָטישן גאַז.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אויף דעם מאָמענט איז מיר דורך אַ ציטער. איך האָב געקראָגן אַ נייע קרענק — „קאַונטרי־פיבער"...

וואָס הייסט, זאָג איך, איך זאָל פאָרן אויף עטלעכע וואָכן אין „קאַונטרי"? וואָס, איך בין עפּעס מיסעס קודלע, וואָס פאַרמאָגט אַ גאַנצע גאַס מיט היי־זער? אַז זי, די מיסעס קודלע, האָט זיך געדאַרפט מאַכן אַן אָפּעראַציע, גיין אין שפּיטאָל, האָט זי זיך געקענט פירן גרויס. זי האָט אויסגעקליבן דעם שענסטן שפּיטאָל, מיט'ן בעסטן דאָקטאָר, און פאַר דער אָפּעראַציע אַליין האָט זי באַצאָלט טויזנט דאָלאַר — טויזנט דאָלאַר פאַר אַ שטיקל שניט, די גרויס ווי אַ פינגער...

פאַרשטייט זיך, אַז גביר'ישע אויסברענגער קאָנען זיך אַלץ פאַרגינען. אפילו אַזאַ אויסברענגעריי ווי צאָלן הונדערט מיט צוואַנציג דאָלאַר אַ וואָך

בלויז פֿאַרן צימער, חוץ נוירסעס, באַנדאַזשן, אַספּירינען, שלאָף־פּילן און — גלאָט אַ פּרוי, וואָס זאָל איר האַלטן געזעלשאַפֿט, שפּילן מיט איר אין קאָרטן, און זי זאָל האָבן מיט וועמען אַ וואָרט צו ריידן. און ווייסט איר ווער עס האָט פֿאַר דעם אַלעמען באַצאָלט? מיר — די טענענטס.

באַלד נאָך דער אָפּעראַציע האָט זי שוין אַזוי אַ דריי געטאָן אירע געשעפֿטן, אַז זי האָט געהעכערט דאָס דירה־געלט פֿון אַלע שכנים, ווייל — די פֿיר וואָכן אין שפּיטאָל האָבן איר געקאָסט, האָט זי געזאָגט מיט אַ רחמנות־פּנים, אַריבער זעקס טויזנט דאָלאַר.

איינע פֿון די אָרעמע שכנות האָט איר טאַקע אויף דעם געענטפֿערט: אויף אונזער רעכענונג פֿאַרנעמט איר זיך אַזוי ברייטלעך צו קרענקען אין אַ רייכן שפּיטאָל, מיט גוטע דאָקטוירים?

ווען איר לעבט מיט רעכענונג, האָט זי, די שכנה, געשריען צו דער מיסעס קודלע, וואָלט איר דאָך געקאָנט ביי זיך אין הויז קרענקען אַ גאַנץ יאָר פֿאַר זעקס טויזנט דאָלאַר, ניט פּטר׳ן אַזוי פֿיל טויזנטער פֿאַר עטלעכע וואָכן, משטיינס געזאָגט...

הכלל, איך האָב גערעכנט אַהער, גע׳חשבונ׳ט אַהין, און געפֿאָלגט דעם דאָקטאָר און מיין מאַן, איך מין אַוועקגעפֿאָרן אין „די בערג". צו זאָגן אייך דעם אמת, האָב איך די ערשטע צייט ניט געפֿילט אַזוי וואַקאַציעדיג, געלאָזן אויף גאָטס־באַראָט אַ מאַן, קינדער, אַ הויז, חובות אין גראָסערי, דערצו אייגענע צרות און פֿרעמדע צרות. עס איז געווען שווער צו פֿאַרמאַכן אַן אויג. די איינציגע, וועלכע האָבן מיר געהאַלטן „קאָמפּאַני", זיינען געווען די מאָסקיטאָס. געוויס, האָבן זיי זיך זייערע פּראָבלעמען...

אַזוי בין איך מיר שוין אָפּגעלעגן אַ וואָך צייט, נאַכט נאָך נאַכט. איך האָב שוין גענומען טראַכטן: וואָס טויג מיר אַ „קאָונטרי", אויסגעבן בלוטיג געלט, אַז איך קאָן פּונקט אַזוי ניט שלאָפֿן אין שטאָט, ווי אין „די בערג"...

און די שלאָף־פּילן, מעגט איר וויסן, האָבן מיר אַזוי געהאָלפֿן ווי אין דער היים. ווייל מיט שלאָף־פּילן איז אַזוי: פֿון אַ פּאָר קאָן מען ניט איינשלאָפֿן, און פֿון אַ סך ווידער — קאָן מען ניט אויפֿשטיין...

איך האָב דאָס געשריבן צו מיין מאַן און ער האָט מיר גלייך געענטפֿערט: עס קאָן זיין, שרייבט ער, איינס פֿון די צוויי: אָדער די פּילן זיינען „געבלאָפֿטע", אָדער דיינע אויגן לאָזן זיך מער ניט „בלאָפֿן". אויב אַזוי, פּרוביר אַן אַנדער מיטל. ווען דו לייגסט זיך שלאָפֿן, קוק צום הימל און צייל די שטערן, ביז דו וועסט איינשלאָפֿן. אָדער, נעם לייענען אַ בוך פֿאַרן שלאָפֿן גיין. איך ווייס, אַז מיר העלפֿט דאָס...

נו, איין נאַכט האָב איך זיך גענומען צום הימל און געציילט שטערן. איך האָב זיך אַזוי אַנגעציילט שווערע טויזנטער, נאָר ווי גיך איין אויג האָט זיך אַביסל גענומען מיר פאַרמאַכן, האָט גענומען קלינגען דער גלאָק מ׳זאָל אויפשטיין צו פרישטיק...

אַ צווייטע נאַכט האָב איך שוין געוואָלט אויספּרובירן אויף לייענען אַ בוך. איך האָב אַרומגעזוכט אין דעם גאַנצן האָטעל און קוים מיט צרות געפּאַקט אין קיך — אַ קאָך־בוך...

איך האָב דעם קאָך־בוך געמישט און געבלעטערט, זיך אויסגעלערנט ווי צו מאַכן עטלעכע גוטע „רעסיפּיס״ פאַר „פּודינגס״, שטרודל, קוגעלעך, קנישעס, און נאָך און נאָך. אָבער ס׳איז אַלץ געווען צום עסן און ניט צום שלאָפן...

אויף דער צווייטער וואָך, זעט איר, האָט מיך די לופט אַזוי פאַר׳שיכור׳ט, אַז איך וואָלט שוין געשלאָפן טאָג ווי נאַכט.

שרייב איך מיר ווידער אַוועק אַ בריוול צו מיין מאַן, אַז איך פיל בעסער, איך שלאָף און עס, און — אויב ער האָט נאָך אַ טשעק פאַר אַ וואָך־צווייי, זאָל ער מיר דאָס צושיקן.

איז מיין מאַן געווען זייער צופרידן צו הערן די גוטע נייעס, און ער באַשליסט צו שפּאָרן אַ מאַרקע, ער וועט אַליין קומען אויף סוף־וואָך און מיר ברענגען דעם טשעק. ער וויל אַליין זיין דער פּאָטשטן־טרעגער.

ווען מיין מאַן איז סוף־וואָך געקומען, האָט ער מיך פּשוט ניט דער־קענט. ער צוזאַמען מיט די געסט האָבן באַוואונדערט, ווי איך האָב זיך פּאָפּראַוועט אין די פּאַר וואָכן, זיך אַזוי פאַרברוינט ווי אַ האָניק־לעקאָך. די עלטערע פרויען, וואָס זיינען געזעסן מיט אונדז אויף דער וועראַנדע, האָבן געהאַלטן אין איין זאָגן און אויסשפּייען „קיין עין־הרע ניט, קיין עין־הרע ניט, קיין עין־הרע ניט״...

נאָר מיטאַמאָל, אַזוי זיצנדיק, האָט מיך גענומען דריקן און שטיקן, און איך האָב זיך פאַרהוסט מיט אַ קוויטש און פּייפעריי. אַזאַ אַטאַקע האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהאַט.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? מ׳האָט גלייך געבראַכט אַ דאָקטאָר. ער האָט געגעבן נאָדלען, פּילן, קאָמפּרעסן. דער גאַנצער האָטעל איז אַוועק כאַדאָראָם.

אויף מאָרגן, ווען איך בין צו זיך געקומען און בין ווידער אַרויס אויף דער וועראַנדע, האָב איך און אַלע געסט פריייער אָפּגעאָטעמט.

מ׳האָט זיך ווידער געוויגט אין די שטולן און ווידער געשפּאַסט. נאָר

די הויפּט־זאַך: אַלע האָבן געוואָלט דערגיין, צו וואָס בין איך דאָס אַזוי „אַלערהדזשיג״?

איינע האָט געזאָגט, אַז דאָס מוז זיין די „סיריעל״. אַ צווייטע האָט דערציילט, אַז ווען זי עסט ווייס ברויט, ווערט זי קראַנק.

איינער האָט גאָר געפּרואווט אויסטייטשן, אַז מיר, די שטאָטישע מענטשן, זיינען, הייסט עס, ניט געוואוינט צו פרישע אייער און מילך... אַנדערע האָבן אפילו אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף דער צו־שאַרפער לופט, וואָס מיין נאָז קאָן ניט פאַרנעמען.

אָן עלטערע פרוי האָט זיך גאָר דערטראַכט, אַז שולדיג איז מיין מאַן. ער האָט דאָס צוזאַמען מיטן טשעק געבראַכט מיר די „אַלערדזשי״.

איר הערט? איר וועט קיינעם ניט אויסזאָגן? די פרוי איז געווען גערעכט.

ווי גיך מיין מאַן האָט מיר דערציילט, אַז די רענדלעידי, די מיסעס קודלע, איז אָוועקגעפאָרן אויף איר וואַקאַציע אויף זעקס חדשים אין פלאָרידע, איז מיר באַלד מיין פאַרגעניגן אויסגעפאַלן באַקאַם.

אויף וועמענס חשבון, מיינט איר, איז זי געפאָרן? אַבי איר פאַרשטייט. איר „מענעדזשער״ האָט שוין מיט איר עפּעס ווידער אַ דריי געטאָן, און — זי קלייבט זיך שוין ווידער העכערן דאָס דירה־געלט.

און ריכטיג זאָגט מיין מאַן, אויב זי זאָל חלילה פאַרלירן אין פלאָרידע צופיל געלט אויף די הינט־„רעיסעס״, אָדער זי זאָל זיך, חלילה, ווידער פאַר־ליבן אין עמיצן און חתונה־האָבן, וועט דאָס ווידער אויסגיין צו אונדזערע קעפּ. מיר וועלן דאַרפן ניט נאָר זי אויסהאַלטן מיט רייכע אָפּעראַציעס, נאָר אויך אויסהאַלטן אירע הינט און דעם נייעם מאַן...

דער נעכטן איז אָפט דער וועגווייזער פאַר׳ן מאָרגן...

די פיר חופּה־שטאַנגען זיינען נאָך ניט קיין זיילן, וואָס קאָנען אויפהאַלטן אַ ליבע היים...

מיט געלט זיכערט איר ניט קיין גליק, ווי זאַמד צונויפגעבונדן מיט שטריק...

אַ באַרעדעוודיגער פּאַסאַזשיר . . .

איר ווייסט וואָס עס מיינט דער פּסוק: באַהיט זאָל מען ווערן פון אַ שלעכטן שכן און פון אַ פּגע־רע? איך האָב זיך באַקענט אויף איין מאָל מיט ביידן. דאָס הייסט, מיט איינעם וואָס איז געווען סיי מיין שכן מיטפּאַרנדיק אויף דער באַן, סיי אַ פּגע־רע, וואָס האָט מיר ניט צורו געלאָזן אַ מינוט...

אויב איר האָט נאָר אַביסל צייט, געדולד און כוחות, וויל איך, אַז איר זאָלט זיך באַקענען מיט אים.

הערט אַ מעשה: ווי נאָר איך האָב באַוויזן אַוועקצוזעצן זיך, יאָוועט זיך לעבן מיר אַ איד מיט אַ פּיין־פּאַרקעמט בערדל, אין אַ גלאַטן הוט, מיט אַ נייעם מאַנטל אויף זיך, און זאָגט צו מיר אויף מאַמע־לשון: „איך בין געשטאַנען הינטער אייך, האָב איך באַמערקט, ווי איר האָט עפּעס געשריבן פון רעכטס אויף לינקס, ווייס איך שוין, אַז איר זענט אויך אַ איד. און מיט אַ אידן וועט מיר שוין טאַקע זיין אַביסל פריילעכער, און איך וועל האָבן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן אויפ׳ן וועג״.

דער איד, אַ היפּשלעך־געפּאַקטער, צערוקט מיינע פּעקלעך אונטער די זיץ־פּלעצער און מאַכט זיך פּלאַץ לעבן מיר. ער מאַסטשעט זיך אין גלייך ווי אַן איידעם אויף קעסט...

ער טוט־אויס זיין מאַנטל און קאַפּעלוש, און בלייבט זיצן מיט אַ קליינעם מיצל אויפן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ היסב־בעט.

הינטער אונז זיצן צוויי סאָלדאַטן. ווייזט־אויס, אַז כדי צו דערוואַרעמען זיך, האָבן זיי אַביסל געטרונקען און זיך געפילט אין אַ גוטער שטימונג...

איינער פון זיי גיט אַ נעם דאָס מיצל פאַר׳ן קנעפּל אין דער מיט, און שרייט־אויס אינדערהויך:

— הע, „פּאָפּ״, אין וואָס פאַר אַ „טים״ שפּילסטו?

דער איד גיט אַ שפּרינג־אויף, פלינק, טאַקע נאָר ווי אַ „בעיסבאָל״ שפּי־לער און ענטפערט אים קורץ און גוט:

— העי דו, יונגאַטש, וועסט ביי מיר באַלד כאַפּן פּעטש ווי פּילקעס...

דער סאָלדאַט האָט זיך באמת דערשראָקן. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך גענומען אַנטשולדיגן: ער האָט דאָס געטאָן בלויז צוליב שפּאַס.

— דער ריכטיגער שפּאַס! — האָט דער איד זיך ניט געקאָנט באַרואיגן.
— צוליב אַ שפּאַס קאָנען זיי „לינטשן“ אַ מענטשן. ער רייסט גאָר די יאָר־מעלקע פון קאָפּ!
דער איד האָט זיך ווידער איינגעמאָסטשעט אויף זיין זיץ־פּלאַץ און גיט מיר אַ פרעג:
— וואוהין פאָרט אַ איד?
— קיין מיאַמי, — זאָג איך.
— קיין מיאַמי, — זאָגט ער איבער, — איך פאָר אויך אַהין. איר פאָרט צוליב ביזנעס, אַרבעטן, אָדער פאָר „פּלעזשור“?
— איך, — גיב איך אַזוי אַ זאָג אין שפּאַס, — וועל בענטשן חנוכה־ליכט און פאָרן ווייטער.
— אַזוי, אַ חזן! — גיט ער אַ זאָג אַ צופרידענער.
איך גיב אַ שמייכל און פרעג אים:
— און איר זענט דאָרט אַ תושב אין מיאַמי, צי איר פאָרט אויף וואַקאַציע?
דער איד האָט מער ניט געדאַרפט. איך האָב דערפילט, ווי ער וואָלט פאַרקאַטשעט די אַרבל און וואָלט וועלן אַלץ „אויסלאָדן“, וואָס עס ליגט אים אויף דער צונג...
ער לאָזט טאַקע לאַנג ניט וואַרטן און הויבט־אָן:
„ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך ניט קיין מזל צו פרויען. שוין פינף מאָל געווען פאַרהייראַט — זאָלן זיי ליגן אין זייער רו... מיט עטלעכע חדשים צוריק איז מיר געשטאָרבן די פינפטע פרוי מיינע.
„און הערט אַ מעשה. פונקט מיט צוויי וואָכן שפּעטער, האָט מיינס אַן אייניקל געדאַרפט חתונה האָבן. איז געוואָרן אַ פראַגע: אָפּלייגן די חתונה, צי ניט אָפּלייגן? די קינדער האָבן אָבער באַשלאָסן אָנצוגיין מיט דער חתונה, און אַז גאָט וועט העלפן, וועט וואָס גיכער זיין אַ נאָמען נאָך איר“.
די באַן לויפט און קלאַפּט ריטמיש איר שטענדיג „וויג־ליד“. איך בין מיד און טאַקע שלעפעריג.
מיין שכן באַמיט זיך מיך אונטערצוהאַלטן. ער פּרובירט צו „האַלטן מיך געשפּאַנט“, און ער גיט מיר דערביי אַ טורקע מיטן עלנבויגן אין זייט:
„איצט הערט, וואָס פאַר אַ מחותן איך בין מיט מיאַמי.
צום אייניקלס חתונה איז געקומען אַ מומע פון מיאַמי־ביטש, אַן אלמנה, נעבעך.
די פאַמיליע מיינע האָט געזען, אַז זי איז אַ גאַנץ וואוילע פרוי, אינ־גאַנצן מיט אַכט יאָר אינגער פון מיר. איך אַליין, ווי איר קוקט מיך אָן,

וועל פסח, אַז מיר'ן דערלעבן, ווערן אַ דריי־און־זיבעציקער.

„טראַכט איך: אפשר זיינען זיי גערעכט? וואָס וועל איך וואַרטן, ביז איך וועל ווערן אַ זקן?...

„הכלל, ביי דער חתונה, כטוב לב המלך ביין, האָב איך מיט איר גע־כאַפּט אַ שמועס, און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? זי האָט זיך פּשוט פאַרליבט איר מיר. זי איז שוין פאַרבליבן נאָך דער חתונה אויף נאָך אַ וואָך. און אַלץ האָט שוין אויסגעזען, דאַכט זיך, גוט און וואויל.

„אינמיטן דערינען גיט זי מיך אַ פרעג: וויפיל וועט איר געבן אַ וואָך פאַר'ן טיש אויף עסן?

„זאָג איך איר, אַז אייגנטלעך האָב איך שוין כמעט איין פרייז: פון מיין צווייטער פרוי, זאָל זי ליגן אין איר רו, האָב איך אַלע פרויען געצאָלט אַכצן דאָלאַר אַ וואָך — ווי חי איז אַכצן. נאָר גאָרניט, זאָג איך איר, אויב זי קאָן גוט קאָכן, ווי מיין צווייטע, מאַכן אַמאָל געפילטע קרויט, וואָס האָט מלא־טעם; אויב זי קאָן אויף שבת פילן אַ העלדזל, מאַכן פּעטשאַ, ווי מיין דריטע, זאָל ליגן אין איר רו, פלעגט דאָס מאַכן; אָדער מאַכן אַ לונגען־און־מילץ ווי מיין פערטע, זאָל ליגן אין איר רו, פלעגט דאָס מאַכן, — וועל איך, זאָג איך, ניט זיין קיין עקשן און איר געבן נאָך צוויי דאָלאַר אויף דער וואָך. ס'הייסט אויס חי — נאָר אַ גלאַטן צוואַנציגער.

„ענטפערט זי מיר: ביי היינטיגן יקרות דאַרפן בולבעס און הערינג קאָסטן מער. הכלל, זי האָט דאָס געמאַכט מיר „וואָן פרייז" — דרייסיג דאָ־לאַר אַ וואָך און ניט געוואָלט אַרונטערקומען אפילו מיט אַ ניקל"...

מיין קאָפּ ווערט מיר שווער און מיד, אַן אויג נעמט זיך מיר צומאַכן. גיט מיר דער איד דעם ריכטיגן טורקע אין זייט און מאַכט מיך ווידער וואַך:

„איצט, זאָגט ער, הערט ווייטער. דעם אמת געזאָגט, קען איך באַווייזן איר צו צאָלן מער. איך וועל אייך שפּעטער דערציילן ווי אַזוי איך האָב זיך באַוואָרנט אויף דער עלטער, איך זאָל חלילה ניט דאַרפן אָנקומען צו די קינדער.

„אָבער, איר פאַרשטייט, פון דערפאַרונג ווייס איך, אַז ווען אַ פרוי האָט נאָר אינזינען דאָס געלט — איז אויס וועלט...

„אָט אַזוי איז דאָס געבליבן הענגען אין דער לופטן, און זי איז אַוועק־געפאָרן.

„פאַר אייך זאָגנדיג, האָט דאָס מיר שטאַרק פאַרדראָסן: וואָס הייסט עפּעס, איך גיי דאָס קויפן אין אַ „דעפּאַרטמענט סטאָר" אַ פרוי, „וואָן פרייז"?

„ווייזט אָבער אויס, אַז גאָט גיט גוט אַכטונג אויף זיינע זיווגים...

אויך איר האָט דאָס גוט פאַרדראָסן. ס'איז ניט אַוועק קיין וואָך, שרייבט זי אַריין אַ בריוו צו דער פאַמיליע און גיט אָנצוהערן: אַז ווען איך קום אַריבער אָנצוקוקן איר היים און איר מעבל, וואָלט איך זיך אַזוי שטאַרק ניט געדונגען מיט איר. איר פאַרשטייט, זי וויל איך זאָל זיך אַריינקלייבן צו איר.

איצט, ווי איר זעט, פאַר איך דאָס פאַר דעם בית־דין של מטה און איך וועל זיך דאָס דאַרפן אויסגלייכן מיט איר — אַהער אָדער אַהין. טראַכט איך שוין איצט: נו, מילא, איז נאָך אַ פּאָר דאָלאַר אַ וואָך... ווייל וואַרטן און ווערן אַ זקן איז ניט קיין תכלית... איר פאַרשטייט?"

ער דערלאַנגט זיך אַ דריי אין שטול און ווידער מיטן עלנבויגן מיר אין זייט, און זאָגט דערביי: "ווי איך זע, ר' איד, זענט איר פון די אמת'ע פאַרשלאָפענע אידן. הלוואי אויף מיר געזאָגט אייער אַפּעטיט צו שלאָפן... ביי מיר, זאָגט ער, ווי איר קוקט מיך אָן, שלאָף איך אפילו ניט ביינאַכט אין דער ווייכער בעט מיינער. ווייל זייט מיין פינפטע פרוי האָט זיך אַוועק־געדרוקט, זאָל זי ליגן אין רו, קאָן איך גאַרניט צומאַכן קיין אויג...

"דער דאָקטאָר האָט מיר גראָדע געראָטן צו נעמען אַזעלכע שלאָף־פילן, נו, איך פרעג אייך, אַ שיין פּנים קאָן איך האָבן: פאָרן זען אַ אישה און נעמען שלאָף־פילן. יאָ, אַזוי וועל איך זיך שוין מוזן אָפּמוטשען די פּאָר נעכט... נאָר איר זעט דאָך, אַז גאָט פאַרלאָזט ניט, דאַרף איך אָנטרעפן אַ אידן, און עס וועט שוין זיין אַביסל פריילעכער"...

דער איד גיט זיך אַזוי אַ צעשפּרייט אין שטול און ווידער מיט אַ פאַרפאַר מיר מיטן עלנבויגן: "ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך נאָך אַ גאַנץ קרעפּטיגער איד".

"יאָ", ענטפער איך אַ מידער, "איך פיל דאָס"...

"און איר מיינט, עס איז עפּעס אַ קליינגקייט, — זעצט ער פאָר, — דורכצומאַכן אַזאַ לעבן מיט פינף פרויען. איר מיינט עפּעס, אַט אַזוי זיינען זיי געשטאָרבן פון אַ קוש אין בעקל?...

"מיין ערשטע פרוי, זאָל ליגן אין רו, איז געווען אַ וואוילע פרוי, גע־האָט דריי קינדער, פיינע קינדער.

אַז זיי זיינען אונטערגעוואַקסן, האָט זיך איר פאַרוואָלט ניט אַנדערש, ווי דער זון זאָל ווערן אַ דאָקטאָר, די טאָכטער — אַ לערערין, און דער אינגערער זון האָט שוין אַליין באַשטימט — ער וויל זיין אַ פּאָליסמאַן. נאָר איר ווייסט דאָך: דער מענטש טראַכט, און גאָט מאַכט...

עס האָט געקאָסט געזונט און געלט, דער זון איז געגאַנגען אין קאָ־

לעדזש, די טאָכטער איז געגאַנגען אין קאָלעדזש, און דער אינגסטער זון איז געגאַנגען אין סקול.

„נאָר ווי עס איז געקומען פאַרן עלטסטן זון צו ווערן דאָקטאָר, האָט מען גענומען ליגן שטיינער אין וועג. איר ווייסט דאָך: קיין אַנטיסעמיטן פעלן ניט.

„וואָס זאָל איך אייך זאָגן? דער סוף איז געווען, איך האָב אים אַריינגענומען אין די „דזשאָנק־ביזנעס". עס איז אַוועק גראָד ניט שלעכט, נאָר — די מאַמע האָט זיך אויפגעגעסן אַ לעבעדיקע. זי איז פשוט פון ערגערניש קראַנק געוואָרן.

„איר טענה איז געווען, אַז ווען דער זון וואָלט זיין דאָקטאָר, וואָלט זי ניט קראַנק געווען, און אויב שוין יאָ קרענקען, איז כאָטש ביי אַן אייגענעם זון, ניט דאַרפן אָנשטאָפּן פרעמדע דאָקטוירים...

„זעט איר, די טאָכטער איז שוין יאָ געוואָרן אַ לערערין. האָט זי אָבער געהאַט אַזעלכענע געבראָטענע צרות, אַז זי האָט דאָס געמוזט אויפגעבן און — זיך געשטעלט פאַרקויפן קליידער אין אַ „דעפּאַרטמענט סטאָר".

„דאָס האָט שוין אינגאַנצן פריטשמעליעט מיין פרוי. ווען דער צווייטער זון האָט שוין גראָדע זיינס דערגרייכט, און איז געוואָרן אַ פּאָליסמאַן, האָט דאָס שוין די מאַמע, נעבעך, ניט דערלעבט צו זען. געקרענקט, גע'פטר'ט געלט און געגאַנגען אַ גאַנג. געווען אַ טייערע באַלעבאָסטע, אירע מאכלים ליגן מיר נאָך איצט אין טעם. זאָל זי ליגן אין רו".

דער איד כאַפּט זיך, אַז איך הער אים בלויז מיט איין אויער און קוק אים אָן מיט פאַרמאַכטע אויגן, גיט ער מיר ווידער אַ טורקע אין זייט:

„איצט קום איך צו מיין צווייטער פרוי, און איר מעגט דאָס הערן.

„איך בין געבליבן עלנט, אַליין ווי אַ שטיין, אָן אַ ווייב און אָן אַ באַלעבאָסטע. האָט מיר דער רב, ווי איר זעט מיך לעבן, אַליין גערעדט דעם שידוך.

אין זיין שול פלעגט קומען אַ פרוי, אַ וואוילע, אַ גוטע, געקענט גוט קאָכן, און אַזוי האָב איך חתונה געהאַט. אויף מאָרגן געפין איך אויס, אַז זי איז נעבעך קראַנק. און פונקט צו „שלושים" האָט זי זיך אַוועקגעלייגט. און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אַנשטאָט זי זאָל קאָכן פאַר מיר — האָב איך גאָר געדאַרפט קאָכן פאַר איר, און ניט נאָר קאָכן, נאָר אפילו זי קאָרמענען.

„די קינדער האָבן אפילו געזאָגט, אַז גאָט האָט דאָס מיך געשטראָפט, וואָס איך האָב זיך אַזוי געאיילט חתונה־צו־האָבן. נאָר — גיי דערצייל קינדער, וואָס עס מיינט פאַר אַ אידן צו זיין אָן אַ ווייב. בקיצור, זי האָט זיך

לאַנג ניט געמאַטערט, און אַוועק אין דער אייביגער רו. זאָל זי האָבן אַ ליכטיגן גן־עדן, געווען זייער אַ פרומע״.

איך האָב פּרובירט צומאַכן בײדע אויגן און כלומרשט גענומען כראָפּען אויפן קול... אפשר וועט דאָס העלפן, אַז ער זאָל אויפהערן צו פאָרן „עקס־פּרעס״ מיט זיינע ווייבער, ווי אַ נייער שלמה המלך...

האָט זיך דער איד געגעבן אַזאַ דריי־אויס אין שטול, אַז איך בין פון שטול שיעור ניט אַראָפּגעפאַלן...

„איצט״, זאָגט ער, „קום איך צו דער דריטער״.

דאַ האָט ווי אַ בת־קול פון הימל פאַר מיר אַ קלונג געטאָן דער אָנזאָג פונ׳ם קאָנדוקטאָר: אַן אָפּשטעל! מ׳דאַרף בייטן די באַן.

איך האָב אים מיט זיין דריטער פרוי געלאָזט אין דער לופטן און זיך גענומען אויפזוכן מיינע וואַליזקעס.

ווען איך בין אַרויס פון דער באַן, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, אַז איך וועל שוין מיט דער קומענדיגער באַן ניט פאָרן. איך האָב פאַרשלאָסן מיינע זאַכן און זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס צו וואַרטן אויף אַ צווייטער באַן מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער.

אַזוי האָב איך פאַרלאָרן דעם אידן אָן דעם סוף פון נאָך דריי פון זיינע פרויען אָן אַ „פאַרזעצונג פאָלגט״...

עטלעכע טעג שפּעטער קום איך אין מיאַמי אויפן ביטש, און וועמען, מיינט איר, דערזע איך? דעם אידן, דעם בעל־דבר פון די פינף פרויען.

ער האָט מיך אויך דערזען און גלייך דערקענט.

זיין ערשטע פראַגע איז געווען:

„איר האָט צייט, וועט איר הערן דעם סוף?

„ניין״, האָב איך אים געענטפערט, „איך גיי זיך באָדן!״

ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך ניט קיין שווימער, אָבער דאָס מאָל האָב איך זיך געראַטעוועט דורך שפּרינגען אין וואַסער...

דער מענטש וואָס קוקט אויפריכטיג זיך אין האַרצן אַריין, קאָן קוקן אַ צווייטן אין די אויגן...

אין טעם און ריח דערקענט מען שפּייז, און אין די קנייטשן פון שטערן — דערקענט מען דעם גרייז...

פאַרשפּילט אַ וואַקאַציע

אַ גאַנצן „סיזן״ אָפּגעפּינצטערט.
זיך קוים דערוואַרט אויף וואַקאַציע.
איינגעפּאַקט זיך אַלע „וויעסטושעס״,
גרייט צו פאָרן פאַר קוראַציע . . .

פול די הענט מיט פּעקלעך גרויסע.
ביי דער זייט צוויי טשעמאָדאַנעס,
נאָר אין מויל ער פילט אַ טעם שוין
פון פויגל-מילך און מאַרצעפּאַנעס.

ענדלעך פאָרט ער שוין אויף אָפּרו,
און כאָטש עס טרייסלט די נשמה,
עס פּלאַצט געדולד, עס פּלאַצט אַ „טאַיער״ —
דאָך דערוואַרט ער אַ נחמה.

נאָר אַז מ׳לעבט, קאָן מען דערלעבן.
ער איז פאַרפאָרן אין האָטעלכל.
מ׳נעמט אים אויף פון אַלע זייטן,
אויפן „מאַיק״ רופט אים אַ קול׳כל :

לאָזט די פּעקלעך אַלע שטיין דאָ,
קומט אַריין וואָס גיכער עסן !
נאָר אינמיטן — אַ בראָך : ער כאַפּט זיך,
אַ טשעמאָדאַן אין באָס פאַרגעסן.

לויפט מען נאָך דעם באָס צו כאַפּן,
באַלד עס ווערט דאָרט אַ טרעוואָגע.
דערווייל איז דאָס גאַנצע עסן
קאַלט געוואָרן ווי פּיס-נאָגע.

אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען,
קוועלט ער אָן פון דער וואַקאַציע.
שטעלט ער זיך אין „לאַין״ צו וואַרטן
פאַר זיין צימער רעזערוואַציע.

ענדלעך קריגט ער שוין זיין צימער,
ווי פאַרזיכערט, ס׳איז דער שענסטער,
נאָר אַ קלייניקער חסרון —
ס׳איז שווער צו עפענען די פענצטער.

נאָר ווי ניט איז, מ׳האָט געעפנט,
האָט גענומען שלאָגן פון קיך אַ ריח...
און אַ האַקמעסער מיט אַ מילכל
האָבן גענומען קלאַפּן אים אין מוח:

היינט וועט זיין געהאַקטע לעבער,
געהאַקטע פיש און הייסע פּראַנקעס.
נאָר דערוויילע האַקט אין קאָפּ אים,
ווי מ׳וואָלט אים האַקן באַנקעס.

טראַכט ער: זאָל די נאַכט נאָר קומען
וועט ניט זיין מער קיין גערודער,
פרי וועט ער זיך לייגן שלאָפן,
אויסצורוען די מידע גלידער.

און ווי געטראַכט, אַזוי אויך טוט ער:
צען אַזייגער ער ליגט אין בעטל.
נאָר אינמיטן טורקעט אים דער שכן:
קום אַראָפּ, עס וואַרט אַ „חטא׳ל“.

עס פעלט אַ האַנט צו אַ „מזומן“,
ווינקט דער שכן מיט אַ מינע.
מ׳שפּילט דאָרט פינאַקל און פּויקער,
אויך קאַנאַסטאַ און קאַסינאָ.

ווערט אויס בעטל, נאָר — אַ טישל.
מ׳טיילט אויס קאָרטן יעדן איינעם,
נאָר געשפּילט זאָל זיין מיט חשבון
ניט פאַרלירן די תחתונים.

איז ער ביים שפּיל אַזוי געזעסן,
ווי מיט שטריק דאָרט צוגעבונדן,
נאָר ביז ער האָט אַרומגעקוקט זיך,
איז ער אַרויס ווי אָפּגעשונדן.

אַוועק פאַרביטערט און פאַרשלאָפן,
מיט אַ פּנים פון אַ פּגר . . .
ווען ער איז אין בעט געפאַלן
האָט אויסגעקלונגען פינף דער זייגער.

זעקס אַזייגער קרייט דער האָן שוין
און זאָגט אָן, עס איז פרי-מאָרגן.
פּונקט זיבן האָט דער גלאָק געקלונגען:
שטייט אויף מענטשן — אַ גוט-מאָרגן!

שלאָפט ער אָבער ווי גע׳הרג׳עט.
(נו, יאָ, אוודאי האָט איר געטראָפן),
ס׳האָבן אַלע פרישטיק אָפּגעגעסן —
נאָר די „שפּילער״ — אַלץ נאָך שלאָפן . . .

— — — — — — — — — — — — —

אַזוי פערצן טעג זיינען פאַרפלויגן,
צע׳פּטר׳ט גאָלדענע צוויי וואָכן,
ביינאַכט געשפּילט, ביים טאָג געשלאָפן.
און צום סוף — אַרויס געבראָכן . . .

אַהיים געפאָרן איז ער מיט שאַנדע,
שטאַרק פאַראומערט און מיט מורא,
ניט דערעסן, ניט דערבאַקן,
איינגעזונקען אין מרה שחורה.

געבראַכט אין הויז צוריק די פּעקלעך,
פעלט אים לופט, ער דאַרף קוראַציע.
פאַרלאָרן וואָג און — יעדע פּעני
און פאַרשפּילט אויך די וואַקאַציע . . .

פאָרסטו אויף רו — לאָז אַלץ צורו . . .

וואָכן לאַנג האָט ער גע׳חלומ׳ט,
די טעג געשטופּט — פונקט ווי די יאָרן,
און געוואַרט אויף דער וואַקאַציע
אין די בערג אַוועקצופאָרן.

ווען ער האָט די בערג דערזען שוין,
האָט ער געקוואָלן: ס׳איז אַ גן־עדן . . .
געבליבן שטיין איז ער פאַרגאַפט,
און מיט עקסטאַז גענומען רעדן:

אַך, ווי גוט עס איז די לופט דאָ,
טעם גן־עדן ס׳איז דאָס עסן.
ס׳איז דאָך גאָרניט אָפּצושאַצן,
וואָס מ׳קאָן דעם שאַפ פאַרגעסן . . .

נאָר עפּעס דאַכט אים נאָר אוים,
ווען ער דערזעט דעם „דאָרמאַן״,
אַז ער זיצט ביי דער מאַשין —
און לעבן אים דער פאָרמאַן . . .

און זעט ער נאָר אַ גאַסט אַ גראָבן,
מיט אַ פּעמפּיק — אַ געפּאַקטער,
איז גלייך אַ כאַפּ זיך פאַר׳ן קאָפּ:
„געוואַלד, דאָס איז דער קאָנטראַקטאָר״ . . .

אַזוי די בערג מיט שטראָמען־וואַסער,
וואָס שטענדיג האַלטן זיי אין רינען, —
פאַר אים עס האָט דאָס אַלץ געקלונגען,
ווי דער רויש פון די מאַשינען . . .

און פון אַ קוק אויף בערגער הויכע,
וואָס עס כאַפּט אַזש אָן אַ מורא,
זיינען די בערג פאַר אים געוואָרן
„באַנדלעך״, „באַנדלעך״ — שטיקער סחורה...

אין די נעכט מיט טיפער שטילקייט,
פלעגט ער צומאַכן אַ אויג ניט קאָנען.
יעדער קלאַפּ פון מילדן ווינטל, —
ווי דער רענדלאָרד — „רענט״ קומט מאָנען...

ביים טיש דאָס עסן, פלעגט ער כאַפּן,
ווי געיאָגט פון אַ כאָליעריע...
און אויף די אויסגעפוצטע טישן —
האָט ער נאָר געזען — די „קאפּעטריע . . .

אויף אַ שפּאַציר צווישן בוימער,
ווען די זון איז שוין פאַרגאַנגען,
האָט ער געזען אַ קעסל־גרוב
פון שטאָל און אייזן און פון — צוואַנגען . . .

ווי אַ שטאָט עס האָט אים אויסגעקוקט,
ווי אַ בייזע האַלוצינאַציע,
ער האָט אינגאַנצן גאָר פאַרגעסן,
אַז ער געפינט זיך אויף וואַקאַציע . . .

אַזוי האָט ער דעם יאָך געטראָגן,
אַ מינוט דעם שאַפּ דאָרט ניט פאַרגעסן,
געטראַכט פון אַלע בייזע ווינטן,
סיי אין שלאָפן, סיי ביים עסן . . .

און ווען פאַרענדיגט האָט ער זיין אָפּרו,
האָט זיין אויג געזען נאָר בערג מצבות . . .
און פון די בערג מיט די האָטעלן —
איז אים נאָר געבליבן — בערג מיט חובות . . .

„פּלעזשור" —

געגוג, זאָגט ער, צו שוויצן דאָ,
ביים סטוף נאָר שטענדיג ליגן.
צעפּאַרעט ווערן פון דער זון
און צעפּרעסן פון די פליגן . . .

איך וועל אַרויספאָרן פון שטאָט,
אָפּרוען מיינע גלידער,
זיך טרעפן מיט אַלטע גוטע פריינט,
פאַרברענגען צווישן ברידער.

איך וועל פאַרגעסן שטאָט גערויש,
דעם רויך און שטויב אין די פאַבריקן,
ניט פינצטערן אין סאַבוועי־טאָל,
אין איר גערדיכטן טשאַד זיך שטיקן.

זאָל שאַפּ פון היץ צעשמעלצן זיך
מיט שער און אייזן, נאָדל־פאָדעם —
איך וועל מיר פאַרברענגען פריילעך,
ס'וועט זיין, ווי זאָגט מען עס, „ליהודים" !

און ניט געטראַכט האָט ער צו לאַנג,
אַלץ פאַרפּאַקט אין טשעמאָדאַנטשיק,
אויסגעפּוצט זיך אין עסיג־האָניג,
ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונגנמאַנטשיק.

אין האָטעל איז ער געקומען מונטער,
ווי ער וואָלט געווען אַ היגער.

זיך צעשפּיליעט און צעקנעפּלט, און —
אַוועקגעזעצט זיך גלייך אין וויגער . . .

איצט שאָקלט ער זיך לאַנגע שעה׳ן,
זיצט אין שטול נאָר און ער וויגט זיך,
און ווער עס פרעגט אים: סטייטש, פאַרוואָס,
נאָר אויפ׳ן „פאָרטש" איר ליגט זיך?

ענטפערט ער קורץ און כמורנע:
כ׳בין געקומען דאָ פאַרברענגען,
וויל מען דאָ צען זאַכן מיר,
אויף מיינע פּלייצעס הענגען . . .

מ׳רופט מיר זינגען אין אַ כאָר,
איז מיר געזאַנג נאָר ניט צום הארצן.
אַ צווייטער רופט מיך צו אַ שפּיל —
כ׳זאָל קאָנקורירן מיט מאָרים שוואַרצ׳ן . . .

אַ דריטער זאָגט מיר כ׳זאָל טאַנצן גיין,
נאָר מיט אַזאַ טאַלאַנט בין איך ניט באַשאָנקען.
מ׳וועט, אַפּנים, פון מיר ניט מאַכן
קיין צווייטע איזאַדאָרא דאָנקאַן.

שפּילן זיך האָב איך ניט ליב,
כ׳האָב פיינט אויך פיש צו כאַפּן.
רופט מען מיך צו איבונגען —
זיך לערנען פּילקע קלאַפּן.

האָב איך ליב פיש פאַרטיגע,
ווייל כאַפּן דאַרף מען קאָנען.
און שלאָגן פּילקע? אוי, אַ בראָך —
איר זאָלט דאָס ניט דערמאָנען!

איר זעט אויפ׳ן נאָז דאָס „קנײדעלע״,
וואָס קוקט אויס ווי אַ גוזילקע?
דאָס האָב איך אַזוי מיר אָפּגעשפּאָרט
פון בלויז קוקן אויף אַ פּילקע . . .

איז אפשר ווילט איר „באָקסן״ זיך?
פרעגט דער דירעקטאָר אין אַ שמועס.
האָב איך צעלאַכט זיך: גאָט באַהיט,
וואָס מײנט איר, כ׳בין דזשאָו לואיס?

„האַיקן״, זאָגט איר איז זײער גוט,
אפשר נאָר מיט אײער כוח,
פּונקט ווי שאַך שפּילן איז ניט שלעכט —
אָבער גאָרניט פאַר מײן מוח . . .
— — — — — — — — — — — —

אָבער אײן זאַך היט ער אָפּ,
ער וויל חלילה ניט פאַרגעסן,
דאָבל-פּאָרציע, דרײ מאָל אַ טאָג,
ווי נאָר עס קומט צום עסן . . .

אָט אַזוי ער מאַטערט זיך,
אויפ׳ן וויג-שטול ער מאַרודיעט,
און האַלט אין אײן באַקלאָגן זיך:
„געוואַלד, איך ווער פאַרנודיעט״ . . .

דער קאָסטאָמער איז גערעכט . . .

קומט אַריין אַ פֿרוי אין קראָם —
מ׳זעט זי קען „אַ קאָך טאָן״ . . .
נאָר איידער וואָס, און איידער ווען —
ליגט אַ חלה שוין צעפּלאַכטן . . .

דערביי די בולקעס גיט זי אַ קוועטש.
אַ ריס דאָס שטריקל מיט די בייגל,
און מיט די פֿינגער נעמט זי אָן,
פֿאַרזוכט אַ האָניק־טייגל . . .

גיט אַ קעזל בלויז אַ טאָפּ,
ווערט דאָס אין האַנט צעקראָכן.
אַ טוצן אייער דערלאַנגט אַ הויב —
און האַלב פֿון זיי צעבראָכן . . .

אַ טשאַסטע נעמט זי צו פֿאַרזוכן,
און פּילט אָןביידע באַקן.
אויף אַ קענדל כאַפּט אַ קוק —
און אַלץ נעמט פֿאַלן, קנאַקן . . .

גיט אַ זוך אויף די פּאָליצעס,
אַ זוך אין יעדער קאַסטן,
אַ קניפּ, אַ לעק און אַ פֿאַרזוך,
זי האַלט ניט פֿון קיין פֿאַסטן . . .

ליגן וויינטרויבן, רייסט זי אָפּ,
נעמט זיך אָן אַ זשמעניע,

און מיט די פינגער כאַפּט אַ לעק
פון אַ סלאַיטשיק מיט וואַרעניע . . .

וויל זי די פינגער אָפּווישן,
בעט זי ניט קיין טובות, —
רייסט אויס אַ בלאַט פון׳ם בוך,
וואו ער פאַרשרייבט די חובות . . .

אַט וויל זי דאָס, און אַט וויל זי דאָס,
בעט דאָס אַראָפּנעמען און ווייזן,
כאַפּט זי אַ קוק, דערלאַנגט אַ וואָרף:
„זעט, ווערי איז מיר, די פּרייזן!...״

דער קרעמער קוקט, די בלוט עס קאָכט,
די פינגער זיינע ברעכט ער.
נאָר זאָגן? ווייסט ער, וואָס מ׳זאָגט:
„דער קאַסטאָמער ז׳שטענדיג אַ גערעכטער...״

ענדלעך, זאָגט זי, „אַ הערינג גיט,
איך האָב נאָר געציילטע דאָ מינוטן...
עס מעג זיין אַ ניקל וויניגער —
אַבי נאָר אַ גרויסן און אַ גוטן!...״

ער איז פון די מציאה־כאַפּער, וואָס בייט אויס אַ גוט־מאָרגן אויף אַ גוט־יאָר...

כדי פּטור צו ווערן פון אַ קאַץ, נעמט מען ניט אַריין קיין הונט...

ש׳טאָ קיין צייט!...

ווי איך זע, האָט איר שוין אויך „ריטאַיערט״, אויפגעגעבן די אַרבעט און פּטור.

פונוואַנען ווייס איך דאָס? איך דערקען שוין נאָך אייער לויפן, שמאַיען, ניט האָבן אַ מינוט צייט זיך אָפּצושטעלן און כאַפּן אַ שמועס.

איך ווייס דאָס אויך פון זיך אַליין. ווייל זינט איך האָב „ריטאַיערט״ האָב איך ניט קיין פרייע מינוט.

אין די פריערדיקע צייטן ווען איך האָב געאַרבעט אין פאַבריק, איז געווען וואָכן, וואָס איך בין אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט. אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג האָב איך געהאַט די אַזוי־גערופענע „סלעק״. זומער־צייט, ווען דער באַלעבאָס איז געפאָרן אויף אַפּרו, האָט מען ווידער ניט געאַרבעט, דערצו זיינען געווען יום־טובים. אין אַ יידישן יום־טוב האָט מען ניט געאַרבעט, אין אַ קריסטלעכן יום־טוב האָט מען ווידער ניט געאַרבעט. און אין אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב האָט מען שוין אַוודאי ניט געאַרבעט.

אָבער איצט, זינט איך האָב „ריטאַיערט״, ווייס איך ניט פון קיין רו.

אין דער צייט, וואָס איך האָב געאַרבעט, האָב איך געהאַט אַן אָפּמאַך מיט מיין ווייב, זאָל מיר געזונט און שטאַרק זיין: „זי קאָכט און איך עס. איך וואַש די כלים און זי טריקנט זיי. זי טראָגט דאָס פּעקל וועש צום וואַש־מאַשין און איך ברענג דאָס אַרויף. איך ברענג שכירות און זי גייט איינקויפן.

נאָר זינט איך בין באַפרייט געוואָרן פון פאַבריק האָט זיך געביטן די גאַנצע לאַגע. וואָס נאָר עפּעס — לאָזט מיר מיין ווייב צו וויסן: איצט קאָנסטו דאָך ניט זאָגן, אַז דו ביזט מיד, אַז דיר דרייט די קריזשעס, אַז דיינע אויגן דינען דיר ניט, אַז דיינע פיס זיינען געשוואָלן. טאָ זיי אַזוי גוט, נעם דאָס פּעקל וועש און גיי אַראָפּ צו דער וואַש־מאַשין. איצט קאָנסטו די כלים וואַשן און ווישן. ניש־קשה, דו וועסט זיך נישט איבעראַרבעטן. אַ מענטש דאַרף עפּעס טאָן.

אינמיטן דערינען כאַפּט זי זיך ביים קאָכן: אָט פעלט אַ ציבעלע, אָט פעלט זאַלץ, אָדער זי גיט מיך אַ פרעג: דו ווילסט אַ שטיקל הערינג פאַר פאַרשפּייז? טאָ זיי זשע ווידער אַזוי גוט — גיי און קויף.

נאָר מיט מיין ווייב, זאָל מיר לעבן, קום איך שוין ווי עס איז דורך,

ווייל נאָך אַלעמען וויל איך דאָך שאַנעווען איר געזונט. ערגער אָבער איז שוין פאַר מיר נאָכצוקומען דעם פאַרלאַנג פון די קינדער.

ווי איר ווייסט, האָבן מיר קיין עין־הרע ניט, זיי זאָלן מיר געזונט און שטאַרק זיין, פינף קינדער מיט אַ טוץ אייניקלעך.

רופט מיך אָפּ איין טאָכטער: טאַטע, אפשר קאָנסטו צוקומען אויף אַ פּאָר שעה זיין מיטן קינד? איך דאַרף פאָרן עפּעס קויפן, וויל איך זיי ניט לאָזן אויף הפקר אין גאַס. און דו ביזט דאָך איצט עפּעס אַ „ריטאַיערטער" זיידע...

די צווייטע טאָכטער שרייט גאָר געוואַלד: „איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט ריטאַיערן וועל איך דיך אָפּטער זען, ווערסט אַמאָל נעמען די קינדער אין גאָרטן, אַמאָל אַראָפּפירן דאָס הינטל זיך אויסלופטערן אָדער גלאַט קו־מען אָפּטער, אויסריידן אַ וואָרט מיט מיר".

די שנור מיינע, ווידער, האַלט פון מיר אַ וועלט. זי האָט שוין טאַקע ממש געבעטן אויף דער מינוט, אַז איך זאָל שוין ריטאַיערן. ווייל אפילו ווען איך האָב נאָך געאַרבעט פלעגט זי מיר פון צייט צו צייט אונטערדרוקן עפּעס אָן אַרבעט. דאָ האָט זיך איר צעבראָכן אַ לאָמפּ, דאָ האָט זיך פאַר־שטאָפּט די וואַש־שיסל, דאָ האָט זיך צעבראָכן דער פּרעס־אייזן, און דאָ איז קאַליע געוואָרן דער אויוון.

איצט, אַ געזונט איר אין די ביינער, רופט זי מיך אָכצן מאָל אַ טאָג:

— שווער לעבן, איר ווערט אפשר היינט צוקומען אַביסל צו אונז? די קינדער בענקען שוין נאָך אייך. פאַרגעסט אָבער נישט, שווער לעבן, מיט־צונעמען אַ פינגער־הוט מיט אַ נאָדל און פאָדעם. איר הערט, שווער לעבן, איך האָב געקויפט אַ פּאָר הויזן פאַרן אינגל, זיינען זיי צו לאַנג און פאַר די מיידלעך האָב איך געקויפט קליידלעך, זיינען זיי צו גרויס. יאָ, שווער לעבן, אויב איר האָט עטלעכע ווייסע קנעפּלעך נעמט זיי מיט, ווייל אַלע העמדער פון אייער זונעלע זיינען אָן קנעפּלעך. ווי פילט איר עפּעס אַלס ריטאַיערטער? וואָס טוט איר, שווער לעבן, מיט אייער פרייער צייט?

אַזוי גייט איצט אַלע טאָג אַ סדרה: שווער לעבן און שווער לעבן. זאָג איך אייך, אַז ס'איז טאַקע שווער צו לעבן...

אַ צווייטע שנור האָב איך, איז זי שוין אַביסל אָנגעשטויסן אויף אונז, ס'הייסט, ניט אַזוי אויף מיר, ווי אויף מיין ווייב: רופט דער זון אַלע טאָג מיר זאָלן קומען זיין אין די אָונטן מיט די קינדער, ס'הייסט, צו זיין „בעיבי סיטערס", ווייל איין טאָג האָבן זיי אַ קאָנצערט, אַ צווייטן טאָג אַ קאָרטן־פּאַרטי, אַ דריטן טאָג פאָרט מען צו גאַסט. האָט מיין ווייב סך־הכל איין

מאָל געזאָגט ניין, זי האָט ניט קיין צייט. האָט די צווייטע שנור, זאָל מיר אויך זיין געזונט און שטאַרק זיך צעשריען, אַז מיר האָבן פיינט די קינדער און מיר זיינען ניט קיין באָבע־זיידע, נאָר — אַ שטיף־באָבע־זיידע.

אָבער לעצטנס, זינט איך האָב ריטאַיערט, האָט שוין מיין זון אַ גאַנצע טענה: „טאַטע, איצט קאָנסטו דאָך ניט זאָגן, אַז דו האָסט ניט קיין צייט. ביזט דאָך עפּעס אַ ריטאַיערטער מענטש, קום־זשע אַמאָל זיצן מיט די קינדער...‟

איז, מילא, מיט קינדער קומט מען שוין דורך ווי עס איז. נאָר ערגער איז, וואָס מ׳איז ניט מער ווי אַ מענטש. און אַ מענטש מוז דאָך עפּעס טאָן, זיין אַקטיוו, באַטייליקן זיך אין אָרגאַניזאַציעס. זאָג איך אייך, אַז זינט איך האָב ריטאַיערט האָב איך ניט קיין טאָג און קיין נאַכט. ש׳טאָ קיין צייט — און פּטור!

אין סאָסאַיעטי וויל מען איך זאָל זיין סעקרעטאַר. און אַז איך זאָג זיי, אַז איך קאָן נישט, נעמט מען גלייך שרייען: „אויף דעם האָט איר ריטאַיערט?‟

אין מיין קלוב איז קראַנק געוואָרן אַ מיטגליד און מ׳דאַרף אים גיין באַזוכן. נאָמינירן אַלע מיך, ווי זיך צוזאַמענגערעדט, און אַלע שרייען מיין נאָמען. איז ווען איך טענה מיט זיי, אַז דאָס פאַלט מיר צו שווער און איך האָב ניט קיין צייט, שטעכן מיך אַלע דורך מיט די אויגן:

— הערט אַ געשיכטע? אַ מענטש אַרבעט ניט, ריטאַיערט, פאַלט אים שווער און ער האָט ניט קיין צייט? טאָ וואָס זאָלן מיר שוין זאָגן?

מיינער אַ לאַנדסמאַן איז מיך אַנומלטן אַזוי באַפאַלן, אַז ער האָט מיך פּשוט געזידלט.

„איר מעגט זיך שעמען, — האָט ער זיך צעשריען, — איך האָב געמיינט, אַז איר וועט ריטאַיערן וועט איר זיין אַן אָפּטער גאַסט ביי מיר. איך דאַרף אַ האַנט צו פּינאָקל, ווי לעבן אויף דער וועלט. איז פריער פלעג איך אייך זען איינמאָל אין אַ יובל, איצט איז שוין אפילו קיין יובל ניטאָ...‟

אָט אַזוי, ווי איר זעט, דאַרף איך רק שטיין און קוקן אויפן זייגער.

— ווי שפּעט איז טאַקע ביי אייך? שוין אַכט אַזייגער? אויב אַזוי איז שוין אַביסל צו שפּעט פאַר מיר. מוז איך טאַקע לויפן. איך האָב נאָך היינט אַ פּעקל וועש צו וואַשן, אַלץ הייסט אַ פּעקל! ערשט דערנאָך האָב איך נאָך אַ מיטינג פון די „ריטאַיערטע‟. פאַרגעסט ניט, איך בין דער טשערמאַן...

אַ מלחמה איבער אַ פּילקע...

ווען מיין קליינוואַרג פלעגט קומען פון גאַס צי פון סקול הייזעריג ווי די יונגע הענדלער, מיט געשרייען וועגן עפּעס אַ שפּיל פון וואַרפן זיך מיט פּילקעס, האָב איך ניט געהאַט דעם מינדעסטן באַגריף, וואָס דאָס שפּיל מיינט, ווי מ׳רופט דאָס, און ווער עס זיינען דאָס די שפּילער, פאַר וועלכע יונג און אַלט שפּרינגען „קדוש" און זיינען גרייט אפילו צו שפּרינגען אייך אין פּנים אַריין פאַר זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן צווייטן צד.

נאָר ביסלעכווייז האָב איך געכאַפּט דעם שניט און אַרויסגעקראָגן ביי מיינע צעהיצטע, פאַרשוויצטע קינדער, אַז די שפּיל רופט זיך „בעיסבאָל" און אַז דאָס שלאָגן זיך אַזוי די „יענקיס" און די „דאַדזשערס".

לאַנג האָב איך ניט געקענט שלום מאַכן מיט׳ן געדאַנק, אַז דאָס איז נאָר אַ שפּיל אַזאַ און ניט קיין מאָדנע קרענק, ווייל איך האָב זיך פיל אָנגעהערט וועגן „דאַדזשערס־יענקיס, יענקיס־דאַדזשערס", ביז ס׳האָט אין מיינע אויערן אָנגעהויבן קלינגען ווי „יענקאַיטיס" און „דאַדזשעראַיטיס" — עלעהיי „טאַנסילאַיטיס" און „אַרטראַיטיס", ניט פאַר אייך געדאַכט.

דעם אמת זאָגן, האָב איך אַ סך מאָל אויפן ערשטן מאָמענט, ווען איך האָב געהערט קליינוואַרג שיירענדיג „יענקיס" און „דאַדזשערס", געוואָלט גלייך לויפן ברענגען אַ דאָקטאָר...

שפּעטער אָבער, אַז זיי זיינען עלטער געוואָרן און איך — אַביסל קליגער, האָב איך גענומען באַגרייפן פאַרוואָס זיי רייסן זיך טאָג און נאַכט פאַר די נעזער. שייך געריסן!... אין סאַמע מיטן שלאָף פלעגט מען זיך וואַרפן מיט די שיך. אין די שענסטע חלומות פלעגן זיי זיך אויסרופן מיט די ערגסטע נעמען. אַזוי צו ביסלעך האָב איך זיך גענומען פאַנאַנדערקלייבן אין דעם ווער עס זיינען די „חסידים" און ווער די „רביים" אין דעם שפּיל. איך האָב אויך גענומען פאַרשטיין, אַז אין דעם שפּיל פירט מען זיך, אַז אַנשטאָט די רביים זאָלן בענטשן די חסידים, מוזן גאָר די „חסידים" בענטשן די „רביים", און די ברכות זיינען, אַז עס זאָלן זיי, די „רביים", דינען די הענט, די פיס און — אַמאָל אויך דער קאָפּ...

איז ווי זאָגט איר: אַז מ׳לעבט ווערט מען עלטער און אַמאָל אויך קליגער...

ווען די קינדער האָבן גענומען אַריינברענגען אין הויז די בילדער פון

זייערע העלדן, האָב איך זיך געגומען דערוויסן, אַז דער איז אַ גוטער „לויפער", דער איז אַ גוטער „קלאַפּער"... דער איז אַ „פּיטשער"... און דער קאָן מאַכן אַ „האָום־ראַן", אַז קיינער קאָן אים ניט כאַפּן...

פאַרשטייט זיך, אַז איין טייל חסידים האָבן געבראַכט בילדער פון די „יענקיס" און די צווייטע טייל — פון די „דאַדזשערס", און זיי אַלעמען איז געאַנגען אין לעבן אויך מיר צו מאַכן פאַר אַ חסיד פון זייער „רבי'ן".

איז דאַרפט איר מיר שוין ניט מקנא זיין, וואָס עס האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן ביי מיר אין הויז. ווען די „יענקיס" און די „דאַדזשערס" שפּילן זיך אָן אויפן פעלד, האָבן זיי כאָטש דערנאָך פרייע שעה'ן צו רוען, פלאַנירן, צו פאַרברענגען. אָבער ביי מיר אין הויז האָט געברענט אַ גיהנום טאָג און נאַכט... ביי מיר זיינען געפלויגן פילקעס, שטעקנס און בוכטשעס אָן אַן אָפּרו...

אָט איז געקומען די טאָכטער מיינע און האָט אויפגעהאַנגען איר העלד פון די „דאַדזשערס", וועלכער האָט באַוויזן „אַריינצושיסן" אַ באַל די „יענקיס" אין זיבעטן ריפּ אַריין. קומט גלייך מיין זונעלע און ברענגט אַ בילד פון זיין העלד, פון די „יענקיס" און ער נעמט גלייך וויזן מיט'ן שטעקן, ווי זיין בעל־מופת האָט „אַריינגעשאָסן" אַ „האָמער" און — ער דערלאַנגט אַ פאַרפאַר און צעברעכט מיר מיינע אויגן־גלעזער... דערפאַר האָט ער גלייך גענומען זיין העלד פון די „יענקיס" און אים אויפגעהאַנגען איבערן בילד פון די „דאַדזשערס".

וואָלט איר באַדאַרפט זען, ווען מיין טאָכטער איז אַריינגעקומען אין הויז. דאָס הויז איז געוואָרן אַ פעלד, די קינדער האָבן זיך איינגעטיילט אין „טימס" און — עס איז געוואָרן אַ שפּיל פאַרן טייוול... ביידע האָבן גענומען לויפן אַרום די טישן אַ „האָום־ראַן". און גלייך אין צווייטן „איבינג" האָבן זיי גענומען קריכן אויף די גלייכע ווענט...

— און וואָס זאָל איך אייך דערציילן: ביידע העלדן זיינען געפאַלן — מ'האָט זיי אַראָפּגעריסן פון די ווענט... און מיט זיי האָבן גענומען פליען לאָמפּן, גלעזערנע כלים, און — ווי קען זיין אַ בעיסבאָל שפּיל אָן „פּיטשערס"?

— האָבן זיי צעבראָכן עטלעכע פּיטשערס מיט די גלעזער...

דער סוף איז געווען, אַז אַ גאַנצע נאַכט זיינען די בילדער געפלויגן אַרויף און אַראָפּ, ביז די מאַמע, אַ געזונט אויף איר קאָפּ, האָט זיך אָנגערופן: קינדערלעך, זאָגט זי, אפילו צו אַ וועלט־מלחמה מוז דאָך נעמען אַ סוף. איר נעמט די „יענקיס" אין אייער בעט, און איר נעמט די „דאַדזשערס" אין אייער בעט, און זאָל שוין אַמאָל זיין שלום אין הויז...

דער מאַמעס פּלאַן איז זיי געפּעלן געוואָרן, נאָר — פון זיכערקייט וועגן זיינען בײדע „טימס״ געשלאָפן מיט די שטעקנס אין בעט...

איצט, אַז די קינדער זיינען שוין געקומען צום פאַרשטאַנד צו וויסן, אַז — חוץ „פיס־קולטור״ דאַרף מען האָבן אויך ממש קולטור, האָבן זיי שוין אַ גאַנץ אַנדער בליק אויף דעם שפּיל און אויף די העלדן...

זאָגט טאַקע אַנומעלטן צו מיר מיין זונעלע: טאַטע, איך האָב אַ „טיקעט״ צו דעם „בעיסבאָל״ שפּיל, און אַזוי ווי איך האָב גראָד איצט ניט קיין צייט צו גיין זען די שפּיל, איז אפשר וואָלסטו געגאַנגען? דאָס ביזט דאָך שוין איצט אַ גאַנצער קענער אין די „געימס״...

איז מיר דער פאַרשלאָג גראָד געפעלן געוואָרן. האָבן די קינדער מיר געוויזן ווי צו פאָרן, ווי צו זען און הערן און — זיי האָבן מיר אפילו אָנגעזאָגט, ווי איך זאָל „שרייען״ ווען עמיצער פון די העלדן וועט דערלאַנגען די סחורה...

און איצט, ברײדערלעך, אַז איר ווייסט שוין גוט אין וואָס די „קראַנקהייט״ פון „יענקאיטיס״ און „דאַדזשעראַיטיס״ באַשטייט, וועל איך עס אייך אויך דערציילן.

געקומען בין איך אין אַ פּלאַץ, וואָס זעט אויס ווי אַ יאַריד און די הויפּטזאַך אויפן יאַריד איז שרייען. אַלץ הייסט שרייען! מ׳שרייט די גאַנצע צייט, אפילו ווען מ׳שפּילט ניט און — ווי איך פאַרשטיי, איז דער שרייען אַ מין סגולה פון „מי יחיה ומי ימות״, ווער עס זאָל אַריין און — ווער עס זאָל אַרויס...

ווען דאָס שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן האָב איך גלייך אויסגעפונען, אַז ביי מיין רעכטער זייט זיצט אַ „יענקי״ חסיד און ביי מיין לינקער זייט אַ „דאַדזשער פען״. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין גלייך געוואָרן „אומפּאַרטייאיש״...

וואָס אויפן פעלד האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן, בין איך ניט אַזאַ בקי, אַז איך זאָל אייך קענען איבערגעבן, אָבער — איך האָב געפּילט אין מיינע זייטן, ווי עס האַלט אויפן פּראַנט...

ווען מ׳האָט מיר געזעצט, געשטורכעט און געכאַפּט מיין היטל פון דער רעכטער זייט, האָב איך געפילט מיט אַלע חושים, אַז די יענקיס זיינען אויפן פערד. האָט מען, ווידער, גענומען זעצן אין פּלייצע און פאָרן אין לינקן אויער און כאַפּן מיין מאַנטל צו וואַרפן אין דער לופטן פון דער לינקער זייט, האָב איך געוואוסט, אַז די „דאַדזשערס״ האָבן פאַרכאַפּט דעם מזרח...

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, גלייך אין ערשטן „אינינג״ איז מען מיר פאַרפאָרן מיט אַ „היט״, אַז איך האָב געמיינט, איך אַליין מוז שוין מאַכן אַ

„האָום־ראַן"... נאָר גלייך איז מיר אונטערגעקומען אַ „סטרייק־אַוט" פון דער צווייטער זייט, אַז איך האָב פאַרלאָרן דעם „סקאָר" און זיך געלאָזן כאַפּן מיין היטל...

ווער האָט געוואונען, פרעגט איר? מער פעלט מיר ניט, נאָר דאָס זאָל איך זאָגן. מיין זון האָט באַצאָלט אפשר אַ פינפערל פאַר אַ טיקעט, און איך — איך האָב באַצאָלט מיט אַ נייעם היטל, אַ מאַנטל, אַ געשוואָלענע זייט, צוויי ציינער און אַ קוטשמע האָר... ווילט איר טאַקע, אַז איך זאָל אייך — דיר ניט, מיר ניט, איבערגעבן דעם אויסגאַנג פון שפּיל, ווען איר האָט ניט געפּאַקט און ניט געמאָזלט און האָט נאָך אַלע ציין אין מויל."

זעט איר, איין זאַך וועל איך אייך יאָ זאָגן, ווי איך בין געווען גערעכט, אַז דאָס צעהיצטע שפּיל פאַרמאָגט עפּעס אַ „קראַנקהייט", אַז ניט וואָלט איר דאָך מיר ניט געקומען מבקר־חולה זיין, ווי איך פיל זיך איצט נאָך דעם שפּיל? דאָך, ווען אַלע מלחמות אויף דער וועלט וואָלטן זיך אַזוי געענדיקט, וואָלט מיך ניט אַזוי שטאַרק געאַרט...

ענגע שיך קאָנען אויך דריקן דעם קאָפּ...

פון אַ סך „דערקלערונגען" ווערן אָפט זאַכן מער פאַרטונקלט ווי קלאָר...

שיינע רייד קאָנען ניט באַקליידן אַ מיאוס'ן טאַט...

פאַרלעגענע שפּייז וועט ניט העלפן דאָס וויקלען אין זילבער־פּאַפּיר...

פאַר בויען לופט־שלעסער אין געדאַנק דאַרף מען ניט צאָלן קיין שטייער...

דער שטאָך פון אַ צונג קאָן אַמאָל שאַפן מער בייז בלוט, ווי דער שטאָך פון אַ נאָדל...

אַ היפּאָקריט קאָן גרינג מאַכן אַ פרום פּנים, אָבער אַ נאַר — קאָן ניט מאַכן קיין קלוג פּנים.

עלטער־פענסיע

איר זיצט שוין אויך אויף דער באַנק? זייער גוט, וועט טאַקע זיין אַביסל פרייליכער. ווי זאָגט מען: אין צווייען איז זיך בעסער צו דרייען...

ווי קומט איר טאַקע אין אַ מאָנטאָג אַהער? איר האָט שוין אויך „רי־טאַיערט״, צי דאָס איז בלויז אַ „סלעק״, — אָדער איר האָט ווידער, אין אַ באַווינע, געקראָגן די „סעק״?...

יאָ, דאָס אייגענע איז מיט מיר. איך האָב אפילו נאָך ניט גע׳חלומ׳ט פון „ריטאַיערן״, ווי קען איך מיט מיינע קרומע פיס אויפגעבן די אַרבעט? וואָס בין איך עפּעס, אַ לענדלאָרד אָדער אַ רענטלאָרד? פון דאָס וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט קען איך אויך ניט אַרויסנעמען... ווייל ביז איצט האָב איך בלויז אָפּגעשפּאָרט אַרטרייטיס, סאַיאַטיקע, אַביסל אסטמאַ און געשוואָ־לענע פיס מיט הינעראויגן. נו, גיי נעם דאָס אַרויס, אַז דאָס איז מיר שוין אַריינגעקראָכן אין די ביינער...

איז מיט מיר טאַקע די זעלביגע מעשה, ווי מיט אייך: אַז דער שאָפּ האָט „ריטאַיערט״, האָב איך שוין „ריטאַיערט״ מיט אים. און אַזוי בין איך געבליבן ווי אַ פּנים אָן אַ נאָז...

איך איז שווער, זאָגט איר, צו גלויבן, אַז מיר איז שוין 65 יאָר. אָט דאָס, זעט איר, איז די מעשה מיט מענטשלעכע אויגן. עס ווענדט זיך ווי ווער עס קוקט: די שטאָט־טאַטעס זאָגן, אַז איך בין ניט קראַנק צו אַר־בעטן, און דער באָס האַלט אין איין שרייען, אַז איך בין שוין אַלט און צו קראַנק צו דער אַרבעט.

ווי איר זעט, זיינען מיינע 65 יאָר ניט גענוג יונג אויף צו לעבן און ניט גענוג אַלט אויף צו שטאַרבן. איך מעג איך זאָגן, אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס ווייסן ניט אליף וועלכער וועלט זיי זיינען, צי זיי לעבן צי זיי זיינען גע־שטאָרבן. איך, ווי איר קוקט מיך אָן, בין נאָך ניט קיין לעבעדיקער מת... איך ווייס וואו איך האַלט.

אַ דאַנק אייך פאַרן קאָמפּלימענט, אַז ווען איך זאָג אייך ניט, וואָלט איר ניט געגלויבט אַז איך בין שוין אין דעם פּעריאָד פון „ריטאַיערן״. נאָר פונדעסטוועגן ווינטש איך אייך, אַז איר זאָלט זיך דערוויסן פון בעסערע בשורות און פון גרעסערע ציפערן.

יאָ, מיין פריינט, ווי איר קוקט מיך אָן זיינען שוין ביי מיר די 65 יאָר אָן אַלטע זאַך... די קינדער האָבן מיר שוין דאָס געגעבן אָנצוהערן אַ סך פריער, שוין אפשר מיט אַ צען יאָר צוריק. נאָר אַזוי ווי איך בין בטבע אַ געדולדיגער און ניט קיין גרויסער בעל־חשבון, האָב איך דאָס געלאָזן לויפן ביז — דער שאַפּ האָט דאָס מיך דערמאָנט.

איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: אין די יאָרן געפינט מען זיך אין אַ מאָדנע לאַגע. 65 יאָר איז ניט קיילעכדיג און ניט שפּיצנדיג, ניט פאַר אַ טאַנץ און ניט פאַר אַ באַנקעט. ס׳איז אַ פּשוטער חשבון: פאַר אַ טאַנץ דינען ניט די פיס און פאַר אַ באַנקעט דינט ניט דער מאָגן.

יאָ, ס׳איז ווי די מעשה מיט יענעם עלטערן מענטשן וואָס מ׳האָט דורך אַ טעות גערופן אין מיליטער. מ׳האָט אים אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן, אויסגעקלאַפּט די ביינער, נאָר צום סוף האָט מען אַ קוק געטאָן אויפן ציפער און מ׳האָט אים גלייך אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — צו אַלט.

— צו אַלט, — האָט איינער אַ שפּאַס געטאָן, — אויב אַזוי אפשר מאַכן אים פאַר אַ גענעראַל?

— פאַר אַ גענעראַל? — האָבן זיך אַלע צעלאַכט, — ניין, נאָך אַלץ ניט אַלט גענוג...

דאָס אייגענע, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך צו טאָן אין שאַפּ מיט מיין באָס. ווי נאָר עס קומט צו אַ גוטן שטאָך אַרבעט, שטעכט ער מיך מיינע יאָרן און זאָגט: „מיט דיינע אויגן איז גוט צו קוקן אויף מתים, אָבער ניט פאַרפעדימען אַ דינע נאָדל״. עס הייסט פּשוט, איך בין שוין צו אַלט פאַר אים, כאָטש אין דער אמת׳ן מאַך איך נאָך אַ טאָג אַרבעט מיט אַ ווערק.

אַ וואונדער איז מיר פונדעסטוועגן, ווייל פון אַלע שטאַנדפּונקטן האָב איך נאָך געדאַרפט אין זיינע אויגן אויסזען גאַנץ יונג. ווייל סך־הכל אַלע יאָרן, וואָס איך האָב געאַרבעט פאַר אים, האָט ער מיר געקירצט די יאָרן... נאָר גיי מאָן גערעכטיגקייט ביי אַ באָס, וואָס דאַרף אויסהאַלטן צוויי אויטאָמאָבילן, אַ זומער־היים און אַ ווינטער־היים און נאָך שפּילן אין פערדלעך...

ווען איינער פון די אַרבעטער האָט זיך אַנומלט באַקלאָגט, אַז ער האָט ניט אויף דירה־געלט, האָט זיך טאַקע דער באָס צעלאַכט מיט דעם אמת׳ן קוויטשעלע: „ער רעדט וועגן רענט. ער, וואָס דאַרף צאָלן לומפּיגע צוויי־און־אַכציג דאָלאַר פאַר זיינע פרוט־האַלבן צימערן! וואָס זאָל איך שוין רעדן, ווען מיין נייע הויז מיט די צוועלף צימערן טרייבט מיך אַריין פאַרן „ווינטער״ אַליין, אפשר דריי הונדערט דאָלאַר אַ חודש״...

איין זאַך מעגט איר וויסן: אַ הונט בילט ניט אומזיסט, ער וויל ווייזן אַז

ער האָט וואָס צו זאָגן... און אַמאָל קריגט ער טאַקע אַרויס אַן עקסטראַ ביין... ער דערגייט די יאָרן איינעם און מיינט אַ צווייטן. איינמאָל האָט טאַקע פּאַסירט אַזאַ מעשה, איר מעגט דאָס הערן:

מיין באָס איז איינמאָל באַפאַלן אַ פּרעסער אין שאַפּ, אַז ער איז ניט קיין בעל־מלאכה, — ער איז אַ תכריכים־נייער...

קוקט אים אָן דער פּרעסער: „אָבער וואָס האָט איר צו מיר, איך בין דאָך ניט קיין אָפּערעיטאָר, נאָר אַ פּרעסער?"

— איך ווייס, — קאָכט זיך דער באָס, — דאָס מאַך איך אויף דיר נאָר פּראָבע, ווען דער אָפּערעיטאָר וועט אַריינקומען וועט ער שוין קריגן פון מיר צו לייזן אַזוי ריכטיג"...

איר פאַרשטייט? אָט־דאָס איז דאָס לעבן אין אַ שאַפּ. ווער וויל כאַפּן אַ גאָב? ווער וויל אויסקוקן צו אַלט אין דעם באָסעס אויגן? יאָגן טאַקע אַ סך מאָל די אַרבעטער איינע די אַנדערע ווי די פערדלעך אין אַ געוועט. וואָס דער סוף איז, ווייסט איר דאָך, וועלכער פערדל עס זאָל ניט לויפן פאַר־אויס קריגט דער באָס דאָס גרויסע געווינס...

זעט איר, ערגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס בשעת פאַרן באָס בין איך צו אַלט, זאָגט מען מיר, אַז צו „ריטאַיערן", ס'הייסט, צו קריגן עלטער־פּענ־סיע, בין איך גאָר צו יונג און ווער ווייסט טאַקע?

אין הויז ווידער איז שוין דער חשבון אַן אַנדערער, אַ צעדרייטער. די קינדער לאַכן פון מיר: דער טאַטע, זאָגן זיי, איז שוין אַן אַלט ברויטל... און טאָמער קום איך אַמאָל שפּעט פון אַ מיטינג קיבעצט מיר שוין אויך מיין ווייב: לויפסט אַרום, זאָגט זי, ווי דו וואָלסט נאָך גאָר געווען אַ יונ־גער צוציק...

אין דער באַן, ווידער, קוקט מען נאָך אויף מיר ווי אויף אַ יונגנמאַנ־טשיק, און מ'דערוואַרט נאָך פון מיר, איך זאָל זיך אויפשטעלן און אָפּגעבן מיין זיץ־פּלאַץ צו אַ „לעידי"... פאַרקערט, ווידער, קום איך אַריין אין רעסטאָראַן, וויל דער וועיטער זיין גוט צו מיר, און ער זאָגט: פאָלגט מיך און נעמט אַ שטיקל געמאָלענע פלייש, איך ווייס, אַז פאַר אַן עלטערן מאָגן איז דאָס פיל בעסער צו פאַרדייען...

איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: היינטיגע צייטן דאַרף מען זיין אַ גוטער בעל־חשבון אויסצורעכענען ווי ס'איז פּראַקטישער: „קירצן זיך די יאָרן, אָדער זיי ,אונטערבעטן'?"...

נאָר ווי איך זאָל זיך ניט דרייען, ווייס איך, אַז מיט איין העלפט בין

איך שוין פאַרטיג, און ווייטער — איז ווי פלעגט מיין באָבע זאָגן: אַלט זאָלט איר ווערן און יונג זאָלט איר זיין.

יאָ, אַז ס'איז שוין געקומען צו רייד: האָט איר געהערט ווי אַזוי מענטשן ווערן „וואונדער־קינדער" אויף די עלטערע יאָרן? אָט אַזוי ווי איר הערט: עס אַנטדעקט זיך ביי זיי אַ נייער טאַלאַנט. זיי נעמען זיך מאָלן, צו שרייבן, צום טאַנצן, אויסקלעפּן זאַכן. מיט איין וואָרט, זיי ווערן ניי־געבוירן. איר זאָלט נאָר ניט איבערראַשט זיין, אַז איר וועט נאָך הערן „וואונדער" פון מיר און איך פון אייך...

וואָס זאָגט איר, איר זיינט נאָך ווייט פון מיינע יאָרן? זעט איר, דאָס אַליין איז שוין אַ וואונדער... אַז סך־הכל זיינען מיר געבוירן אין דעם זעלביגן יאָר. מיינט איר מיר צו זאָגן, אַז איר האָט געלעבט פופצן יאָר אָן אַ קאַלענדער, איר האָט ניט געהאַט קיין לוח פאַר זיך?...

נאָר אפשר זיינט איר גערעכט. ווי זאָגט מען: וואָס מ'רייסט ניט אָפּ, דאָס האָט מען ניט... אויב אַזוי דאַרף מען דאָך אייך פראַווען אַ פופציק יאָריגן יובילײ — אייך זינגען „העפּי בוירטדעי". ס'הייסט, מיר איז דער באָס מקצר די יאָרן און איר — איר קירצט זיך אַליין...

אויב אַזוי איז האָט מיר אַ גוטן און לאָמיר האָפן, אַז איך וועל נאָך איינ־גיכן זיין אויף אייער ברית...

ס'איז שווער צו נעמען מעדיצין,
ס'איז אַ ביטערער געטראַנק.
נאָר ווי ביטער דאָס זאָל ניט זיין,
איז פיל בעסער ווי זיין קראַנק . . .

מיט אַ געביילטן פויסט גיט מען ניט קיין שלום עליכם.

אויף צו צינדן האָס דאַרף מען ניט קיין שוועבעלעך.

אַ סך איינזאַמע מענטשן האָבן סוף־כל־סוף חתונה, ווייל ס'איז פריי־לעכער אפילו צו קריגן זיך זאַלבענאַנד...

ער לעבט מיט רעכענונג...

עס איז שווער צו דערטאַפּן ווי ווייט לעאַ איז פּראַקטיש אין זיין לעבן, אָבער אַז ער איז אַן אויסגערעכנטער מענטש, קען מען באַמערקן אין זיין יעדן קער און ריר. ער איז אויסגערעכנט ווי צו מאַכן אַ נוץ פון יעדער מינוט און אַזוי פון זיין יעדן סענט, וואָס ער פאַרדינט.

האָט ער אַ פרייע מינוט, זיצט ער אויף דער זון און באַקט זיך, שעפּט זיך אָן מיט פרישע לופט, גלעט זיך מיט איין האַנט דעם שטערן, צעטרייבט די קנייטשן און מיט דער צווייטער האַנט קעמט ער זיך זיין געדיכטע קאָפּ האָר, אַז די זון־שטראַלן זאָל אַריינדרינגען צווישן די האָר, ווייל וואָס איז נאָך אַזוי ביליג און גוט ווי די הימלשע זון־ליכט?...

אַזוי מאַכט אויך לעאַ אַ נוץ פון זיין יעדן סענט, וואָס ער גיט אויס אויף שפּייז און פון יעדן ביסן שפּייז, וואָס האָט פאַר זיך אויפ'ן טיש. ער ווייס פון אַלע קראָמען און מאַרקעטס, וואו מ'באַרייסט ניט צופיל דעם קאָנסומער, ער ווייס אויך וואו מ'קריגט אַ לאַקאַטקעלע, אַ פליגעלע פון אַ לאַקס, אַ פעט קעפּל פון אַ געדויכערטן פיש, אַ טרוקענעם שפּיץ פון אַ קעז, אָדער דעם עק פון אַ וואורשט.

לעאַ ווייס אויך וואו צו קויפן מציאות קליידער — וואו אַ רעשטל, וואו אַ פייער־מציאה, אָדער, וואָס בלייבט איבער פון סעזאָן, פון זומער אויף ווינטער און פון ווינטער פאַר'ן זומער.

לעאַ האָט בטבע פיינט רעסטאָראַנען, וואו מ'ציילט צו דעם פּענעץ ברויט, און פרייזן ווי דאָס וואָלט זיין אוראַניום... אויב ער איז אַמאָל געצוואונגען אַריינצוגיין אין אַ רעסטאָראַן, איז דאָס נאָר אין אַ הייסן זומער־טאָג צו כאַפּן אַ קאַלטן טרונק וואַסער, אָדער אַמאָל צו נעמען אַ „נעפּקין", אַ האָלץ־שטעכער — און אַ שוועבעלע צו פאַררויכערן אַ סיגאַרעטל...

מיט סיגאַרעטלעך איז טאַקע אַמאָל געווען ביי לעאַ'ן אַ שווערע פראַגע. געוואוסט האָט ער, אַז פון רויכערן קען ניט צוקומען קיין געזונט, און דאָ איז אים אויסגעקומען אַ צרה אין צווייען — פטר'ן געלט און נאָך צוליגן אַ שטיקל געזונט...

לעאַ האָט אָבער אויסגערעכנט ווי אַזוי איינע פון די צוויי זאַכן איינצו־

שפּאָרן, און ער האָט דערפונדן אַ „פּאַרטל", אַז סיגאַרעטס וואָס צע'פּטר'ן דאָס געזונט זאָל אים מער קיין סענט ניט קאָסטן.

זיין „דערפינדונג" איז באַשטאַנען אין האַלטן שטענדיג אין האַנט אַ פּעקל שוועבעלעך און זיך אַזוי זייטיג אַ זאָג טאָן: „האָסט אַ סיגאַרעט? איך האָב אַ שוועבעלע"... אַזוי איז ער געוואָרן אַ שותף מיט יענעם...

מיט דער צייט האָט ער שוין זיך איינגעבראָכן אַ גאַנצן געשעפט אין דעם גרויסן שאַפּ וואו ער האָט געאַרבעט.

אין דער פרי פלעגט ער זיך טרעפן אין מאַרקעט מיט זיינע קאָלעגן פון פאַך. ער פלעגט בעטן אַ סיגאַרעט, ווי גיך ער האָט געקראָגן, פלעגט ער אַ ווײַלע דאָס האַלטן אין האַנט ביז ער האָט דאָס אַראָפּגעלאָזן אין קעשענע און ביי אַ צווייטן געבעטן אַ צווייטן סיגאַרעט, און דערנאָך ביי אַ דריטן...

דאָס אייגענע האָט ער ווידערהאָלט אַריינקומענדיג אין שאַפּ, וואו די פרויען האַלטן מערסטנס זייערע סיגאַרעטן אָפן אויפ'ן טיש. פאַרטיג געוואָרן מיט נעמען סיגאַרעטן ביי די פרויען, פלעגט ער אַרומשפּאַנען צווישן די מע־נער, און וואו איינער האָט געריכערט, האָט לעאָ געהאַלטן גרייט זיינע צוויי פינגער...

ווען מ'האָט אין שפּאַס געפרעגט ביי לעאָן, וועלכן „ברענד" ער רויכערט, פלעגט ער כאַפּן אַ קוק אויפ'ן סיגאַרעט, וועלכן ער האָט אין דער מינוט געהאַלטן אין האַנט... אַלע האָבן אָבער געוואוסט, אַז ער רויכערט אַ נייעם ברענד — „טראַמבע" סיגאַרעטס...

ער האָט זיך שוין אויך דערטראַכט צו זאַמלען די אויסגעליידיקטע פּעקלעך און ווען ער פלעגט קומען אַהיים נאָך אַ טאָג אַרבעט, האָט ער סאָר־טירט די סיגאַרעטן לויט די נעמען פון די פירמעס. מיט דער צייט האָט ער שוין אויך צוגעשטעלט סיגאַרעטס פאַר זיין פרוי, וועלכע האָט געריי־כערט. אויך די קינדער האָט ער באַזאָרגט צום רויכערן — וועלכן „ברענד" זיי ווילן נאָר. און ווען זיין איידעם פלעגט קומען צו גאַסט, האָט לעאָ אים אפילו טראַקטירט מיט אַ פריי פּעקל סיגאַרעטס...

לעאָ'ס געשעפט איז געוואַקסן. מיט יעדן טאָג האָט זיך פאַרגרעסערט זיין „איינקונפט". דורך דער צייט האָט ער זיך אויך געמאַכט אַ באַקאַנטשאַפט מיט אַ „העכערן" קלאַס, אַזוי, אַז דורך דער וואָך פלעגט אים שוין אַריינ־פאַלן אַ היבש קעסטל מיט ציגאַרן...

פאַרשטייט זיך, אַז מיט ציגאַרן איז ער שוין ניט געווען אַזוי „פאַר־שווענדעריש" ווי מיט סיגאַרעטלעך. די ציגאַרן האָט ער אויסגענוצט ביי גוטע געלעגנהייטן. וואו אין דער פאַמיליע איז נאָר געווען עפּעס אַ יום־טוב,

אַ מזל־טוב, אַ צוזאַמענקונפט, האָט לעאָ טראַקטירט מיט ציגאַרן, ווי אַ פּאָ־ליטישן ערב וואַלן...

לעצטנס איז אָבער פאַרגעקומען אַן איבערקערעניש אין לעאָ׳ס „אויס־רעכענונגען״. פּאַסירט האָט דאָס ווען ער האָט עפּעס ניט געפילט גוט אין געזונט און איז אַריין זען אַ דאָקטאָר.

ווען דער דאָקטאָר האָט נאָך אַן אונטערזוכונג אים אָנגעזאָגט צו עסן ווייניקער, איז ער גראָד געווען צופרידן, ווייל שפּאָרן עסן מיינט שפּאָרן געלט. אָבער ער איז גאָרניט געווען צופרידן פונ׳ם דאָקטאָר׳ס אָנזאָג, אַז ער טאָר מער ניט רויכערן.

לעאָ האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און איז אַריינגעקומען אין שאַפּ זייער באַזאָרגט. ווען זיינע שכנים מיטאַרבעטער ביים טיש האָבן געפרעגט: וואָס גייסטו אַרום אַזוי דערשלאָגן? האָט ער זיי דערקלערט, אַז דער דאָקטאָר האָט אים אָנגעזאָגט ניט צו נעמען מער אַ סיגאַרעט אין מויל אַריין.

— טאָ וואָס זאָרגסטו זיך? — האָט אים איינער אין שפּאַס פּרובירט טרייסטן, — אויב אַזוי פאַרקויף דיין סיגאַרעט „ראוד״ צו אַ צווייטן, וועט דיך זיין צו געזונט און דו וועסט נאָך מאַכן געשעפט...

אָבער דאָס האָט לעאָ׳ן ערשט פאַרדראָסן: אַזאַ גוט געשעפט און מ׳קאָן עס ניט פאַרקויפן...

פון שטיינער אויפ׳ן וועג אין לעבנס־גאַנג קאָן מען ניט בויען קיין היים...

אַ קלאָרער מענטש האַקט זיך ניט אָפּ די פינגער צוליב שמוציגע נעגל...

דאָרט וואו עס איז שווער אַריינצוקומען מיט אַ וויזע, קאָן מען אָבער ניט פאַרשפּאָרן דעם וועג צו וויזיע...

אין סאַמע פרילינג און בליאונג קאָנט איר שוין אויך טרעפן פוילע בלעטלעך אויפ׳ן בוים...

אוי, די „אַלט־טראַיטעס״...

איך איז גוט: איר האָט אַ פיינע היים אין שטאָט, אַ שיינע היים אין אַ זומער־רעזאָרט, און אַ מאַשין מיט פיר רעדער, וואָס פירט אייך אַרום וואו איר ווילט. איז איר גייט און פאָרט, און איך — איך זיץ און טראַכט, וואָס זאָל איך טאָן? וואוהין זאָל איך זיך אַריבערקלייבן?

מיט יאָרן צוריק פלעג איך האַלטן די הויז־זאַכן שטענדיג געפּאַקט אין קאַסטנס און די כלים אין אַ פּאַס. געהאַלטן זיך אין איין אַריבערקלייבן פון איין דירה אין אַ צווייטער. אַמאָל, ווייל ס׳איז ניט געווען קיין דירה־געלט צו באַצאָלן, און דער לענדלאָרד האָט געוויזן דעם וועג... אָן געלט, פלעגט ער זאָגן, קאָנט איר דאָך וואוינען אויף אַ שענערער גאַס און אין שענערע צימערן...

אָפט פלעגן מיר זיך דאַרפן אַריבערקלייבן, ווייל די פאַמיליע האָט זיך פאַרגרעסערט: ס׳איז אונטערגעקומען נאָך אַ קינד און אַ צווייטס, האָט מען געדאַרפט נאָך אַ צימער. אַמאָל — עס זאָל זיין נעענטער צום שאַפּ, עס זאָל ניט זיין צו־שווער דאָס גיין און פאַרשפּאָרן פאָרן.

אַזוי האָבן מיר געביטן די דירות, ווי דער לוח דעם חודש: פון מאָנראָ סטריט צו מעדיסאָן, פון מעדיסאָן צו אָטורני סטריט, פון אָטורני צו ברום סטריט. געפירט דאָס ביסל אָרעמקייט פון איין פּלאַץ צו אַ צווייטן. די קאַסטנס, די פּעסער און דאָס וועגעלע זיינען שטענדיג געווען אין גאַנג...

שפּעטער, אַז די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן, איז ווידער געוואָרן אַ פראַגע וואו צו וואוינען? ווייל — איין טאָכטער האָט געוואָלט בראַיטאָן, אַ צווייטע — בראָנזוויל, און דער זון — בראָנקס.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? מיר האָבן פאַרזוכט בראַיטאָן און בראָנזוויל און בראָנקס, ביז — ווי איר זעט, מיר זיינען שוין צוריק אין מאַנהעטן...

איצט, פאַרשטייט איר מיך, וואוינט איין טאָכטער אין שיקאַגאָ, די צווייטע טאָכטער אין באָסטאָן, און דער זון אין דעטראָיט.

איר קאָנט דאָך מיינע קינדער: וואוילע, פיינע, ווערט אונז אויסגעריסן דאָס האַרץ פון בענקשאַפט. הײַנט די אייניקלעך! מיר האָבן זיי אַ גאַנצן מניך. זאָלן זיי נאָר געזונט זיין. נו, זעקס פון זיי קענען מיר. די אַנדערע פיר — קענען מיר ניט.

די טאָכטער פון שיקאַגאָ האָלט אין איין שרייבן, מיר זאָלן זיך איבער־קלייבן צו זיי אין שיקאַגאָ. די טאָכטער פון באָסטאָן וויל אונז נאָר האָבן אין באָסטאָן. און דער זון? ער וויל ניט אַנדערש, אַז מיר זאָלן זיך נאָר אַרי־בערקלייבן קיין דעטראָיט.

מיט מיין ווייב וויל איך אָבער וועגן דעם ענין אפילו ניט ריידן, ווייל זי פליט מיט אירע פאַנטאַזיעס אַלע טאָג אין אַ צווייטער שטאָט. אַט וויל זי זען די אייניקלעך אין דעטראָיט, און אַט אין שיקאַגאָ, און אַט פליט זי קיין באָסטאָן. נאָר באמת זיך אַריבערקלייבן — וועגן דעם, ווייזט אויס, טראַכט זי אפילו ניט. פאַרוואָס? ווייל איצט, פון ניו־יאָרק, קאָן זי כאָטש פליען אויף די פליגל פון פאַנטאַזיעס צו די אַלע שטעט, אָבער — וועט זי שוין זיין ביי עמיצן פון די קינדער, וועלן אַלע אירע חלומות צערונען ווערן...

איך, ווידער, טראַכט אינגאַנצן גאָר אַנדערש. ביי מיר, פאַרשטייט איר מיך, זיינען פאַראַן גאָר אַנדערע פּראָבלעמען.

ווי איר ווייסט, האָב איך לעצטנס אָנגעהויבן צו ליידן אַביסעלע פון אַסטמאַ, אַביסעלע פון רומאַטיס, אין איין זייט — סאַיאַטיקע, אין דער צווייטער זייט — גלאַט אַ שטעכעניש. און חוץ דעם אַלעמען, האָט דער דאָקטאָר לעצטנס ביי מיר אַנטדעקט אַ נייע זאַך — „אַרטראַיטעס", אָדער ווי מען זאָגט אין פשוט'ן אידיש — אַלט־טראַיטעס...

איז וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איין דאָקטאָר זאָגט מיר, אַז פאַר אַסטמאַ זאָל איך פאָרן קיין טאָהאָנגאָ, קאַליפאָרניע. אַ צווייטער זאָגט מיר, אַז אַרי־זאָנאַ, איז גוט סיי פאַר אַסטמאַ, סיי פאַר רומאַטיזם. אַ דריטער דאָקטאָר זאָגט מיר, אַז פאַר סאַיאַטיקע איז עלסינאָר, קאַליפאָרניע, ווי געוואונטשן. אינמיטן קומט אַ דאָקטאָר און ראָטעט מיר איין אַ סוד, אַז פאַר די בראָנ־קאַיטיס, פאָרן פייפן פון נאָז און — שפּילן אַ פּינאָקל, איז לעיקוואוד ווי געוואונטשן...

בין איך געווען אין „העלט־סענטער" וועגן דער שטעכעניש און ברע־כעניש אין די זייטן, האָט מען מיר געגעבן אויסצוקלייבן: איך קאָן פאָרן אין די בערג, קיין אַטלאַנטיק סיטי, אָדער קיין ספּרינג וואַלי.

דער דאָקטאָר, ווידער, וואָס האָט אַנטדעקט ביי מיר די „אַלט־טראַיטעס", גיט אַ וואונק מיט'ן אויג און זאָגט מיר:

„מענטשן, וואָס האָבן נאָר די נויטיגע מזומנים, וואָלט איך געראָטן צו פאָרן קיין מיאַמי, ווייל מיאַמי איז גוט, ווי איר רופט דאָס אָן פאַר ,אַלט־

טראַיטעס׳. מיאַמי איז אויך גוט אויף צו געפינען אַ שידוך, און אויך פאַרלירן אויף די פערדלעך״...

הכלל, איך האָב געכאַפּט אַ שמועס מיט מיין ווייב, האָט זיך מיך געפרעגט:

„נו, און וועגן קאָפּ האָט דיר דער דאָקטאָר גאָרנישט געזאָגט? ווייל, ווי מיר דאַכט זיך, איז פון אַלע קראַנקהייטן, ביסטו גאָר משוגע, דו ליידסט אויפ׳ן קאָפּ״...

„שטעל דיר פאָר״, זאָגט זי, „אַז כל־זמן מיר וואוינען אויף דער ערשטער עוועניו, אין ניו־יאָרק, קאָנען מיר קומען אומעטום. מיר קאָנען פאָרן צו די קינדער אין שיקאַגאָ, אין באָסטאָן, אין דעטראָיט, און אפילו צו מיין ברודער אין פילאַדעלפיע, אָדער מיין שוועסטער אין פעטערסאָן. און ווער שטערט אונז צו פאָרן אויף אַ סוף־וואָך אין אַ קעמפּ, קיין קוני־איילאַנד אָדער ברייטאָן? און אַז מיר ווילן, פאָרן מיר צו צו דער קוזינע אין די בראָנקס און כאַפּן זיך אַריין אין „זו״ אָן איין סענט.

„אָבער, אַז מיר גיבן אַ פאָר־אַוועק קיין קאַליפאָרניע, אַריזאָנאַ, אָדער פלאָרידאַ — ווי איז מיר — דו ווייסט וואָס דאָס מיינט? פון דאַנען אַהין איז, דאַכט זיך, אַ גאָרניט מיט אַ נישט, אָבער פאָלג מיך אַ גאַנג און גיי פאָר פון דאָרטן באַזוכן די קינדער, די אייניקלעך, דו וועסט זיי שוין דאַן זען נאָר אין חלום״...

טענה איך צו איר, דערקלער איר און פרעג:

„זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי לאַנג האָסטו שוין ניט געזען די קינדער? ווי זעען־אויס די לעצטע פיר אייניקלעך? אַז מיר זיינען דאָך אָפּגעריסן פון זיי״...

טענה׳ט זי:

„אין ניו יאָרק בין איך אין דער היים, און ערגעץ אַנדערש — בין איך אין דער פרעמד!״...

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? עס שטעכט מיר אין די זייטן, עס ברעכן מיר די פיס, עס שטיקט מיך דער הוסט. נאָר די הויפּט־זאַך עס דרייט מיר דער קאָפּ — געוואַלד, וואוהין זאָל איך זיך אַריבערקלייבן מיט מיינע „אַלט־טראַיטעס״?...

אַ טעלעוויזיע אויף מיין קאָפּ . . .

וואָס, איר האָט נאָך ניט קיין טעלעוויזיע ? אויב אַזוי אָט אַ מזל ! מ׳קאָן דאָך מיט אייך נאָך אויסרעדן אַ וואָרט !

איך זאָג אייך, אַז זינט מ׳האָט אויסגעטראַכט די טעלעוויזיע זיינען פּריינט מען קיין פּריינט ניט, שכנים, קיין שכנים ניט, און אין די הייזער הערט מען איין וואָרט : שאַ !

ס׳הייסט, ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי „שאַ״. ביי מיר אין הויז, למשל, הערט מען עפּעס מער ווי „שאַ״. איר מעגט וויסן, אַז חוץ אַ ווייב, זאָל מיר געזונט זיין, האָב איך אויך קינדער, און די קינדער האָבן מיר באַזאָרגט מיט אייניקלעך. וואָלט איר טאַקע געמעגט זיין אַן אָונט ביי מיר אין הויז.

מיין טעלעוויזיע פּראָגראַם, האָט זיך מיר, גאַנצע ניין סטאַנציעס, אויף יעדע סטאַנציע איז פאַראַן אַן אַנדער פּראָגראַם. ווילן די פרויען איין זאַך, די מענער אַ צווייטע זאַך, און די אייניקלעך — זיי האָבן זיך זייערס, וואָס איז זיי צום האַרצן.

דאַרף איך אייך שוין מסתמא ניט דערציילן, וואָס עס טוט זיך אַפּ יעדן אָונט ביי מיר אין הויז. אויף דער טעלעוויזיע זיינען פאַראַן „פּראַיז־פּאַיטס״, „רעסלינג״, טענץ, געזאַנג, קאָמעדיאַנטן — אַ חוץ „קאָמוירשלס״. נאָר אין הויז ביי מיר איז איין זאַך — „פּראַיז־פּאַיטס״.

דעם אמת געזאָגט, זיינען קיין פּרייזן דערביי ניטאָ. אָבער קלעפּ ? — ניט פאַר מיר און ניט פאַר אייך געדאַכט !

דאָס טעכטערל האָט ליב טענץ, איין זון האָט ליב „רעסטלינג״, די מאַמע ווידער האָט ליב די קאָמעדיאַנטן, און די אייניקלעך — אַ קינדער־שפּיל.

דרייט איינער אַן די טעלעוויזיע אויף איין סטאַנציע, כאַפּט דער צווייטער און דרייט איבער. קומט אַ דריטער און דרייט ווייטער. וואָס זאָל איך אייך זאָגן ? — ס׳פליען קלעפּ ווי שפּענער, און — ניטאָ אפילו דער מאַן מיטן גלאָק, ווי ביי אַ „פּרייז־פּאַיט״, וואָס זאָל אַ קלונג טאָן און זיי אָפּשטעלן. . .

אַנומעלטן האָבן זיי זיך אַזוי געשלאָגן, אַזש די גלאָז פון דער טעלעוויזיע איז צוזעצט געוואָרן. און וואָס מיינט איר איז געווען דער סוף ? — עס האָט מיך געקאָסט אַכט דאָלאַר אַריינצושטעלן אַ נייע גלאָז.

איך מעג אייך זאָגן, אַז איך ווינטש דעם אויסטראַכטער פון טעלעוויזיע,

ניט צו זיצן אין פּריזאָן, ניט צו האָרעווען אַ טאָג ביי מיין באַלעבאָס אין שאַפּ, ניט צו שטיקן זיך אין דער באַן, ווען עס איז געפּאַקט און דריי מענטשן זאָלן אים שטיין אויף די הינער־אויגן. איך ווינטש אים נאָר צו זיין אַן אָוונט ביי מיר אין הויז און הערן די קולות און געוואַלדן — „שאַ, שטיל זאָל זיין!“, און אַלע ווילן זאָל ער כאַפּן די פּעטש, וואָס פליען פון איינעם צום צווייטן...

אַמאָל וויל איך אַנטלויפן צו אַ מיטינג, הערן אַ וואָרט, כאַפּן אַ שמועס. איז אָבער אויך דאָ טרעפט מיר דער אומגליק... ביי איינעם ענדיגט זיך די פּראָגראַם ניין אַזייגער, קומט ער צום מיטינג האַלב נאָך ניין. ביי איינעם ענדיגט זיך האַלב נאָך ניין, קומט ער צען אַזייגער. אַנדערע ווידער פאַלן אַריין טאַקע האַלב נאָך צען און עלף. היינט גיי פּיר אַ מיטינג, אַז זעקס אינדערפרי דאַרף מען אויפשטיין אָדער צו דער אַרבעט, אָדער צו זוכן אַרבעט.

איך זאָג אייך, עס קומט אויס ניט אַנדערש, אַז די סאָסייעטי זאָל קויפן ניין טעלעוויזיעס און צעטיילן די סאָסייעטי אין ניין באַזונדערע צימערן, און אַנאָנסירן: קומט אין צייט זען טעלעוויזיע. דאַן, זעט איר, וועלן שוין די מיטגלידער קומען אין צייט צום מיטינג...

וואָס דאַרפט איר מער? איך בין אַנומעלטן געווען צו אַ חתונה, האָט עפּעס, אַ גלאָוונער מחותן זיך פאַרשפּעטיגט אויף אַ גאַנצער שעה. אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען ווי אָן קעפּ. ווער ווייסט וואָס ס'איז געשען? נאָר געשען איז אַ קליניגקייט: איינער פון דער פאַמיליע האָט געלאָזט וואַרטן ביז עס וועט זיך ענדיגן עפּעס אַ „קוויז שאָ“, דאַן האָט מען פאַרדרייט די טעלעוויזיע און געפאָרן טאַנצן...

אַז מיר רעדן שוין וועגן דעם, מוז איך אייך איבערגעבן וואָס מיינער אַ סאָסאַיעטי ברודער האָט מיר דערציילט.

ער, דער סאָסאַיעטי ברודער, איז געגאַנגען מבקר־חולה זיין, באַזוכן, הייסט עס, אַ קראַנקן מיטגליד. האָט ער זיך אַרויפגעשלעפּט אויפן פערטן עטאַזש, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אָנגעקלאַפּט אין טיר.

מ'האָט אָן עפן געטאָן די טיר, אים אַריינגעלאָזט אין דעם פינצטערן צימער וואו אַ טעלעוויזיע האָט געקלאַפּט אויף אַלע כלים, גלייך האָט מען אים אונטערגערוקט אַ בענקל און אָנשטאָט אַן „האַלאָו“ האָט זיך דערהערט אַ פאַראייניגטער „שאַ“ פון אַלע געסט.

מילא, שאַ, איז שאַ! האָט ער זיך אויך אוועקגעזעצט קוקן אין „קעסטל“ אַריין. איז ער אַזוי אָפּגעזעסן אַ שעה און אַ האַלב, ביז ענדלעך האָט זיך געענדיגט די שפּיל. עס איז געוואָרן ליכטיג אין הויז און — אַז ער האָט אַ פרעג געטאָן אויפן קראַנקן, וואָס ער מאַכט, האָט מען אים געענטפערט, אַז

דער קראַנקער וואוינט גאָר אין דעם צווייטן הויז און וואָס ער מאַכט ווייסן זיי ניט...

דער סוף איז געווען, אַז אַנשטאָט ער זאָל האָבן אַ גרוס פון קראַנקן, איז ער אַליין אַוועק מיט אַ קאָפּ־ווייטאָג פון זיצן אין געפּאַקטן צימער מיט מענטשן אָן אַביסל פרישער לופט...

און אַ לאַנדסמאַן מיינער דערציילט מיר, ווידער, אַזאַ מעשה: עס האָט זיך אים פאַרבענקט צו רעדן מיט די קינדער און אייניקלעך, וועלכע געפינען זיך אַ פּאָר טויזנט מייל ווייט. מאַכט ער די נויטיגע פאַרבינדונג און זיין אייניקל יצחק־דודל ענטפערט דעם טעלעפאָן. מיין לאַנדסמאַן האָט נאָך ניט באַוויזן צו פרעגן וואָס מאַכן אַלע אין געזונט, ווי דאָס אייניקל צעשרייט זיך: „זיידע, מאַך עס גיכער!"

ענטפערט אים דער זיידע: „יצחק־דודל, זאָרג זיך ניט, איך האָב נאָך געגנוג קוואָדערס אָנגעגרייט און איר קאָנט אַלע רעדן מיט מיר".

אָבער דאָס אייניקל האָט אויף גיך אַריינגעשריען אין טעלעפאָן: „זיידע, עס איז איצט אינמיטן פון אַ פּראָגראַם אויף דער טעלעוויזיע, רוף אַ צווייטן מאָל!" — און האָט אויפגעהאַנגען דעם טעלעפאָן אָן אַ זיי־געזונט.

וואָס? איר האָט מיר אויך עפּעס צו דערציילן וועגן אייער נחת פון טעלעוויזיע, וועט איר מיר איצט מוחל זיין און מיר דאָס דערציילן אַ צווייטן מאָל. ווייל באַלד, אָט־אָט, וועט זיין אַ פּראָגראַם, אויף דער טעלעוויזיע, וואָס איך וויל פאַר קיין געלט ניט דורכלאָזן. איר ווילט דאָס אויך זען, טאָ קומט צו מיר... אָבער געדענקט: שאַ זאָל זיין!...

פאַרקרים ניט די נאָז אויב עס געפעלט דיר עפּעס ניט, ווייל אַ צווייטן קאָן ניט געפעלן דיין פאַרקרימטע נאָז...

ווען דו לאַכסט אָפּ פון אַ קאַליקע, באַווייזט עס אַז דו אַליין ביזט עפּעס גייסטיג קאַליע און — מ׳קאָן לאַכן אויך פון דיר...

זיי ניט קיין חסיד און שפּרינג ניט קיין קדוש איידער דו ציילסט אָפּ אַ מנין...

„קולינג־סיסטעם"

די פריידין־פאַמיליע וואוינט אין דריי קליינע צימערלעך אויף אַ דריטן שטאָק. נאָר פּונקט ווי ווינטער האָט ליב דער פראָסט צו זיין אַן אָפּטער באַזוכער אין זייער היים, אַזוי האָט ליב די זון זומער־צייט צו זיין ביי די פריידינס אין הויז אויף וואַקאַציע... און ביז עס ווערט ניט פינצטער רירט זי זיך ניט פון הויז. זי האָט, ווייזט אויס, הנאה פון ברענען זיך און — בראָטן אַנדערע...

אַז דער זומער מיט דער היץ האָבן זיך גענומען יאָווען צו אָפּט צו־גאַסט, האָט די פראַקטישע מיסעס פריידין גענומען זוכן אַ מיטל, וואָס צו טאָן. איבערהויפּט האָט זי פאַרן אויג געהאַט אירע דריי קינדערלעך.

פון פאָרן אין אַ קאַונטרי חלומ'ט מיסעס פריידין אַלע מאָל, אָבער ווייטער פון חלומ'ען גייט עס ניט. זי ווייסט דעם חשבון, וואָס עס מיינט אַרויספאָרן אויף צוויי וואָכן, און ערשט דערנאָך, ווען מ'קומט צוריק און מ'טרעפט די זון צעלייגט אויפן דיוואַן... איז ווידער היים און די היציגע פראַגע איז ניט געלייזט...

מיסעס פריידין איז אַ פראַקטישע פרוי. זי האָט אָפּגערעדט איר מאַן און קינדער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קויפן אַ טעלעוויזיע. זי האָט זיי איבערצייגט, אַז אַ טעלעוויזיע איז נאָר גוט צו האָבן ביי יענעם אין הויז: ווייל איך עפּעס זען, גיי איך אַריין צום שכן. ווייל איך ניט, גיי איך ניט. אָבער אַ טעלעוויזיע ביי זיך אין הויז מיינט טאָג און נאַכט אַלעמענס קינדער און זייערע טאַטע־מאַמעס. און אַז מ'וויל אַראָפּגיין אין גאַס פּאַסט דאָך ניט צו לאָזן די געסט אַליין, מוז מען שוין זיצן אין הויז און אַכטונג געבן, אַז די געסט זאָל ניט פאַר'חלש'ט ווערן, עס זאָל זיין וואָס אין מויל צו נעמען...

— אָבער, — האָט מיסעס פריידין איינגעטענה'ט מיט איר מאַן, — אַ „קולינג־סיסטעם" איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס לוינט זיך שוין צו נעמען אפילו אויף אָפּצאָלן.

זי גיט אים גלייך אַ רעכן אויף די פינגער: ניט פאָרן אין קאַונטרי — האָסטו איינס אַוועק; ניט גיין אין די מואוויס איז צוויי אַוועק; ניט פאָרן זיך באָדן איז דריי אַוועק, און ניט דאַרפן לויפן אין „קענדי־סטאָר"

אַלע ווילע זיך אָפּקילן איז פיר אַוועק. און אַט אַזוי קאָן מען אויסצאָלן אַ „קולינג־סיסטעם" אין הויז איינס־און־צוויי...

— איצט שטעל זיך פאָר דעם פאַרגעניגן, — ווערט זי שוין באַגייס־טערט פון איר קלוגן פּלאַן, — ווען אַלע מענטשן צעגייען פון היץ, זיצן מיר זיך אין הויז און ס'איז קיל, אַ מחיה, כאַטש נעם טו אָן אַ סוועטער.

פאַרשטייט זיך שוין, אַז די מיסעס פריידין האָט איבערצייגט איר מאַן צו קויפן אַ קולינג־מאַשין.

איצט שטעלט אייך פאָר ווי גליקלעך עס האָבן זיך געפילט די קינדער־לעך, ווען אין אַ הייסן טאָג האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין הויז צוויי אַרבעטער, באַלאָדן מיט די נויטיגע געצייג. זיי האָבן אַרויסגעטאַשטשעט אַ גרויסן קאַסטן, פון וואַנען זיי האָבן אַרויסגעפּאַקט דאָס „ווינטערל" אין אַ זומער־טאָג — און זיך גענומען צו דער אַרבעט, איינצושטעלן דעם „קולינג־סיס־טעם" ביי די קינדער אין צימער.

אַזוי האָבן זיי אָפּגעשוויצט עטלעכע שעה, פאַרשטאָפּט יעדעס שפּעל־טעלע אין פענצטער, פאַרמאַכט די טיר און — מיט איין דריי אַ קנעפּל האָט די מאַשין גענומען בלאָזן פון זיך ווי אַן „אַלראַיטניק" אין מזרח־וואַנט...

די קינדערלעך האָבן גלייך געגעבן צו וויסן זייערע שכנ'ישע קינדער, אַז מ'וועט זיך שוין קאָנען שפּילן אַ גאַנצן טאָג אין הויז...

די שכנ'ישע קינדער האָבן שוין אויך געבראַכט זייערע פריינט פון אי־בערן וועג און די קינדערלעך האָבן געלאָזט וויסן זייערע מאַמעס, אַז זיי געפינען זיך ביי די פריידינס און די מאַמע זאָל זיי אַרויפברענגען דעם מי־טאָג. פאַרשטייט זיך, אַז די מאַמעס האָבן שוין מיטגענומען אויך עפּעס וואָס צו קייען פאַר זיך און פאַרברענגען אַביסל אין דער קאַלטער אַטמאָספערע...

עס האָט לאַנג ניט גענומען, ווי אַלע שכנים האָבן זיך דערוואוסט פון דעם „ווינטערל" ביי די פריידינ'ס אין הויז. די ערשטע פּאָר טעג איז מען דאָס געקומען אָנקוקן פון נייגעריגקייט, זען ווי דאָס אַרבעט און וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס האָט אויף דער היץ. שפּעטער איז מען שוין טאַקע געקומען זיך אַביסל אָפּצוקילן...

עס האָט לאַנג ניט גענומען ווי אַלע שכנים האָבן זיך דערוואוסט פון דעם „ווינטערל" ביי די פריידינ'ס אין הויז. די ערשטע פּאָר טעג איז מען דאָס געקומען אָנקוקן פון נייגעריגקייט, זען ווי דאָס אַרבעט און וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס האָט אויף דער היץ. שפּעטער איז מען שוין טאַקע געקומען זיך אַביסל אָפּצוקילן...

איין שכנה פלעגט אַריינברענגען איר פּיצעלע קינד אויף איין האַנט

און אַ טעפּעלע מיט שפּייז אין דער צווייטער און פּלעגט דערביי זאָגן: „זאָל דאָס אייך טאַקע נאָר זיין צו מצווה, וואָס איר ראַטעוועט מיין קינד. ביי אייך עסט דאָס און אין הויז מעג איך פּלאַצן, וויל דאָס ניט פאַרזוכן...״

אַ צווייטע מאַמע פּלעגט אַריינשיקן איר קליין טעכטערל בייטאָג זיך צו שפּילן, און אין אָוונט פּלעגט זי אַריינקומען מיט דער גרעסערער מיידל, וועלכע גייט אין זומער־סקול — צו מאַכן אירע לעסאָנס. זי פּלעגט אַלע מאָל צולייגן:

„אַז מיין טעכטערל גייט אַריין צו אייך, פאַרגעסט זי אַז דאָס איז זומער־סקול און דאַרף ניט שוויצן איבער איר לערנען״.

צווישן די שכנים איז אפילו געקומען איינע בעטן אַ קליינע טובה: אַזוי ווי איר טאָכטער, אַן ערשטלינג, דאַרף געלעגן ווערן, וויל זי, אַז די פריידינס זאָלן אויסבאָרגן דאָס בעט אין „בעדרום״ וואו דער „קילער״ געפינט זיך — פאַר איין וואָך צייט, ביז איר טעכטערל וועט געלעגן ווערן...

אַ מאַן, ווידער, וואָס ליידט פון אַסטמע, פלעגט אין אין די שווערע הייסע נעכט אַריינקומען אַביסל אונטערזיצן, ווייל דאָס הוסטן, זאָגט ער, קומט אים אָן אַ סך גרינגער מיט אַ „קולינג־סיסטעם״.

מילא, פון די קלייניגקייטן וויל איך אייך שוין ניט דערציילן: ווי אַ גאַנצן אָוונט דאַרף די מיסעס פריידין מאַכן הייסע טיי און הייסע קאַווע. אַנדערע ווילן גלאַט פּאַוויאַרקע, אַבי זיך אַביסל דערוואַרעמען פון דעם קליינעם „ווינטערל״, וואָס געוועלטיגט אין הויז...

און געוויס איז דאָס אויך פון די קלייניקייטן, וואָס אַלע שלעפּן די שטולן פון פראָנט־רום אין בעדרום אַריין צו האָבן אויף וואָס צו זיצן, ווען די פריידינס אַליין דאַרפן שטיין אין קיך און צוגרייטן וואָס אַ באַש צו טאָן...

זעט איר, די פראַגע עגבערט שוין יאָ אַביסל דעם מוח פון די פריידינס: וואו נעמט מען אַ פּלאַץ צו שלאָפן פאַר די קינדער?

אין בעדרום ביים „קילער״ זיצן די געסט ביז איינס און צוויי אַזייגער, ווען די קינדערלעך צעלייגן זיך שלאָפן, וואו די קעפּעלעך פאַלן אַוועק...

נאָר אויב איר דענקט, אַז בלויז מיסעס פריידין איז פּראַקטיש, — מעגט איר זיך אויך פאַרלאָזן אויף איר מאַן... ער האָט סוף־כל־סוף אויסגעפונען דעם בעסטן וועג ווי צו מאַכן, אַז די געסט זאָלן פּונקט צען אַזייגער אַרויס פון הויז, ווייל פּונקט צען אַזייגער פּלאַצט פּלוצלונג דער „פיוז״ און די עלעקטריק הערט אויף צו אַרבעטן. דאַן, — זאָגט מיסטער פריידין, — ווערט אונז ליכטיג אין די אויגן און מיר פילן אַ דערפרישונג אין הויז. ס'איז ווידער הייס, אָבער אַ מחיה — די שכנים צעלויפן זיך...

„אויף אַ רעגנדיגן טאָג״...

ווען מ׳האָט אין שאָפּ אַרום טיש געשמועסט ווי אַ מענטש דאַרף זיך פאַרגרייטן „אויף אַ רעגנדיגן טאָג״, האָט יעדער איינער פון די אַרבעטער דאָס באַנומען אויף אַן אַנדער אופן. איינער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט זיך פאַרגרייטן מיט אַ פּאָר דאָלאַר אויף סלעק־צייט, ווען ס׳איז ניטאָ קיין אַרבעט און שפּעטער, אויף די עלטערע יאָרן, האָבן פאַר׳ן לעבן אָדער — אויף קרקע...

אַ צווייטער האָט פאַרטייטשט, אַז צו פאַרגרייטן זיך אויף אַ רעגנדיגן טאָג, מיינט אויסקעמפן דורך דער יוניאָן, אַז מ׳זאָל איינפירן אין פאַך אַזוינע באַדינגונגען, וואָס זאָלן געבן זיכערקייט דעם אַרבעטער אויף די עלטערע יאָרן: זיין פאַרזאָרגט מיט אַ שטיקל ברויט און אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ.

אַ דריטער האָט אָנגעוויזן, אַז אַ מענטש דאַרף באַלאַנגען צום „בלו־קראָס״, „בלו שילד״, די „היפּ״, אַ בענעפיט־סאָסאַיעטי אָדער אַן אָרדן.

גאַנץ אַנדערש האָט אָבער באַטראַכט מיכל פּוזע דעם ענין, ווי אַ מענטש דאַרף זיך פאַרגרייטן אויף אַ רעגנדיגן טאָג. פאַר אים האָט דאָס געמיינט פּראָסט פּשוט: פאַר אַ רעגן דאַרף מען האָבן אַ רעגן־מאַנטל, קאַלאָשן און אַ רעגן־שירעם. מיט די דריי נויטיגע זאַכן איז מען שוין באַוואָרנט ניט נאָר פאַר אַ רעגן, נאָר אפילו פאַר אַ שטורעם, פאַר אַ שניי און אַ זאַווערוכע.

האָט טאַקע מיכל פּוזע זיך פאַרזאָרגט אויף אַ רעגנדיגן טאָג. ער האָט איינגעהאַנדלט ניט איין רעגן־מאַנטל, נאָר גאַנצע דריי. קאַלאָשן האָט ער זיך אָנגעקויפט עפּעס אַ האַלבן טוץ מיט אַמאָל, און רעגן־שירעמס אַן אַ צאָל...

מיכל פּוזע איז, ווייזט אויס, אַ פּראַקטישער מענטש, האָט ער זיין „פאַרטיידיגונגס־אַרמיי״ געשטעלט אויף סטראַטעגישע פּאָזיציעס, אַזוי אַז ער זאָל זיין „באַשירעמט״ ווען און וואו עס איז נאָר נויטיג.

איצט, האָט ער פאַרזיכערט אַלעמען, איז ער אויסגעהיט פון פאַרקילונג, גריפּ, פלו און אַנדערע אָנשיקעניש, ווייל איצט איז ער ענדלעך באַוואָרנט אויף אַ רעגנדיגן טאָג.

איין רעגן־שירעם, אַ פּאָר קאַלאָשן און אַ רעגן־מאַנטל האָט ער געבראַכט אין שאָפּ אַריין, ווייל עס קען דאָך טרעפן, אַז ווען ער גייט אין שאָפּ אַריין

זאָל שיינען די זון, און ווען ער גייט אַהיים, זאָל גיסן ווי מיט עמערס אָדער עס זאָל פאַלן אַ שניי, ווי פעדערן פון אַ צעריסענער פערינע.

אַ צווייטן רעגן־מאַנטל, אַ פּאָר קאַלאָשן און אַ רעגן־שירעם האָט ער געבראַכט צו דער שוויגער, ווייל אין ערגעץ קומט ער ניט אַזוי אָפט ווי צו דער שוויגער צו גאַסט. ער האָט ליב אירע פיש, איר באָרשט און כמעט אַלץ וואָס זי שטעלט צום טיש. ווייל ער זיין זיכער, אַז אין פאַל פון אַ רעגן צי אַ שטורעם זאָל ער קענען זיצן רואיג ביי דער שוויגער און הנאה האָבן פון אירע מאכלים.

אַ דריטן געשפּאַן פּאַר אַ רעגן האָט ער געלאָזן אין דער היים, ווייל עס קען דאָך טרעפן, אַז פּונקט ווען ער דאַרף גיין אין שאָפּ אַריין אָדער צו דער שוויגער, זאָל זיך צעגיסן אַ רעגן און ער זאָל ניט קענען אַרויסשטעקן אַ פוס אין גאַס.

ער האָט ווידער אויך אויסגערעכנט, אַז אָפט זיצט ער שפּעט ביי זיין פריינט בענטי קאַלפאַק צוליב אַ פינאַקל־געים און עפּעס אַלע מאָל מאַכט זיך אַזוי, אַז ווען ער נעמט זיך שוין קליבן אַהיים הויבט אָן פליוכען אַ רעגן, און מ׳מוז אָנפאַנגען שפּילן פון דאָס ניי.

פּאַסירט אין פרימאָרגן, ווען מיכל האָט זיך גענומען גרייטן צו גיין אין שאָפּ אַריין, אַז ס׳האָט זיך צעלאָזן אַ רעגן ווי אַ שפּריץ. האָט מיכל זיך אַליין אַ קניפּ געטאָן אין בעקל: ס׳איז גוט, אַז מ׳האָט שכל און מ׳פאַרגרייט זיך פּאַר אַ רעגנדיגן טאָג.

ער האָט אויף גיך אַרויפגעכאַפּט זיין רעגן־מאַנטל, אָנגעטאָן די קאַלאָשן און זיך באַשירעמט מיט׳ן שירעם. אַזוי איז ער געקומען אין שאָפּ אַריין און האָט געלאַכט פון די אַנדערע אַרבעטער, וועלכע זיינען געקומען נאַסע און אויסגעווייקטע.

פאַרנאַכט, ביים אַהיים גיין, האָט די זון ביים פאַרגיין געברענט צונטער רויט. די לופט איז געווען וואַרעם. מיכל האָט געוואָרפן אַ בליק דורכ׳ן פענצטער און באַשלאָסן, אַז קיין רעגן וועט ניט זיין, איבערהויפּט ווען ער דאַרף פאָרן צו דער שוויגער אויף וועטשערע. האָט ער איבערגעלאָזן זיין רעגן־געשפּאַן אין שאָפּ און איז אַ פאַרשוויצטער געלאָפן צו דער שוויגער.

ביי דער שוויגער האָט ער זיך מחיה געווען מיט דעם קאַלטן שטשאַוו, מיט די געראָטענע קנישעס און די געבראָטענע פיש. נאָר מיטאַמאָל דער־הערט ער ווי עמיצער וואַלט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. ער גיט אַ קוק: אַ שטורעם־רעגן וואַשט די פענצטער, און דאָ הויבט עס אָן דונערן און בליצן.

ער איז אָבער באַלד צו זיך געקומען און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן

צו זיין פרוי, וואָס איז אויך געקומען מיט די קינדער צו דער מאַמען אויף וועטשערע:

„זעסט ווי גוט עס איז, ווען אַ מענטש האָט שכל און איז פאַרגרייט אויף אַ רעגנדיקן טאָג?... איך האָב דאָך דאָ אַ רעגן־מאַנטל, קאַלאָשן און אַ רעגן־שירעם!"

„יאָ, — זאָגט די פרוי פאַרזאָרגט, — דו ביסט באַשירעמט, אָבער איך מיט די קינדער, ווייזט אויס, וועלן שוין טרוקן ניט אָפּשניידן".

„ניט געזאָרגט", באַרואיקט איר מיכל פוזע, „איך וועל טראָגן דעם רעגן־מאַנטל איבער׳ן קאָפּ און דו מיט די קינדער וועלן האָבן דעם רעגן־שירעם".

ווען זיי זיינען אַלע געקומען אַהיים, נאַס ווי נאָך אַ באָד, איז ער דאָך געווען מער ווי צופרידן וואָס ער האָט געהאַט צו דער האַנט דעם רעגן־געשפּאַן און זיך מער־וויינציגער באַשיצט פון׳ם רעגן.

אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע וואָכן.

מיכל פוזע האָט דורך דער צייט פאַרלאָרן זיין קאָנטראָל און ניט געוואוסט אקוראַט, וואו עס געפינט זיך זיין באַוואָרעניש פאַר אַ רעגנדיקן טאָג.

איין אויפדערנאַכט, ווען ער איז אַזוי געזעסן ביי זיין סאָסאַיעטי, וואו מ׳האָט דיסקוטירט ווי אַזוי די אָרגאַניזאַציע דאַרף זיך פאַרגרייטן „אויף אַ רעגנדיקן טאָג", האָט ער זיך צעלאַכט מיט דעם ריכטיגן געלעכטער: „איר דאַרפט זאָרגן וועגן דעם, אָבער ניט איך. איך בין באַזאָרגט און באַשירעמט". און אַזוי איז ער אַוועק אָן אַ גוטע נאַכט.

איין גאַס האָבן אים, ווי אויף צו׳להכעיס, באַגעגנט גרויסע וואָלקנס, וועלכע האָבן גלייך צעעפנט זייערע מיילער און גענומען פליוכען ווי מיט עמערס.

דאָס ערשטע איז אים געקומען אויפ׳ן געדאַנק צו לויפן צו בעני׳ן, ווייל צו בעני׳ן איז דאָך ניט ווייט, און דאָרט האָט ער איינעם פון זיינע רעגן־מאַנטלען, אַ פּאָר פון זיינע קאַלאָשן און אַ רעגן־שירעם.

ניט טויט, ניט לעבעדיג איז בעני קאַלפּאַק אַרויסגעלאָפן, געעפנט די טיר און זיך צעשריען:

„מיכל, וואָס טוסטו דאָ אין אַזאַ רעגן?"

„אָט טאָקע וועגן דעם בין איך דאָ", האָט ער זיך געווישט די נאַסקייט פון פּנים, „איך דאַרף גיין אַהיים, וויל איך ניט ווערן אויסגעווייקט, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב זיך פאַרזאָרגט ביי דיר אויף אַ רעגנדיקן טאָג".

„ביי מיר?", האָט זיך בעני צעלאַכט, „דו האָסט דאָך שוין דיינע קאַ־לאָשן מיט׳ן רעגן־מאַנטל צוגענומען נאָך מיט וואָכן צוריק".

אַזוי איז מיכל אַוועק אין גאַס־רעגן אַהיים און אַריין איז ער אין הויז ווי אַן אויסגעווייקטער האָן.

דאָס מאָל האָט מיכל פּוזע זיך אַוועקגעלייגט איט בעט אַ פּאַרקילטער — מיט אַ גריפּ און מיט אַ הוסט. שפּעטער איז אונטערגעקומען אויך אַ לונגען־אַנטצינדונג.

ווען לאַנדסלייט פון דער סאָסייעטי זיינען אים געקומען מבקר־חולה זיין און האָבן דערזען ווי קראַנק ער איז, האָבן זיי אַ פרעג געטאָן ביי דער פרוי:

„באַלאַנגט ער ערגעץ צום „בלו שילד", „בלו־קראָס", צום „היפּ", אָדער צו אַ מעדיקל דעפּאַרטמענט?"

„ניין", האָט די פרוי געענטפערט.

„אָבער ווי אַזוי פאַרלאָזט זיך דאָס אַ מענטש, היינטיגע צייטן, אויף נסים און באַזאָרגט זיך ניט אויף אַ רעגנדיגן טאָג", האָבן די לאַנדסלייט געפרעגט מיט פאַרדראָס.

דאָס ווייב האָט געשוויגן, נאָר מיכל פּוזע האָט מיט זיינע לעצטע כוחות געמורמלט:

„כ'האָב דריי רעגן־מאַנטלען, דריי פּאָר קאַלאָשן און אפשר צען רעגן־שירעמס, היינט גיי ווייס, אַז איך וועל האָבן אַזאַ באַד...

דער מענטש, וואָס שפּרינגט פון דער הויט, רייסט ניט די שיך — נאָר זיך...

מיטן גרעסטן טאָפּ קרעפּלעך, אין חלום, קאָן מען זיך ניט איבערעסן...

זיינס אַ קוקעלע — איז אַ געפּאַר אַנצוקוקן...

ער איז אַזוי פּראָסט, ווי אַ ניט־געהובלטער ברעט מיט קרומע סענקעס...

ער האָט אַ שאַרף אויג, ווי אַ משגיח איבער ראַזיר־מעסערלעך...

ער האָט ליב צו עסן פאַר דריי, נאָר האָט פיינט צו בענטשן אין מזומן...

„באַרגנס״...

ווער עס זוכט צו פאַרברענגען אַ פרייע שעה אין לייענען אַ בוך, גייט צו אַ לעקציע, באַלאַנגען צו אַן אָרגאַניזאַציע און זיך אויסלעבן געזעלשאַפט־לעך און קולטורעל. און ווער עס זוכט אַ גוטן קאָנצערט, אַ פיינע טעאַטער־פאָרשטעלונג אָדער אַ שפּאַציר איבער אַ מוזיי.

אָבער די מיסעס דוואָשקין, — זי זוכט טאָג און נאַכט בלויז „באַרגנס״. אין אַ צייטונג אינטערעסירט איר ניט די נייעס, אָדער אַרטיקלען. פאַר איר דינען צייטונגען נאָר איין צוועק, צו לאָזן וויסן וואו און וואָס עס ווערט פאַרקויפט, וואו עס געפינען זיך די „באַרגנס״, „סעילס״, מציאות און „ספּעשלס״...

זי קויפט אַלע צייטונגען. זי מישט די בלעטער און זוכט, זי זוכט... „באַרגנס״...

שערט זי זיך אָן אַ פּאַק מיט אַדרעסן פון געשעפטן, דעפּאַרטמענט־סטאָרס און מאַרקעטס, וואו עס קומט פאָר אַ „באַרגן־סעיל״, „פייער־סעיל״ אָדער עפּעס אַן אַנדער „סעיל״, וואָס מען מוז אַריינכאַפּן נאָר היינט, ווייל טאָמער קומט איר ניט באַלד, קאָנט איר נאָך חלילה פאַרשפּעטיקן און גאָר־ניט קריגן, ווייל מ׳שטייט שוין און מ׳כאַפּט שוין...

זי פּילט אָן איר גרויסן טייסטער מיט די אויסשניטן פון די צייטונגען. נאָר איידער זי לאָזט זיך אַרויס אויף „יאַגד״, באַוואָרנט זי די קלענערע קינדער און זאָגט זיי אָן ניט צו פאַרגעסן זיך אַריינצוכאַפּן אין „לאָנטשאָ־נעט״ עפּעס איבערצוכאַפּן. די גרעסערע, וועלכע אַרבעטן שוין, ווייזט זי אָן וואו מ׳גיט היינט „ספּעשלס״, אין דער און דער קאַפעטעריע, וואו מ׳קריגט היינט צו אַ גאַנצן מאָלצייט, „פריי״ אַ זופּ, אָדער אייז־קרים.

מיסעס דוואָשקין פאַרגעסט אויך ניט איר מאַן און זאָגט אים אָן, ספּעציעל יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, ווען די קראָמען זיינען אָפן ביז שפּעט אין אָוונט, אַז ער זאָל זי אָפּוואַרטן אין דעם און דעם רעסטאָראַן צו העלפן איר טראָגן די פּעקלעך וואָס זי וועט איינקויפן.

די מיסעס דוואָשקין קאָן זיך גאַרניט אָנלויבן פון דעם קלוגן איינפאַל פון די געשעפטסלייט, וועלכע גיבן די געקויפטע זאַכן פאַר עטלעכע טעג צו נעמען אַהיים אויף פּראָבע, צו מעסטן, קלייבן און באַשטימען וואָס צו קויפן און וואָס צוריקצוקערן.

ברענגט זי אין הויז כמעט יעדן טאָג עטלעכע קליידער, מאַנטלען, שיך,

היטלען, בלוזעס, און אַנדערע זאַכן. זי נוצט אויך אויס דאָס, וואָס מאַנכע דעפּאַרטמענט־סטאָרס שטעלן צו די געקויפטע זאַכן אין הויז אַריין און נע־מען דאָס אויך צוריק אויב עס געפעלט עפּעס ניט. גיט זי טאַקע אָרדערס אויף פאָנאָגראַף־רעקאָרדס, מאַטראַצן, טעפּ, פאָרהאַנגען, און — וואָס ניט?...

זי שפּילט די ראָלע פון אַן אַלראַיטניצע. זי לאַכט פון אירע שכנים, וועלכע פאַרשווענדן זייער צייט אויף דעם קאַמף פאַר פרידן, געגן יקרות, העלפן בויען שולן, אַראַנזשירן לעקציעס.

פאַר איר, דער מיסעס דוואָשקין, איז די גרעסטע פרייד אין לעבן, „באַרגנס". זי צעגיסט זיך פון נחת, ווען מ׳קלינגט דאָס גלעקל און מ׳פרעגט: וואוינט דאָ מיסעס דוואָשקין? זי שטעקט דאַן אַרויס דעם קאָפּ פון פענצטער און קוקט צי די שכנים זעען, ווי מ׳טראָגט שוין ווידער צו איר נייע פּעקלעך, שאַכטלעך און קעסטלעך. זי ווערט ברייטער ווי לענגער ווען זי דערציילט אַ שכנה, אַז זי האָט זיך היינט געקויפט דריי קלײדלעך, אַ פוטער־מאַנטל און פיר פאָר שיך...

אָפט פּאַסירט, אַז עס שטעלן זיך אָפּ לעבן הויז דריי וועגענער פון דריי פאַרשידענע דעפּאַרטמענט־סטאָרס און מ׳טראָגט טעלעוויזיעס, ראַדיאָס, פאָ־נאָגראַפס און וואָזעס... זי שטייט אַ צעהיצטע ביים אַריינגאַנג און וואַרפט זיך אַזוי אין די אויגן, אַז קיינער זאָל חלילה ניט פאַרפעלן צו זען, אַז וואָס מ׳טראָגט און מ׳שלעפּט איז אַלץ פאַר דער מיסעס דוואָשקין.

די שכנים קוקן זיך איבער, לאַכן אין די הויפנס און ווייסן, אַז דאָס וואָס מ׳האָט היינט געבראַכט — וועט מען מאָרגן נעמען צוריק...

שוין וואָכן אין פאָראויס, פאַר יעדן יום־טוב, קלאַפּט זי זיך אָפּ די צונג און די טירן פון די שכנים, דערציילנדיק זיי, וואָס זי וועט אַלץ איינהאַנדלען.

מיט דעם קומען פון פרילינג, ווי נאָר עס ווייזן זיך די ערשטע שוואַלבן, איז די מיסעס דוואָשקין די ערשטע שוואַלב אין די קראָמען צו איינהאַנדלען פאַר׳ן זומער... אַלערליי פאַסאָנען פון באַד־קאָסטיומען, באַד־שיך, זון־גלע־זער, מכשירים פאַר זומער־שפּייז, ביטש־שטולן און זומער־היטעלעך. דער זומער גייט אַוועק, זי זעט ניט אַן אפילו דעם ביטש, נאָר זי ברענגט און טראָגט און שיקט צוריק נייע און נייע זאַכן פאַר׳ן זומער.

און אַז עס קומט אונטער דער ווינטער, פעלט דאָך אַוודאי ניט דער מיסעס דוואָשקין וואָס צו קויפן. זי קויפט קאָלדרעס, קישנס, וואַרעמע זאָקן, סוועטערס, וואָלענע וועש. מאָנטאָג ברענגט זי און דינסטאָג טראָגט זי צוריק; מיטוואָך איינגעהאַנדלט און — דאָנערשטאָג אָפּגעשיקט...

די שכנים וואונדערן זיך אָפט, ווי קען זי דאָס באַווייזן „אויסצוהאַלטן"

פון זייער קליינעם קרעמל — אַזוי פיל דעפּאַרטמענט־סטאָרס ?...

לעצטנס האָבן זיך די שכנים גענומען שושקען און איבערעדן איינע צו די אַנדערע, אַז עפּעס מוז זיין ניט גלאַט מיט די דוואָשקינס, אָדער מיט זייער קרעמל: ס׳איז שוין וואָכן, ווי מ׳זעט ניט די מיסעס דוואָשקין פאָרן און שלעפּן פּעקלעך, און מ׳זעט אויך ניט מער די גרויסע וועגענער ביי מיסעס דוואָשקינ׳ס טיר, וואָס זאָלן ברענגען און קומען אָפּנעמען די פּעק־לעך און קעסטלעך...

אָבער דורך קליינע שפּאַרעלעך איז סוף־כל־סוף אויסגערונען דער סוד און איז ווי שלח־מנות צעטראָגן געוואָרן צו די שכנים אין גאַס.

די מיסעס דוואָשקין האָט זיך לעצטנס גענומען באַקלאָגן, אַז מיט יעדן טאָג ווערט ערגער און ערגער, עס ווערט פּשוט געפערלעך אַריינצוגיין אין אַ רעסטאָראַן, אַ קאַפעטעריע, אָדער אַ לאַנטשאָנעט איבערצוכאַפּן עפּעס, שוין ניט רעדן פון אַ פולן מאָלצייט, און ווער רעדט נאָך פון אַריינגיין עסן מיט׳ן מאַן און פאַמיליע אין אַ רעסטאָראַן ?...

אַ טעפל שוואַרצע בלאָטע, קלאָגט זי זיך, וואָס מ׳רופט קאַפע, קאָסט 10 סענט. אַ בייגל, האָט זי סאַרקאַסטיש באַמערקט, וואָ ס׳איז אַזוי קליין, אַז דער בעקער האָט ניט וואו צו מאַכן דאָס לעכל — קאָסט 15 סענט. אַ טעלער זופּ, וואו מ׳דאַרף אַ פישער מיט אַ ווענטקע צו כאַפּן אַ לאָקש אָדער אַן אַרבעס — קאָסט 30 סענט. עס ווערט דאָך פּשוט אַ געפאַר אַרויסצוגיין פון הויז, האָט זי געהאַלטן אין איין איבעררעדן, און ענדלעך איז די מיסעס דוואָשקין שוין גאָר אינגאַנצן אַרויס פון די כלים, די העכערונג אויף „קאַר־פעיר" האָט איר איבערגעריסן דעם לעצטן פאָדים...

איר טרעפט זי איצט ביים הויז שטייענדיג מיט אַ „טאָקען" — דאָס „קאַר־פעיר", — אין האַנט, און שעלט: ברענגען זאָלן זיי ווי דער יקרות. מ׳קען דאָך זיך איצט ניט אַ ריר טאָן פון אָרט...

דאָס שענסטע דערביי איז, ווי די מיסעס דוואָשקין איז איצט פול מיט טענות. זי מאָנט און פרעגט: וואו זיינען דאָס די וואָס לאָזן ניט אַרויס־שטעלן פון די דירות, די וואָס מאַכן גוואַלדן קעגן יקרות, די וואָס נעמען זיך אָן די קריוודעס פון די אָרעמע, די, ווי הייסן זיי — וואו זיינען זיי ? — וואָס שווייגן זיי ?...

אַ פּאָר שכנות קוקן זיך איבער און גיבן אַ שמייכל: זי זוכט שוין ווידער „באַרגנס", אַנדערע זאָלן איר ברענגען אין הויז אַריין און זי זאָל דאָס קאָנען אָפּשיקן... אַנדערע זאָלן טאָן פאַר איר, קעמפן פאַר איר, און זי — זי זאָל נאָר כאַפּן „באַרגנס"...

„דאַרף מען גיין אין קאַלעדזש?״...

וואָס פאַר אַ טעמע מ׳זאָל ניט האָבן באַרירט אין דער היים פון די יאַ־קוליס, האָט מען שטענדיג געהערט צום סוף זייך, יאַקוליס׳, באַסאַווע שטימע מיט אַ חוזק־טאָן: „נו, איך פרעג אייך, דאַרף מען גיין אין קאַלעדזש?״

די טעמע האָט געקענט זיין וועגן זיין פרוי, ווי זי האָט אָפּגעקאָכט אַ געשמאַקן באָרשט, אָדער געמאַכט אַ פּאַלעמיסעק געפילטע פיש. האָט איי־נער געזאָגט — ס׳איז פיין, אַ צווייטער — געשמאַק, אַ דריטער — ס׳איז מלא טעם. נאָר יאַקוליס פלעגט אַ זאָג טאָן זיין באַרימט זאָגעלע: „נו, דאַרף מען גיין אין קאַלעדזש?״.

האָט איינער געקויפט זיך אַ נייעם גאַרניטער, האָט ווער פון דער פאַ־מיליע אַריינגענומען נייע מעבל אין הויז און ווען פריינט האָבן זיי צוגע־וואונטשן צו טראָגן געזונט, נוצן געזונט, האָט יאַקוליס ווי שטענדיג אַ בורטשע געטאָן: „נו, דאַרף מען גיין אין קאַלעדזש?״...

ווען דער לאַנדסמאַן קאַרעש פלעגט קומען אויף אַ באַזוך צו די יאַקוליס אין הויז, האָט זיך יאַקוליס געפילט ווי אין זיבעטן הימל.

מיסטער קאַרעש איז געווען באַקאַנט ביי די לאַנדסלייט מיטן צונאָמען „דער חזיר־סייף״. דעם צונאָמען האָט אים געגעבן טאַקע זיינער אַן אַר־בעטער, וועלכער האָט פאַר אים געאַרבעט אין פאַבריק. און פּאַסירט האָט דאָס אַזוי: איינמאָל איז אַן אַרבעטער שטאַרק קראַנק געוואָרן ביי דער אַרבעט אין זיין שאַפּ, האָט מען זיך געווענדט צו מיסטער קאַרעש, אַז אויך ער זאָל געבן אַ פּאָר דאָלער צו שטייער מ׳זאָל קאָנען דעם קראַנקן אַוועק־שיקן אין אַ סאַניטאַריום. האָט מיסטער קאַרעש זיי געגעבן אַזאַ ענטפער: איך האָב פיינט צו זיין אַ בעל־צדקה אויף יענעמס בייטל... מיין פאַרמעגן האָב איך שוין לאַנג צעטיילט אין מיין צוואה צו מיין פרוי און קינדער, און איך האָב פיינט צו זאָגן זיי דעות וואָס זיי זאָלן טאָן מיטן געלט... און מיין טויטן־בענעפיט, זעט איר, לאָז איך איבער צו דער סאָסייעטי.

אַן אַרבעטער, וועלכער איז געשטאַנען דערביי און דאָס געהערט, האָט אַ זאָג געטאָן: אַזוי זיינען אַלע חזירים — ביים לעבן קאָן מען פון זיי גאָרניט קריגן, אפילו דאָס ביסל חזיר־האָר מוז מען אויך דאָס אויסרייסן

מיט גוואַלד, ערשט נאָך דער פּגירה קריגט מען זייער פּעטס... מיט איין וואָרט, איר זייט אַ „חזיר־סיף״.

און אַז „חזיר־סיף״ איז געקומען צו גאַסט צו די יאַקוליס האָט ער יאַקוליס, ליב געהאַט אָפּצורופן אויך אַנדערע לאַנדסלייט. ערשטנס, זיך צו גרויסן, אַז ער האָט דעם רייכן קאַרעש פאַר אַ גאַסט אין הויז און די הויפּט־זאַך פּלעגט ער ליב האָבן די באַטאַליע, וואָס פּלעגט זיך צעוויקלען צווישן מיסטער קאַרעש און די האַרעפּאַשנע לאַנדסלייט.

פאַרשטייט זיך, אַז עס האָט לאַנג ניט גענומען און עפּעס אַ קאַשע איז שוין געווען פאַרקאַכט...

מיסטער קאַרעש, דער „חזיר־סיף״, פּלעגט גלייך נעמען ציניש וואַרפן רייד און אָפּלאַכן פון אַלץ און אַלעמען. אָבער ניט אַלע מאָל פּלעגט ער אַרויסגיין טרוקן, איבערהויפּט ווען עס איז אַריינגעקומען דער אַלטער מינקין.

אַלע לאַנדסלייט האָבן געוואוסט, אַז קאַרעש קאָן ניט לייענען און שרייבן. אַ צייטונג זעט אויס פאַר אים ווי אַ מאַפּע פון שטערן מאַרס... דאָך האָט ער געבראַקט אין דער קאַשע איין ליגן נאָכן צווייטן, ער האָט גערעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט.

נאָר ווען די לאַנדסלייט זיינען געשטאַנען און געקוועטשט מיט די פּליי־צעס, פּלעגט דער אַלטער מינקין אַ קוק טאָן איבער זיינע אויגן־גלעזער און געשמאַק זיך צעלאַכן: וואָס וואונדערט איר זיך, ווייסט איר ניט, אַז קאַ־רעש קריגט אַלע „שיפּרירטע״ נייעס פון דער וועלט גלייך צו אים אין אָפּיס אַריין...

מיסטער קאַרעש האָט ניט געוואוסט פּינקטלעך וואָס דאָס וואָרט „שיפּ־רירטע״ מיינט, אָבער עפּעס האָט ער פאַרשטאַנען און פּרובירט אויף זיין ציניש אופן דערלאַנגען דעם אַלטן מינקינען. גיט ער זיך אַ זאָג: איך דאַרף ניט לייענען און ניט שרייבן, איך האָב אַ בוכהאַלטערין, זי שרייבט פאַר מיר, לייענט פאַר מיר און רעכנט פאַר מיר. איך האָב אַ דעזאַינער, טראַכט ער אויס מאָדעס פאַר מיר. איך האָב אַ „שאָופער״, פירט ער מיר מיין ליי־מוזין, און אפילו אַריינלייגן דאָס געלט אין באַנק אָדער אַרויסנעמען האָב איך אויך אַ מענטשן, וואָס טוט דאָס פאַר מיר...

אָבער דער אַלטער מינקין בלייבט אים גאַרניט שולדיג און זאָגט אַזוי: איר הערט, מיסטער קאַרעש, צו די אַלע געדונגענע מענטשן וואָלט איר ערשט באַדאַרפט האָבן נאָך איינעם, — איינעם וואָס זאָל צוזאַמענקלעפּן אייערע פּלוידערייען, אפשר וועט זיך קאָנען קלעפּן אַ וואָרט מיט אַ וואָרט און אַ ליגן מיט אַ ליגן...

דאָ איז שוין אויפגעשפרונגען יאַקוליס, מיט זיין באַסאָווער שטימע, מיט זיין חוזק־טאָן, און ווי שטענדיג אַ זאָג געטאָן:

— זאָגט מיר נאָר, ר׳ מינקין, ווער האָט אַ שאַפּ, איר צי מיסטער קאַרעש? נו, פרעג איך אייך, דאַרף מען גיין אין קאַלדעוש?...

נאָר שיין איז געווען, ווען אַ גרופּע מאַמעס זיינען געזעסן און גערעדט וועגן דעם תכלית פון זייערע קינדער.

איין מאַמע דערציילט ווי אַזוי איר זון איז אַוועק אַרבעטן אַלס סאַרווער אין די בערג צו פאַרדינען דורכן זומער אַביסל געלט, צושטייער פאַרן לערנען, האָבן מיט וואָס צו גיין אין קאַלעדזש, און אַ צווייטע מאַמע באַקלאָגט זיך, אַז זי און איר מאַן טוען אַלץ אין דער וועלט צו קאָנען שיקן זייער זון און טאָכטער אין קאַלעדזש. אָבער, ווייזט אָן די מאַמע, די קינדער באַקלאָגן זיך, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז שטאַרק, אַז מ׳נעמט אַריין אידן צו שטודירן איניגע פּראָפעסיעס בלויז לויט אַ געוויסער נאָרמע, און אין אַלגעמיין איז דאָס לערנען זייער אָרעם, מ׳גיט זיך מער אָפּ מיט בריקען דעם באָל מיט די פיס, אײדער עפּעס לערנען מיטן קאָפּ...

אינמיטן די רייד דערציילט אַ מאַמע, אַז זי האָט געלייענט אין די צייטונגען, ווי איינער אַ רעקטאָר האָט געמאַכט אַ פאַרמעגן פון דרייען זיך אַרום די קאַלעדזשעס און אונטערקויפן די בעסטע שפּילער. און דער סוף איז געווען, אַז די סטודענטן האָט מען אַרעסטירט און די שווינדלער מאַכן געלט ווי שטענדיג.

דאָ האָט זיך יאַקוליס אַ גלעט געטאָן איבערן בייכל: מיינע רייד, נו, פרעג איך אייך, דאַרף מען גיין אין קאַלעדזש?...

ער קוקט אין טעלער אַזוי פאַרטיפט, ווי אַ שטערן־זעער אין די הימלען...

מ׳האָט אים אויסגעריסן די אַרבל, אָבער ער איז אַלץ פאַרבליבן מיט אַ וועסט...

שיינע פאַנטאַזיעס קאָן מען גוט זען מיט פאַרמאַכטע אויגן...

אַ סוכה צו פאַרדינגען...

מיסטער גאַלון איז געווען פון די פראַקטישע געשעפטסלייט, וואָס האָט געוואוסט דעם קונץ ווי צו מאַכן פון אַ דאָלער צוויי...

ווען ער איז אַריין אין די ריעל־עסטעיט געשעפטן האָט ער פאַרדונגען קאַטוכן און איינגעמאַנט פאַר דעם גאַנץ פיינע דירה־געלט.

אָנגעהויבן האָט ער די געשעפטן מיט אויפקויפן איינגעפאַלענע „שענטיעס", „הואווערוילס", ער פלעגט אַריינשטעלן אַ צעבראָכן איזיועלע, אַן אַלטן אייז־קאַסטן, און פלעגט אַנאָנסירן: צימערן צו פאַרדינגען מיט אַלע איינריכטונגען...

ווען מיסטער גאַלון האָט פאַרענדיגט בויען דאָס ערשטע גרויסע הויז פון עטלעכע עטאַזש, און האָט אַריינגעקראָגן אַריבער הונדערט שכנים, האָט ער גלייך איינגעפירט אייגענע געזעצן און אייגענע פאַראָנדקעס...

אַלע טאָג פלעגט אים אויסקומען צו גיין אין די געריכטן זיך לאָדן מיט די שכנים, אָבער ער האָט שוין געוואוסט, וואו אַ טיר עפנט זיך און וואו מ'קען אַ טיר פאַרקלאַפּן...

די שכנים האָבן שוין געוואוסט, אַז פאַר אַריינקלאַפּן אַ טשוועקל אין וואַנט קען מיסטער גאַלון'ען איינפאַלן צו העכערן דעם רענט.

דורך שילדן האָט ער געלאָזט וויסן, אַז פאַר האָבן אַ טעלעוויזיע, קאָסט געלט, פאַר אַ וואַש־מאַשין אַ דאָלאַר מער, פאַר לאָזן עמיצן איבערשלאָפן אין הויז, מוז ער קריגן דריי דאָלאַר אַ נאַכט.

ווען ביי אַ שכן האָט חתונה געהאַט אַ קינד און מ'האָט אַריינגענומען דעם איידים אָדער שנור צו זיך, האָט ער שוין געקראָגן דעם דרשה־געשאַנק — אין געשטאַלט פון העכערן דירה־געלט... און ווען ביי אַ שכן איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, איז גלייך אַרויפגעשרויפט געוואָרן דער רענט: פאַר איין קינד — דריי דאָלאַר אַ חודש מער; פאַר אַ צווילינג — אַ גאַנצן פינפערל.

אַ זונטאָג פרי, ווען מיסטער גאַלון האָט באַמערקט לויט דעם וואַסער־מיטער, אַז עפּעס צופיל מענטשן נעמען זיך אַ באָד אָדער אַ שפּריץ, פלעגט ער אַרונטערגיין אין קעלער, פאַרדרייען די וואַסער און לאָזן שטיין די שכנים איינגעזייפטע...

דערפאַר האָט אָבער שטאַרק געקלאַפּט זיין האַרץ פאַר די אידן זיי זאָלן האָבן אַ סוכה אין הויז פאַר די סוכות־טעג...

זיין רעכענונג איז געווען — צי ער זיצט אין סוכה צי ניט, מוז ער אָבער פון לייטנס־וועגן אויפשטעלן אַ סוכה. דערביי האָט ער געמאַכט אַ חשבון, אַז ווי־ניט־ווי וועלן פון זיינע איבער הונדערט שכנים זיך געפינען אַ פופציג, וואָס וועלן גרייט זיין אים צו צאָלן פאַר אַ וואָך רענט צו זיצן אין סוכה. און אויב אפילו ניט עסן, האָט ער ווייטער גע׳חשבונ׳ט, וועלן זיך געפינען שכנים, וואָס וועלן צאָלן פופציג סענט פאַר מאַכן קידוש, אַ קוואָדער פאַר ליכט־בענטשן, און פינף־און־דרייסיג סענט פאַר בענטשן אתרוג אין סוכה...

אָבער גלייך דעם ערשטן טאָג סוכות זיינען אַלע חשבונות צערונען געוואָרן. ווי אַ סירענע־רוף האָט אָנגעוואָרפן אַ ציטער צווישן אַלע שכנים די נייעס, אַז פונקט ערב סוכות האָט מען „געקידנעפּט״ דאָס קליינע אינגעלע ביי דעם לענדלאָרד מיסטער גאַלון. דערביי האָט מען שוין אויך דערציילט, אַז מ׳וויל פון אים הונדערט טויזנט דאָלאַר, אַ פערטל מיליאָן, דער פּרייז איז שוין אַרויף ביז אַ גאַנצן מיליאָן...

אין דער צייט, וואָס די שכנים האָבן זיך געטומלט, האָט מיסטער גאַלון געקלאַפּט טרעוואָגע ביי דער פּאָליציי. די שכנים האָבן שוין אפילו גע־שמועסט, אַז מיסטער גאַלון וועט געבן די „קידנעפּערס״ דאָס געלט און דער־נאָך וועט ער העכערן זיי דאָס דירה־געלט און נאָך מאַכן פּראָפיט פון דעם געשעפט...

אַזוי זיינען אַוועק די ערשטע טעג סוכות. אין סוכה האָט קיינער ניט אַ שמעק געטאָן. אָבער, אַרום הויז איז געווען הימל עפן זיך...

דעם ערשטן טאָג חול־המועד האָבן עטלעכע לײדיג־גייערס דערזען די זון. זיי האָבן באַשלאָסן אַרויפצוגיין אויפן דאַך צו שפּילן אַ פּינאַקל און דערביי זיך אָנשעפּן מיט פרישע לופט.

אַרויפקומענדיג אין דער הויך האָבן זיי דערזען די סוכה. איז זיי איינ־געפאַלן אַרויסצונעמען אַ טישל מיט שטולן צו זאָגן „תהילים״, ס׳הייסט, צו שפּילן פּינאַקל, אויף דעם אמת כשר׳ן טיש...

ווי דערשראָקן זיינען זיי אָבער געוואָרן, ווען זיי האָבן אַ עפן געטאָן די טיר און דערזען פאַר זיך אַ פאַר׳חלש׳ט קינד, וואָס ליגט שוין דאָ אַ פּאָר טעג ניט געגעסן און ניט געטרונקען...

די פּאָליציי איז באַלד געווען אויף די פיס. די ערשטע זאַך האָבן זיי אַרעסטירט די פּינאַקל־שפּילער אַלס די „קידנעפּערס״... אָבער נאָכדעם ווי

עס איז אויפגעקלערט געוואָרן, אַז דאָס אינגעלע האָט זיך אַליין פֿאַרמאַכט אין סוכּה און אים איז ניט איינגעפאַלן אַ צי צו טאָן די טיר צו זיך, אַז ער זאָל קאָנען אַרויס — האָט די פּאָליציי זיך גענומען צום לענדלאָרד, מיסטער גאלון, פאַר אַנדערע זאַכן.

דאָס מאָל האָט שוין מיסטער גאלון גאָרניט געקענט טאָן מיט דער פּאָליציי, ווייל די פּאָליציי, די זוכער פון די „קידנעפּערס", זיינען געווען פון אַ גאַנץ אַנדער חדר...

די ערשטע זאַך איז מיסטער גאלון געוואָרן אָנגעקלאָגט פאַר האַלטן אַ געהיימען געמבלינג־פּלאַץ אויפן דאַך. ערשט דערנאָך האָט מען זיך גע־כאַפּט, אַז ער האָט זיך געלאָזט בויען אַ פּלאַץ אויפן דאַך אָן דער נויטיגער דערלויבעניש פון דער רעגירונג.

אַזוי האָט מיסטער גאלון גענומען קריגן דעם ריכטיגן „קוויטל" נאָך פאַר הושענא רבה. מיט דעם אָפּזוכן זיך פון זיין „געקידנעפּטן" אינגל, האָט ער זיך אָפּגעזוכט די אמת׳ע צרה מיט זיין ניי־אויסגעבויטער סוכּה, וואו ער האָט געהאָפּט ווידער צו קענען שינדן די הויט...

פאַר איי‎ניגע שכנים האָט ער זיך באַקלאָגט מיט האַרץ־ווייטאָג:

— נו, גיי זיי פרום און בוי אַ סוכּה, אַז אָט אַזוי דינט מיר אָפּ גאָט פון אויבן...

מאַכן אַ מענטשן פון שניי איז אַ פיינער קינדער־שפּיל, אָבער מאַכן אַ מענטשן צו בלאָטע איז שוין גאָרנישט מענטשלעך...

מיט שיינע רייד קאָן מען ניט העלפן געגן שלעכטע צייטן — פּונקט ווי אַ „שפּרוך" קאָן דעם וועטער ניט בייטן...

דער רייכער האַלט פון פּסוק: גנבֿ׳ע און גזל — נאָר שריי — ס׳איז מזל...

אַ ליסענע איז גרינג צו קאָמען
אַ פּוסטע שטוב — גרינג צו ראָמען...

ווי קלוג אַ חיה זאָל ניט זיין, באַשטייט איר שאַרפקייט ניט אין רעדן מיט באַק־ציינער, נאָר — אין קייען...

אַ מציאה פאַר אַ גנב...

ווי איר ווייסט, זיינען פאַראַן מענער ווי פרויען, וואָס האָבן ליב צו כאַפּן מציאות. וועגן אַט־די מציאות פּלעגט מיין מאַמע זאָגן: יעדע מציאה איז ווערט די תליה...

דאָך זיינען דאָ מענטשן, וואָס דענקען, אַז זיי וועלן קאָנען אָפּנאַרן דעם קרעמער. כאָטש אַלע דאַרפן וויסן, אַז זעלטן פּאַסירט, אַז אַ קרעמער זאָל נעמען אַ צעלעכערטן קוואָדער, און די מציאה־כאַפּער שניידן אָפּט אָפּ גאַנץ לעכערלעך...

איר קענט מעקסעלע פּינזע? אָט דער מעקסעלע האָט שטענדיג ליב געהאַט צו זוכן און כאַפּן מציאות. פּאַסירט אָבער אַמאָל, אַז עס מאַכט זיך אים אַ מציאה ווי פאַר אַ גנב. ס׳האָט אים איינער אַריינגעבראַכט אין זיין קרעמל פון אַלטוואַרג אַ פּעקל מיט אַלטע קליידער. כאַפּט ער אַ קוק אינ׳ם פּעקל, ציילט דאָס אָפּ און טראַכט, אַז ער האָט דאָ געפּאַקט די אמת׳ע מציאה. נאָר ווי גיך ער האָט אַרויסגענומען דאָס געלט פון טייסטער און באַצאָלט פאַר׳ן פּעקל, איז זיין פרוי אַריינגעלאָפן מיט אַ געשריי, אַז אַן אומגליק איז געשען, עס איז אַ בראַך מיט אַ קלאָג. מ׳האָט באַ׳גנב׳עט דאָס הויז. אַלע קליידער, סיי אירע און סיי זיינע, האָט מען אַרויסגעטראָגן. מ׳האָט איבער־געלאָזט בלויז די הענגערס אין שאַפע.

כאַפּט שוין מעקסעלע אַ גוטן קוק און דערזעט, אַז דאָס זיינען טאַקע זיינע אייגענע און זיין ווייבס קליידער. מאַכט ער אַ געוואַלד, מ׳כאַפּט דעם גנב, און וואָס מיינט איר איז געווען דער סוף? מ׳האָט טאַקע דעם גנב אַרעסטירט, אָבער מעקסעלע פּינזע האָט טרוקן ניט אָפּגעשניטן. אויך ער איז באַשטראָפט געוואָרן פאַר קויפן גע׳גנב׳עטע זאַכן.

און פון יונה ניקל האָט איר געהערט? מ׳האָט אים איינגערעדט, אַז אין ברוקלין קאָסט ביליגער אַ טעלעפאָן ווי אין די בראָנקס. איז, ווען ער פלעגט וועלן אָפּרופן זיינע קינדער אויפן טעלעפאָן, (זיי האָבן טאַקע געוואוינט אין די בראָנקס) איז ער געפאָרן אין ברוקלין צו כאַפּן אַ מציאה אָבי ניט אָנ־שטאָפּן די טעלעפאָן קאָמפּאַני. קיין מציאה האָט ער ניט געכאַפּט, אָבער דער צונאָמען „יונה ניקל“ איז אים געבליבן.

און אַ לאַנדסמאַן האָב איך אַ מציאה־כאַפּער, וואָס האָט איינמאָל איינ־געהאַנדלט אַ פּאָר שיך, אַן אמת׳ע מציאה. ער האָט באַצאָלט בלויז צוויי דאָלאַר. נאָר ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער אויסגעפונען, אַז ביידע שיך זיינען רעכטע.

און אַז זיין ווייב האָט אים געפרעגט, וואו שטעקט דאָ די מציאה? האָט ער געענטפערט, אַז ער וועט אַריינגיין אַ צווייטן מאָל צום שיך־קרעמער און קויפן די צוויי לינקע שיך פאַר אַ קליינינקייט. ווייל וואָס וועט ער טאָן מיט זיי? און אַזוי וועט ער האָבן צוויי פּאָר שיך פאַר אַ שיבוש.

— און וואָס וועט זיין, — לאַכט פון אים זיין ווייב, — אַז דער שיך־קרעמער וועט געפינען נאָך איינעם אַזאַ „מציאה־כאַפּער" ווי דו און יענעם פאַרקויפןביידע לינקע שיך?

נאָר ווען עס קומט צו מציאות, קען זיך קיינער ניט פאַרגלייכן צו דער מיסעס פלאַדער. די מיסעס פלאַדער וועט צוליב אַ מציאה לויפן עק־וועלט און באַצאָלן יעדן פּרייז, אַבי אַריינצוכאַפּן אַ מציאה...

קליידער קויפט זי שטענדיג פאַר אַ האַלבן פּרייז. נאָר אויב מ'ווייזט איר אָן, אַז דאָס איז ניט איר מאָס און זי וועט דאָס ניט קענען אָנטאָן, זאָגט זי:

„וואָס איז, איך בין דאָס אַזוי געבוירן געוואָרן מיט דער טאַליע? אויב מ'קען געווינען וואָג, קען מען אויך פאַרלירן. אַזוי גיך ווי איך וועל אַרונטערשניידן פון זיך אַ זעכצן־אַכצן פונט, וועל איך האָבן אַ קלייד פאַר צוועלף דאָלאַר און דאָס איז אַן אמת'ע מציאה".

אַזוי איז אויך ווען די מיסעס פלאַדער לאָזט זיך אַרויס קויפן שפּייז. זי נעמט מיט מיט זיך פון הויז אַ וועגעלע און ברענגט אַ וואָגן...

אַז דער מאַן פרעגט זי, צו וואָס זי דאַרף אַזויפיל בולבעס, ענטפערט זי:

„וואָס איז, די בולבעס בעטן ביי דיר עסן? עס איז דאָך פּשוט בחינם".

„און וואָס דאַרפסטו אַזויפיל גרינצייג?", וואונדערט ער זיך, „עס וועט דאָך קאַליע ווערן".

לאַכט זי אים אויס:

„ווייסט ניט, אַז איצט איז דער סיזאָן, און גרינצייג איז ביליג ווי באָרשט?"

„אָבער צו־וואָס דאַרפסטו אַזויפיל רעטאַכער מיט אוגערקעס, אַז מיר טאָרן דאָס גאָרניט עסן?"

„אַי, זאָלסטו מיר געזונט זיין, פאַר דעם פּרייז מעג דאָס ליגן אפילו ניט צום עסן".

דערפאַר אָבער איז שוין איר פריינדינע, די מיסעס רעשל, אַ מציאה־כאַפּערין אויף גאָר אַן אַנדער אופן.

די מיסעס רעשל ווייסט פון אַלע קראָמען וואו מ'אַנאָנסירט מציאות. זי ווייס פון אַלע אינסטיטוציעס, וואו עס קומען פאָר באַזאַרן, און וואו אַ באַזאַר דרייט זיך שוין אַרום די מיסעס רעשל און טאַפּט מציאות.

זי טרעפט אויף אַ טיש אַ רעדל מיט שיינע בענדעלעך, וואָס עס וואָלט

איר געפּאַסט צו די האָר. פאַר דעם צוועק דאַרף זי בלויז אַ האַלבן אַרשין. פרעגט זי דעם פּרייז און געפינט אויס, אַז עס איז זייער ביליג. קויפט זי אָפּ די גאַנצע ראָד מיט פינף־און־זיבעציג אַרשין.

אין הויז לאַכט דער מאַן פון דער מציאה און פרעגט:

„וואָס וועסטו טאָן מיט דעם? קענסט דאָך איצט די גאַנצע גאַס אַרומ־בינדן מיט די בענדלעך".

גיט זי אַ מאַך מיט דער האַנט: „פאַרלאָז זיך אויף מיר. די בענדלעך זיינען גוט ניט נאָר פאַר די האָר. מ׳קען מיט דעם אויך באַפּוצן פאָרהאַנגען, קליידער, טישטעכלעך און וואָס ניט? און ווייסטו וויפיל איך קען שפּאָרן מיט דעם?"

אויף מאָרגן איז זי שוין ווידער געווען ביים באַזאַר און איינגעקויפט סחורה פאַר פאָרהאַנגען, פאַר טישטעכער און אַנדערע זאַכן...

ווען דער מאַן האָט דערזען די שטיקער סחורה אויפ׳ן טיש, האָט ער זיך צעשריען:

„געוואַלד, וואָס האָסטו געמאַכט פונ׳ם הויז, אַ שניט־קראָם? צו־וואָס דאַרפסטו אַזויפיל סחורה?"

מיסעס רעשל האָט זיך גענומען פאַרענטפערן:

„איך פרעג דיך, ווי וואָלסטו געהאַנדלט, ווען זיי בעטן ביי דיר פערציג סענט אַן אַרשין, ווען זיי דאַרפן שניידן, נאָר אויב מ׳וויל די גאַנצע שטיק סחורה, וועט דאָס קאָסטן בלויז אַ קוואָדער אַן אַרשין? פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אָפּגעקויפט די גאַנצע שטיק סחורה".

מיסעס רעשל ווייזט אים אַ צווייטע מציאה, וואָס זי האָט איינגעהאַנדלט ביים באַזאַר, אַ גרינעם טייסטער.

וואָס עפּעס אַ גרינער טייסטער? איז די מעשה אַזוי: זי האָט געפונען אין אַ שופלאָד אַ טוץ גרינע קנעפּלעך, איז וואָס וועלן די קנעפּלעך אויס־ליגן? האָט זי איצט איינגעהאַנדלט אַ טייסטער און זוכט שוין אַרום אַ שטיקל סחורה פאַר אַ קלייד, וואָס זאָל פּאַסן צו דעם טייסטער און די קנעפּלעך... און אַ גרינע העט, זאָגט זי, איז שוין ניט שווער צוצופּאַסן.

איין טאָג, ווען מיסטער רעשל איז אַריינגעקומען אין הויז, האָט ער גע־טראָפן אַ פּיאַנאָ־שטול, וואָס זיין ווייב האָט אים איינגעהאַנדלט ווי אַ גרויסע מציאה. ער איז געוואָרן אַ פאַרציטערטער פון דעם געדאַנק, אַז צוליב דער מציאה מיט דעם פּיאַנאָ־שטול, וועט ער שוין מאָרגן אויך האָבן אין הויז אַ פּיאַנאָ... און — ווער ווייסט, זי קאָן נאָך אויך אָנפאַנגען צו נעמען פּיאַנאָ־לעסאָנס?...

קורצע אויסצוגן פון אַרטיקלען, וואָס קריטיקער און שרייבער זאָגן וועגן סעם ליפּצין׳ס שאַפן:

מ. אָלגין (אין דער „מאָרגן־פרייהייט״):

„סעם ליפּצין (אַנקל סעם) האָט זיך גענומען אויספּילן די פונקציע פון באַאיינפלוסן די מאַסן אינעם קלאַסן־גייסט דורך די מיטלען פון פעליעטאָנען, בילדלעך, שטיפעריי־ען, לייכטע לידלעך, מאָנאָלאָגן, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט ערלעכן און געדעכטן האָס צו די אונטערדריקער און מיט נאַטירלעכער ליבשאַפט צו די אונטערדריקטע. סעם ליפּצין האָט אַריינגעטראָגן זיין אייגענעם זשאַנר אין זיין שרייבן. ער איז ניט קיין אימיטאַטאָר. ער איז עכט״.

נ. בוכוואַלד (מיט אַן אָפּשאַצונג, 22טן מאַי, 1954):

„...מיר איז אָנגומלטן אויסגעקומען דורכצושטודירן סעם ליפּצין׳ס בוך, אַמאָל איז געווען׳ און כ׳האָב פון דאָרטן גענאַשט עטלעכע פּראַכטפולע אַנעקדאָטן וועגן אַמאָליגן סוועט־שאָפּ און זיי אייגעגלידערט אין דעם טעקסט פון „קאָלאָמבוס׳עס מדינה״. נאָר דערביי האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך באַגיי אַ גרויסע עוולה קעגן סעם ליפּצין׳ען, ווייל באַדאַרפט וואָלט מען ציטירן נישט צוויי אָדער דריי אַנעקדאָטן זיינע, נאָר דאָס גאַנצע בוך. און צו וואָס טאַקע זיך ברעכן דעם קאָפּ וועגן שאַפן אַ בילד פון יענער עפּאָכע, אַז ביי ליפּצין׳ען קריגן מיר עס פאַרטיגערהייט — סיי אין אינהאַלט און סיי אין פאָלקישער פאָרם״.

י. ב. ביילין („מאָרגן־פרייהייט״):

„די מעלה פון ליפּצין׳ס הומאָר, וואָס ער איז מערסטנס אַזוי פאָלקיש, אַז ער ווערט גערן אויפגעכאַפּט פון יעדן פאָלקס־מענטשן.

„יאָ, אונזער אויטאָר האָט אין דעם בוך אַן עפּיגראַם נישט בלויז פאַר יעדער די־לעמע, נאָר אויך פאַר יעדער טעמע. לאָמיר אויף טשיקאַוועס אַ בלעטער טאָן און דורכ־פליען די הונדערטער שפּריכווערטער, גלייכווערטלעך, אַפאָריזמען, אַקסיאָמאַטישע באַהויפּ־טונגען, הומאָריסטישע פערזן. נישט אָפּצושטעלן זיך אויף זיי — ,פאָלג מיך אַ גאַנג׳, זיי פאַרנעמען דאָך אַ בוך, אָנגעפּאַקטע 175 זייטן!״

בער גרין („אידישע קולטור״, דעצ. 1955):

„פאַראַן אין ליפּצין׳ס בוך („אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט׳) לידער פון שלום, קאַמף פאַר מענטשן־רעכט — און אַלץ אין אַ לייכטן, געמיטלעכן טאָן. פאַראַן אַ סך פיינע שטיפעריי און שפּילעריי אין די וויינציגער־ערנסטע לידער. אייניגע פון זיי ציילכענען זיך אויס מיט אַ מילדן, שטילן הומאָר, ווי, למשל, דאָס ליד ,אַ רעקלאַמע — פאַר דער מאַמע׳, און ענ־לעכע פון דעם מין.

„די אַפאָריזמען זיינען פיין־געשליפן, און זיינען אַזוי בליציג און געראָטן, אַז זיי קענען מיט דער צייט ווערן פאָלקס־ווערטלעך, שפּריכווערטער, דאָס הייסט, אַריין אין דעם געברויך פון אונזער טאָג־טעגלעכן לשון.

מ. גאָלדין (אין „נייע פּרעסע״, פּאַריז, 7טן יוני, 1952):

„סעם ליפּצין איז אַן אמת׳ער פאָלקס־שרייבער, אַ דערציילער, וואָס קען אויף אַ שפּאַנענדיג־הומאָריסטישן אופן באַשרייבן און כאַראַקטעריזירן... דעריבער לייענען זיך די קאַפּיטלען (אין ,אַמאָל איז געווען׳) אַזוי פאַרכאַפּנדיג, ווייל מען שפּירט דעם לעבעדיגן אָטעם פון מענטשן, פון אַן אַרבעטער, וואָס פאַרשטייט די ראָל פון אָרגאַניזירטן אַר־בעטער־קלאַס און וועלכער איז אַדורכגעדרונגען מיט טיפע ערלעכקייט, מיט שטרעבונגען פון אַ געדעכטע געזעלשאַפט.

ז. ווײַנפּער (אין „יידישע קולטור״, אָקטאָבער, 1951):

„פֿאַראַן אַ היפּשע מאָס גוטמוטיגער קאָמיזם אין דעם אופן, ווי סעם ליפּצין (אין אַמאָל איז געווען) ווייזט אונז אָט דעם פּעריאָד, און עס איז אָט דער גוטמוטיגער קאָמיזם, וואָס דערוואַרעמט שטאַרק אייער האַרץ צו דעם מענטש סעם ליפּצין, וואָס איז אַליין געווען אַ טייל פֿון אָט דעם שוידערלעכן פּעריאָד, אַליין געווען נישט איין מאָל איינער פֿון די, וואָס זיינען געשטאַנען אויפֿ׳ן חזיר־מאַרק און געוואַרט, אַז עמעצער זאָל קומען קויפֿן זיינע יונגע הענט, און דאָך אַזאַ גוטסקייט און אַזאַ אויג פֿאַר׳ן קאָמישן און דעם גאַנצן שוידער פֿון יענעם פּעריאָד״.

דבורה טאַראַנט („יידישע קולטור״, פֿעברואַר 1957, ז׳ 11).

„סעם ליפּצינ׳ס אויסדרוק־פֿאָרם איז סיי לייכטער, גוט־מוטיגער הומאָר און סיי בייסיגע סאַטירע, אַפֿאָריזם און וויץ. דערפֿאַר זיינען זיינע ווערק צוגעפּאַסט צום פֿאַרלייענען ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן. זיין הומאָר און סאַטירע קאָנען ניט אָפּגעטיילט ווערן פֿון אינהאַלט. זיי דעקן אויף און רייסן אַרונטער געזעלשאַפֿטלעכע איבלען און שרייען אויס קעגן סאָציאַלן אומ־יושר, ברענגען אַרויס מענטשלעכע שוואַכקייטן, קליינלעכקייטן און לעכערלעכקייטן. רופֿן זיי אַרויס ביים לייענער און צוהערער ניט נאָר אַ שמייכל אָדער געלעכטער, נאָר צווינגען אים צו פֿאַרטראַכטן זיך.

ר. יוקלסאָן („זאַמלונגען״, 1955):

„אין דעם פּרט קאָן מען ליפּצינ׳ס „אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט״ באַצייכענען ווי אַ פּאָפּולערער מוסר־בוך און גלייכצייטיג — אַ לערע וועגן עטיק, אַ מין פּרקי־אבות. אָט־די געדאַנקען זאָגט דער מחבר אַרויס אויף וואַריאירטע אופֿנים, דורך אַלערליי פֿאָרמען און מיטלען, אין אַ שפּראַך אַ פּשוטער, אַ פֿאַרשטענדלעכער פֿאַר יעדן בן־אדם — פֿאַר דעם אַרבעטער און דער הויז־פֿרוי, פֿאַר דעם פּשוט׳ן פֿאָלקס־מענטש ווי פֿאַר דעם אינטעליגענט, אָבער מיט אַ באַזונדער־וואַרעמער באַציאונג צו דעם באַעוולהטן, דעם געקריוודעטן״.

משה כיץ („מאָרגן־פֿרייהייט״, דעם 2טן מאַי, 1942):

„מיר איז שוין נישט איינמאָל ביי אַנדערע געלעגנהייטן אויסגעקומען אָנצואווייזן, אַז סעם ליפּצין האָט אַ שאַרף אויג און קאָן באַמערקן אמת־קאָמישע סיטואַציעס אין געוויינטלעכסטע אומשטענדן, וואו אַן אַנדערן וואָלט גאָרניט איינגעפֿאַלן זיי צו זוכן.

„... סעמ׳ס איינאַקטערס זיינען זייער אַ גוטער מאַטעריאַל פֿאַר קלובן: זיי זיינען לעבעדיג, פֿאַרשפּיצט, סאַטיריש און צייטמעסיג... אָנקל סעמ׳ס לידער אויף פּאָפּולערע מאָטיוון האָבן אַלע מעלות פֿון זיין שרייבן: זיי זיינען פּשוט, לעבעדיג, זינגעוודיג, לאָזן זיך לייכט איבער׳חזר׳ן און זיינען צוגעפּאַסט פֿאַר אַ גרויסן עולם״.

מ. לוב (דייטשע צייטונג „אויפֿבוי״, ניו יאָרק, 13טן דעצ., 1946):

„... דער נאָמען פֿון דעם ענגלישן בוך „אין ספּאַיט אָוו טיערס״ פֿון סעם ליפּצין איז זייער צוגעטראָפֿן צו דעם כאַראַקטער פֿון זיין הומאָר און פֿון אידישן הומאָר בכלל. דורך דער קאָמעדיע פֿילט זיך די טראַגעדיע, וועלכע איז ערגעץ אין הינטערגרונט. די קורצע דערציילונגען, הומאָרעסקן, סקיצן, מאָנאָלאָגן און אַפֿאָריזמען זיינען זייער פֿאַרשיידנאַרטיג אויסגעשטעלט — אַן אידעאַלער לייען־שטאָף פֿאַר רייזעס אויף קורצע און לאַנגע שטרעקעס.

„עס זעט זיך אָן, אַז דער פֿעליעטאָניסט סעם ליפּצין איז שטענדיג גרייט אַרויסצוברענגען אַ שטאַנדפּונקט, האָט אַלעמאָל אינזינען אָנצוהאַלטן דעם אינטערעס פֿון דעם לייענער, אָבער איז שטענדיג און אומבאַדינגט באַוואוסטזיניג וועגן זיין מיסיע אַלס אַ איד אין אַמעריקע. גלייכצייטיג קלינגט אַלץ, וואָס ער דענקט, פֿאָרמולירט און ברענגט אַרויס אַזוי פֿריש, כאָטש עס איז איינגעפּאַסט אין אַ לייכטן הומאָריסטישן טאָן״.

קלמן מרמר („מאָרגן־פֿרייהייט״, ניו־יאָרק, 1952):

„איך האָב דאָס בוך „פֿאַר פֿרייד און פֿרידן״ פֿון סעם ליפּצין דורכגעלייענט, „פֿון

טאָוול ביז טאָוול׳, אַזוי ווי דעם צוואַנציגסטן בוך ,אַמאָל איז געווען׳.

„,אַמאָל איז געווען׳ פאַרצייכנט הומאָריסטיש און סאַטיריש אַ האַלבן יאָרהונדערט גערראַנגלעניש פונ׳ם אַמעריקאַנעם אידישן אַרבעטער פאַר יושר און פרייהייט. דאָס בוך ,פאַר פרייד און פרידן׳ באַגלייט מיט געזאַנג צום קאַמף די נייע שטריכן פון איד און מענטש פאַר גלייכהייט און שלום. די ,רעציטאַציעס, משלים, סאַטירישע און דראַמאַטישע פערזן׳ האָבן נאָך דערצו די גרויסע מעלה, וואָס זייער מענטשן־ליבע און קאַמף פאַר יושר איז אַזוי אויפריכטיג ווי די אַרבעטער־געזאַנגען פון דוד עדעלשטאַט און די אַנדערע ערלעכע פיאָנערישע אַרבעטער־דיכטער״.

יעקב מעסטל (אין „יידישע קולטור״, מערץ, 1949):

„סעם ליפּצינ׳ס פאַך איז הומאָר. אָבער דער עכטער קאָמיקער, האַלטן טעאַטער־מענטשן, איז אויך צוגלייך אַ טראַגיקער. טרעפט איר צווישן זיינע לייכטע שפּילייריען פיגורלעך און סיטואַציעס, וואָס רירן אייך מיט זיין טראַגיקאָמיק ביז וויטיג. אין זיין שרייבן, ווי אין זיין נאַטור, ליגט אַ ניצוץ פון אַ סאַטיר — האַלב־ערנסט, האַלב־שפּאַסיג. ליפּצין איז שטענדיג אַ שמייכלדיגער; אָבער אין זיין שמייכל טליעט ערגעץ־וואו אַ פאַר־באַרגענער צער. אין זיין הומאָר איז שטענדיג אַדורכגעזאַפּט מיט עפּעס אַ טיפן ערנסט, ווי ער וואָלט וואָרענען: נישט שטענדיג קאָן מען לאַכן!״...

פּ. נאָוויק (פון זיין רעדע, 22טן מאַי, 1954):

...„סעם ליפּצין איז ניט קיין לייכטער לונג און לעבער. אים אַרט זאַכן; עס הערט אים ניט אויף צו אַרן; און ווען ער ווערט אָנגעלאָדן מיט אומרו — און ווען פּאַסירט עס דען ניט? נעמט ער זיך ווידער צום משל מיט׳ן נמשל, ווי מיט העכער פערציג יאָר צוריק אויף די סאָציאַליסטישע מיטינגען, אָדער צו די וויצן, צו די גראַמען, און אַלץ מיט אַ מיין, מיט אַ שטאָך, מיט אַ פליעסקע פון פרייד — און אַלץ מיט אַ ציל.

„ליפּצין איז, לויט מיין מיינונג, איבער אַלץ — אַן אינסטיטוציע. און דאָס איז אפשר די בעסטע באַצייכענונג פאַר אים. אַ קעמפער, אַ בויער, אַ שרייבער, אַ שניידער, אַ קעמ־פּיינער, אַ רעדנער, אַ געלט־זאַמלער (פאַר דער באַוועגונג), אַ פּאַרלייענער, אַ פרייל־עך־מאַכער. און דאָס איז ווייט ניט אַלץ. ליפּצין איז אויך געשיכטע. זיין בוך „אַמאָל איז געווען״ איז איינער פון זיינע וויכטיקסטע ביכער, און אַ גרויסער ביישטייער צו דער גע־שיכטע, צו דער אינטימער, מענטש־מענטשלעכער געשיכטע פון שאַפּ־אַרבעטער, זיינע לייד און פריידן״.

ד. קאַרפּינאָוויטש („פאָלקס־שטימע״, פוילן, 25טן פעב., 1956):

...„סעם ליפּצין שרייבט ניט גלאַט־אַזוי. זיין שרייבן איז ציל־געווענדעט און ציל־באַוואוסטזיניג.

„אין איינעם פון זיינע אַפאָריזמען זאָגט סעם ליפּצין: ,אַ שרייבער וואָס איז רייך אין געדאַנקען, דאַרף זיך ניט וואָרפן מיט קיין ווערטער׳. די דאָזיגע מעקסימע ווענדעט דער אויטאָר אָן קודם־כל לגבי זיך אַליין. זיינע ווערטלעך זיינען קאָנסטרואירט לאָקאָניש און ,קאָמפּאַקט׳, אין רעזולטאַט פון וואָס זיי זיינען זייער שלאָג־פערטיג. זייער שטאָך טרעפט אין פּינטל אַריין.

„הגם סעם ליפּצין איז קודם־כל סאַטיריקער און פעליטאָניסט פאַרגעסט ער נישט אונז צו זאָגן, אַז אויך ביים שרייבן הומאָר ,מוז דער שרייבער זיין ערנסט׳. די דאָזיגע ערנסטקייט פון ליפּצינ׳ס סאַטירע שטאַמט פון זיין קלאָרן קלאַסן־באַוואוסטזיין״.

פּ. קאַטאָווסקי („היינט״, אַרגענטינע, 11טן דעצעמבער, 1949):

...„ליפּצינ׳ס בוך איז אַ קוואַל פון מאַטעריאַל פאַר שוישפּילער און דראַמקרייזן. ער איז אַ מזל־ברכה פאַר רעציטאַטאָרס און קולטור־אונטערנעמונגען. עס איז פאַרטיגער מאַטעריאַל, וואָס בעט זיך ממש: נעם און רעציטיר מיך! ס׳איז לעבעדיג און שפּילעוו־דיג. ס׳איז קרומער שפּיגל. דער עולם וועט לאַכן — אָפּטמאָל פון זיך אַליין און — ניש׳קשה — אויך עפּעס לערנען.